STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04108

YIDN IN MIZREH-EYROPE

B. Nadel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלײנע ביבליאטעק № 8

ב. נאַדעל

ײדן אין מזרח־אײראפּע

פון די עלטסטע צײטן
ביז דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע
(1240)

פאַרלאַג ײדיש בוך וואַרשע

1960

№ 8 Mała Biblioteka

B. NADEL

Żydzi w Europie wschodniej od najdawniejszych czasów do inwazji mongolskiej (1240)

Redaktor B. MARK
רעדאַקטאָר: ב. מאַרק

WYD. IDISZ BUCH — WARSZAWA, NOWOGRODZKA 5

Nakład 3000 egz. Papier druk mat. B-1 70/100. Ark. druk. 10. Ark. wyd. 6. Druk ukończono w czerwcu 1960.

Druk. RSW „Prasa", — Tarczyńska 8
Zam. 5915 — C-78

פּעריאָדיזאַציע און מקורים

הקדמה

די עלטסטע געשיכטע פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע הייבט זיך אָן מער ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און באַציט זיך צו די צייטן פון אַלטערטום און מיטלאַלטער. כראָנאָלאָגיש צעפאַלט זי זיך אין דריי תקופות: די גריכיש־רוימישע I—IV י״ה נ. צ.*), די כוזרישע (VII—מיטן פון X י״ה און די אַלטקיעווער (965—1240). אין משך פון די דאָזיקע עפּאָכעס זענען די יידישע קיבוצים געווען קאָנצענטרירט הויפּטזעכלך אין ד ר ו ם ־ ר ו ס ל אַ נ ד: קרים און קאַווקאַז (אַלטערטום), קרים, קאַווקאַז, געביטן ביי דער וואָלגע, דאָן, דניעפּר (כוזרים־תקופה), קרים, לענדער ביים דניעפּר (קיעווער תקופה). אין משך פון די דריי פאַרשידענע עפּאָכעס, אין וועלכע דאָס לעבן און די פּאָליטישע באַדינגונגען אין מזרח־אייראָפּע האָבן זיך קאַרדינאַל געענדערט יעדעס מאָל, האָט די יידישע באַפעלקערונג געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, אָן עקאָנאָמישע און קולטורעלע, צווישן די אַרומיקע פעלקער און צוגעטראָגן איר ביישטייער צו דער אַלגעמיינער קולטור־גע־

---

*) דאָ און ווייטער ווערן אָנגעווענדעט פאָלגנדע קירצונגען: נ. צ. — נייע צייט־רעכענונג; פ. נ. צ. — פאַר נייער צייטרעכענונג (פ. ק. — פאַר קריסטוסן).

שיכטע פון מזרח־אייראָפּע אין אַלטערטום און פריען מיטל־אַלטער. נישט ווינציקער באַדייטנדיק איז אויך געווען די ראָל פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע ווי אַ פאַרבינדנדיקער פאַקטאָר צווישן די מזרחדיקע און מערבדיקע יידישע קיבוצים און אַלס איינער פון די וויכטיקסטע צענטערס, וווּ עס איז פאָרגעקומען די צונויפשמעלצונג פון אָריענטאַלישע, מערבדיקע, פריש אָנגעקומענע און אלטאיינגעזעסענע יידן, יודאַיזאַנטן (סאַר־מאַטן, כוזרים, קומאַנען) אין איין גוף, פון וועלכער עס שטאַמט אָפּ אין אַ געוויסער מאָס דאָס שפּעטערדיקע פּויליש־רוסישע יידנטום. ליידער זענען די מקורים, וועלכע מיר באַזיצן, זייער קנאַפּע און באַלויכטן נאָר געוויסע מאָמענטן פון דעם פילזייטיקן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם דאָזיקן איבערטויזנטיאָריקן פעריאָד, פאַרבונדענע הויפּטזעכלעך מיטן רעליגיעזן לעבן (ידיעות וועגן בתי־תפילה, בית על־מינס אין דער אנטיקער תקופה, איינפלוס פון יהדות אויף נישט־יידן און רעליגיעזע פּאָלעמיק אין אלע תקופות) און נאָר אין אַ געוויסער מאָס מיט דער סאָציאַלער און פּאָליטישער לאַגע. פון דער אַנטיקער תקופה פאַרמאָגן מיר בלויז אויפשריפטן אויף מצבות, יורידישע דאָקומענטן, פראַטאָקאָלן פון פאַרזאַמלונגען (אויף שטיינער) און בוי־אויפשריפטן, וואָס שטאַמען פון יידן, יידישע גרים און יודאַיזאַנטן. די אויפשריפטן זענען געשריבן אין דער גריכישער שפּראַך און שטאַמען פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען.

עס איז באַקאַנט, אַז דער גרעסטער טייל זאַכן, וועלכע מען געפינט ביי אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען פון אַמאָליקע ישובים, איז נישט געוואָרן ספּעציעל באַגראָבן אין דער ערד. צוליב אַטמאָספערישע דערשיינונגען, אונטער דער ווירקונג פון וואַסער און ווינט, אָדער אין רעזולטאַט פון מענטשלעכער טע־

טיקייט ווערן חרוב געוואָרענע איינצלנע געביידעס און גאַנצע קיבוצים באַדעקט מיט אַ שיכט ערד, אויף וועלכער אין די שפּע טערדיקע היסטאָרישע עפּאָכעס באַזעצן זיך נייע איינוווינער. די מעשה חזרט זיך אָפּטער איבער, ווייל ישובים ווערן פאַרלאָזן דורך מענטשן צוליב פאַרשיידענע סיבות, צומערסטן אָבער אין רעזולטאַט פון מלחמות און שׂרפות. און אַזוי איז משך פון דו־רות וואַקסט אויס אַ דיקער ערד־שיכט פול מיט סימנים פון דער אַמאָליקער מאַטעריעלער קולטור (געשיר, כלי־זיין, גע ביידעס א. א. וו.) אַזוי ווי די קולטור־רעשטן פון פאַרשיידענע צייטן אונטערשיידן זיך צווישן זיך, איז דאָ אַ מעגלעכקייט גאַנץ גענוי צו אונטערשיידן אין דעם ערד־שיכט, וואָס מען דעקט אויף ביי אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, אַ ריי פּלאַסטן, וואָס שטאַמען אָפּ פון פאַרשיידענע תקופות (אַלט־גריכישע, העלעניסטישע, רוימישע, ביזאַנטינישע, כוזרישע, אַלט־רוסי־שע). דאָס איז זייער אַ וויכטיקער מאָמענט. אַדאַנק אים קאָן מען מער אָדער ווייניקער וויסן, פון וואָס פאַר אַ צייט און פון וואָס פאַר אַן אומגעבונג שטאַמען אָפּ די געפונענע זאַכן און אויפשריפטן. ספּעציעל וויכטיק איז דאָס פאַר אויפשריפטן, וואָס זענען נישט דאַטירט. ערגער איז, ווען די אויפשריפטן זענען געפונען געוואָרן צופעליק (דאָס הייסט ביים לייגן אַ פונ־דאַמענט, גראָבן אַ ברונעם א. א. וו.) אָדער דורך דילעטאַנטן־ליבהאָבער אין פאַריקן יאָרהונדערט, ווען די אַרכעאָלאָגישע וויסנשאַפט איז בכלל געלעגן אין די ווינדעלעך. פון דער כוזרים־תקופה באַזיצן מיר אַ ריי העברעישע דאָקומענטן, באַ־קאַנטע אין דער וויסנשאַפט אונטערן נאָמען „כוזריש־יידישע קאָרעספּאָנדענץ": דער בריוו פון חסדאי אבן שפּרוט, אַ יידי־שער מלוכה־מאַן אין שפּאַניע אין דער העלפט פון X י"ה צום כוזרישן מלך יוסף און דער ענטפער פון מלך אין צוויי

רעדאַקציעס פון XII—XI י״ה (דער אָריגינאַל איז נישט דערגאַנגען), אַ בריוו פון אַ כוזרישן יידן אין אַ רעדאַקציע פון XIII—XII י״ה (דער א. ג. „קעמברידזשער דאָקו־מענט״), וועלכן מען האָט אָפּגעפונען אין 1912 יאָר. אַ ריי ווערטפולע ידיעות וועגן די כוזרים ווייסן מיר אַדאַנק אַראַבישע רייזנדע און געאָגראַפן, וואָס האָבן געשריבן וועגן מזרח־אייראָפּע: אבן פאַדלאַן, אַל־מאַסודי, טאַבאַרי, אבן חוקל, אבן רוסטע א״א. געוויסע פּרטים דערגענצן אַנדערע קוועלן: פּערסישע (געאָגראַפישער טראַקטאַט „חודוד על עלם״), ביזאַנטישע (טעאָפאַנעס, ניצעפאָר, קאָנסטאַנטין פּאָרפּיראָגענע־טאַ), אַרמענישע (משה כאָרענאַצי, געוואַנד), גרוזינישע („לעבנס־באַשרייבונג פון הייליקן אַבאָ״) און אַלטרוסישע. געוויסע אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן פאַרבונדענע מיט די כוז־רים באַזיצן מיר פון פאַנאַגאָריע אין קרים און סאַרקעל אויפן דאָן.

פון דער אַלט־קיעווער תקופה האָבן מיר אַ ריי ידיעות אין דער אַלט־רוסישע כראָניק (אַ.ג. ליעטאָפּיס) און שפּורן פון יידישע קולטור־איינפלוסן אין ליטעראַרישע ווערק, דאָס רוב איבערזעצונגען פון דער ביבלישער ליטעראַטור (דירעקט פון העברעיש „יוסיפון״, „ספר אסתר״, „יציאת משה״), ווי אויך אין פאָלעמישע למשל, „דאָס וואָרט״ פון מעטראָפּאָליט הילאַר־יאָן) און אין דער מערב־אייראָפּעישער רבנישער ליטעראַ־טור פון XI י״ה אָנהייבנדיק (שאלות ותשובות).

I. אַנטיקע תקופה

מזרח־אייראָפּע אין אַלטערטום

אין אַלטערטום האָט זיך אַ גרויסער טייל פון אייראָפּע געפונען אין דער איינפלוס־ספערע פון דער גריכיש־רוימישער קולטור. גריכנלאַנד אויף די באַלקאַנען און רוים אין איטאַליע זענען געווען די צוויי צענטערס, פון וואַנען די פּאָליטישע און קולטורעלע השפּעה פון די גריכן און דערנאָך פון די רוימער האָט זיך פאַרשפּרייט אויף דער דעמלטיקער „אָיקומענע" (אויף גריכיש „באַוווינטע וועלט"), וואָס האָט אַרומגענומען די לענדער אַרום מיטללענדישן ים אין אייראָפּע, קליין־אַזיע און צפון־אַפריקע. צפון־און צענטראַל־אייראָפּע האָבן דעמלט נישט געהערט צו דער קולטורעלער וועלט. די גריכן אָנהייבנדיק פון VI—VII י"ה פ. ק. האָבן געשאַפן אַ גאַנצע ריי קאָלאָניעס אין פאַרשידענע פונקטן ביי די ברעגעס פון מיטללענדישן און שוואַרצן ים. אויפן צפון־ברעג פון שוואַרצן ים זענען די וויכטיקסטע גריכישע קאָלאָניעס געווען: אָ ל־ ב י ע * אין לימאַן פון טייך בוג (אויף צפון־מזרח פון הייניטיקן

---

* די גריכישע און איראַנישע נעמען ווערן ציטירט אין די אָריגינעלע פאָרמען, אַחוץ די פאַלן, ווען זיי האָבן אַ לאַטיניזירטע פאָרם. די דאָפּלטע קאָנסאָנאַנטן זיינען בדרך כלל פאַראייניפאַכט.

אַטשאַקאָוו), כ ע ר ס אָ נ ע ס אין דרום־מזרח קרים (נישט ווייט פון היינטיקן סעוואַסטאָפּאָל), וועלכע איז אויפגעקומען אגב ערשט אין סוף פון V י״ה, ט ע אָ ד אָ ס י ע, פּ אַ נ־ ט י ק אַ פּ אַ י אָ ן (היינט קערטש) אויפן קערטשער האַלבאינדזל אין קרים, פּ אַ נ אַ ג אָ ר י ע (נישט ווייט פון דער איצטיקער סטאַציע סיענאַיאַ) אויפן טאַמאַנער האַלבאינדזל (דער מערבדיקסטער טייל פון צפון־קאַווקאַזער ברעג צווישן אזאָווער און שווארצן ים) און ג אָ ר ג י פּ י ע (היינט אַנאַפּע), אַ ביסל דרומדיקער אויפן קאַווקאַזער ים־ברעג. אין דער רוימישער תקופה האָט א באַדייטנדיקע ראָל געשפּילט אויך ט אַ נ אַ י ס אין דער לעפצונג פון טייך דאָן.

אין V י״ה פאַראייניקן זיך די גריכישע שטעט אין מזרח־קרים און אויף טאַמאַן אין איין מלוכה, וואָס קריגט דעם נאָמען ב אָ ס פּ אָ ר (אויף גריכיש „דורכפאַר״) פון דעם קערטשער ים־פּאַס, וועלכער האָט דאַן געהייסן דער צימערישער באָספּאָר. די הויפּט־שטאָט פון דער מדינה איז געווען פּאַנטיקאַפּאַיאָן. מיט דער צייט ווערן אריינגעצלי־דערט אין דער מלוכה אויך די שבטים צווישן קובאַן און דאָן ביים אַזאָווער ים און דאָס באָספּאָראַנישע קעניגרייך ווערט גאָר פּרי א מין העלעניסטישער מלוכה־אָרגאַניזם, ווו גריכן הערשן איבער „באַרבאַרן״ (בוכשטעבלעך אויף גריכיש „די וואָס רעדן אויף אַ נישט פאַרשטענדלעכן לשון״). אין קעגנזאַץ צו דער באָספּאָראַנישער מלוכה בלייבן כערסאָנעס און אָלביע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן, ווי דאָס איז באַקאַנט פון דער גריכישער געשיכטע. פון I י״ה שטעלט רוים איין איר הערשאַפט איבער אָלביע און כער־

טאָגעס און איר פּאָליטישע קאָנטראָל איבער דער באַספּאָ־ראַנישער מדינה, וועלכע פּאַרוואַנדלט זיך אין אַן אונטערטע־ניקע מלוכה פון דער רוימישער אימפּעריע.

אין עקאָנאָמישן זין האָבן די גריכישע שטעט ביים צפון־ברעג פון שוואַרצן ים פּאַרגעשטעלט מיט זיך זעלב־שטענדיקע פּ אָ ל י ס ן (שטאָט־מלוכות), וווּ עס האָבן געבליט ערד־אַרבעט, מלאכה און האַנדל. דער עקספּאָרט פון תבואה האָט פּאַרנומען איינעם פון די ערשטע ערטער ביזן III י״ה פאַר דער נ. צ. א באַדייטנדיקע ראָל האָט אויך געשפּילט דער האַנדל מיט פי, שקלאַפן און דער פיש־עקספּאָרט.

אַנדערש האָבן אויסגעזען די עטנישע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַציונגען אין הינטערלאַנד. די פרוכטבאַרע שוואַרצימיקע סטעפּעס זענען געווען דער אָביעקט פון קאַמף צווישן פּאַרשיידענע וואַנדער־פעלקער. די איראַנישע סציטן האָבן אין VIII י״ה אַרויסגעשטויסן קיין קליין־אַזיע די צ י מ ע ר י ע ר (אַ פאָלק, מסתמא, פון טראַקישן שורש, ווי די אורבאַפעלקערונג פון באַלקאַנישן האַלבאינדזל) און באַהערשט די טעריטאָריעס ביים שוואַרצן ים פון צפון־קאַווקאַז ביזן דניעסטער. פון V י״ה פ. ק. באַזעצן זיך אין די דאָזיקע געביטן די סאַוראָמאַטן אָדער ס אַ ר מ אַ ט ן (אויך אַ פאָלק פון איראַנישן שורש) און אין I — II י״ה די אַ ל אַ נ ע ן (לויטן אָפּשטאַם קרובים פון די סאַר־מאַטן).

אין עקאָנאָמישן זין האָבן די שבטים אין די סטעפּעס ביים שוואַרצן ים פּאַרגעשטעלט מיט זיך פאַרשיידענע שטופן פון אַנטוויקלונג:וואַנדערנדיקע שטאַמען (נאָמאַדן), האַלב־באַזעצענע פי־צוכטלער, באַזעצענע לאַנדווירטן א. א. וו. אין

אָנהייב פון דער נייער צייט־רעכענונג הייבן אָן אַריינדרינגען אין די גריכישע שטעט אין קרים און אויפן צפון־קאַווקאַז אַלץ מער און מער פאַרשטייער פון די אַרומיקע שבטים (סציטן — סאַרמאַטן — אַלאַנען), פון די קאַווקאַזישע שטאַמען (אַדיגע אָדער קאַבאַרדינער־טשערקעסן, אַרמענער, גרוזינער) און מזרחדיקע פעלקער (יידן, סיריער, מצרים), וועלכע ברענגען מיט זיך נייע קולטורעלע השפעות. די באַדייטנדיקסטע צווישן זיי איז געווען די השפעה פון די איראַנישע לויט דער שפּראַך סאַרמאַטן, וועלכע זענען געווען אויך פאַרבונדן מיט דער פּערסישער (איראַנישער) קולטור. נישט קוקנדיק אויף דעם איז דער לעבנס־שטייגער און דאָס קולטור־לעבן אין די שטעט ביים שוואַרצן ים אין עצם געבליבן העלעניסטיש ביזן סוף פון דער אַנטיקער תקופה.

דער אָפּשטאַם פון דער יידישער באַפעלקערונג

ד ע ר אָ נ ה י י ב פ ו ן י י ד י ש ן ק י ב ו ץ א י ן מ ז ר ח ־ א י י ר אָ פּ ע, ווי אין די איבעריקע גלות־לענדער, איז ענג פאַרבונדן מיטן פּראָצעס פון צעשפּרייטונג פון יידישן פאָלק (אויף גריכיש „דיאַספּאָרע״) צווישן די אומות העולם. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ ריי היסטאָרישע דערשיינונגען, ווי צוואַנגס־איבערזידלונג (פאַרטרייבונג אין גלות) נאָכן פאַלן פון מלכות ישראל (722 פ. ק.), וואָס איז איינגענומען געוואָרן פון די אַשורים, און מלכות יהודה, וואָס איז באַזיגט געוואָרן דורך די בבלים (586 פ. ק.) און נאָכן אונטערדריקן דעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים אין די יאָרן 66 — 70 און דעם אויפשטאַנד

פון בר־כוכבא אין 135 פון דער נ.צ. פ ר י י װ י ל י ק ע ע מ י ־ג ר אַ צ י ע, אָנהייבנדיק פון די העלעניסטישע צייטן און פ ר אָ ז ע ל י ט י ז ם, ד. ה. די באַקערונג פון נישט־יידן צום יידנטום. די דאָזיקע דריי מאָמענטן האָבן געשפּילט אַלע־מאָל אַ גרויסע ראָל אין פּראָצעס פון פאַרמירונג פון יידישע ישובים אין די פריע צייטן, כאָטש אין פאַרשיידענע פּעריאָדן איז דער באַדייט פון יעדן פון די דריי פאַקטאָרן געװען אַ פאַרשיידענער. געװיסע שפּורן װייזן אָן אויף פאַרבינדונגען צװישן די עלטסטע יידישע קיבוצים אין דרום־רוסלאַנד און טראַנסקאַװקאַז־מעסאָפּאָטאַמיע (בבל).

עס איז באַקאַנט, אַז שוין אין דער פּערסישער תקופה (V י״ה) זענען אין בבל און בשכנות געװען גרויסע יידישע קיבוצים, װעלכע האָבן געשטאַמט פון די פאַרטריבענע איינ־װוינער פון ארץ־ישראל, הויפּטזעכלעך פון יהודה.

װאָס איז שייך די פאַרטריבענע עשרת השבטים, איז איצט שװער פעסטצושטעלן, װו זיי האָבן זיך געגוני צעזייט און צעשפּרייט. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די יידן אין טראַנס־קאַװקאַז האָט מען געהאַלטן פאַר אַ רעשט פון די פאַרטריבענע אין גלות עשרת השבטים. אויף דעם װייזן אָן אַ גאַנצע ריי לעגענדאַרע מאַטעריאַלן. אַזוי, למשל, לויט דער גרוזינישער טראַדיציע זאָל דאָס פאָלק פון די גוריער אין גרוזיע אָפּשטאַ־מען פון יידן, לויט דער אַרמענישער טראַדיציע זאָלן זיין פון יידישן אָפּשטאַם די דינאַסטיעס באַגראַטוני און אַמאַטוני. זיי זאָלן אַפּנים זיין יורשים פון יענע יידן װעלכע נבוכדנצר אָדער דער אַרמענישער מלך טיגראַנעס (זע װייטער ז׳ 17) האָבן גענומען געפאַנגען און אַװעקגעפירט אין גלות. אין דער „געשיכטע פון אַרמעניע״ פון מ ש ה כ אָ ר ע נ א צ י (V י״ה) װערט דערציילט, אַז די באַגראַטוניס שטאַמען אָפּ פון

אַ געוויסן ש אַ מ ב אַ ט איינעם פון די וויכטיקסטע יידישע געפאַנגענע, וועלכן נבוכדנצר זאָל האָבן פאַרשיקט קיין אַר־מעניע.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ לעגענדאַרער געשיכטע געשאַפן אין דינאַסטישע צוועקן. כדי צו אונטערצושטרייכן זייער אַלטערטימלעכע אָפּשטאַמונג, ווילן די באַגראַטונים באַווייזן, אַז זיי זענען געווען יחסנים נאָך פריער ווי די אַרשאַקידן, וועלכע האָבן געהערשט אין אַרמעניע אין דער העלעניסטישער תקופה. אַלנפאַלס אונטער־ליגט אָבער נישט קיין צווייפל, אַז יידן אין אַרמעניע האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל שוין אין II י״ה פּ. ק. דאָס דרינגט אַרויס פון דעם אָביעקטיוון אַנאַליז פון די דערמאָנטע האַלב־לעגענדאַרע פּרטים. אָבער דאָס, פאַרשטייט זיך, גיט נאָך אונדז נישט קיין רעכט צו רעדן וועגן יידן אין נבוכדנצרס צייטן אין אַרמעניע. נאָך וויכטיקער באַדייט האָט די „געאָ־גראַפיע פון גרוזיע״ פון פּרינץ וואַכושטי (1746 יאָר), כאָטש זי איז אָנגעשריבן אויפן סמך פון אַלטע מקורים, וועלכע זע־נען פאַרלוירן געגאַנגען. דאָרט ווערט דערציילט, אַז ווען נבו־כדנצר האָט איינגענומען ירושלים, איז אַ טייל פאַרטריבענע יידן געקומען קיין גרוזיע און געבעטן דעם הערשער פון מצ־כעטאַ געבן זיי אַן אָרט, וווּ זיך צו באַזעצן, דער מלך האָט מס־כים געווען און באַשטימט זיי אַן אָרט אויפן טייכל זאַנאַוו. צו־ליב דעם מעשר, וואָס די יידן האָבן געצאָלט, האָט דאָס אָרט באַקומען דעם נאָמען ק ע ר ק. וואָס, אפשר, לאָזט זיך פאַר־גלייכן מיט אַראַמיש כרך „פעסטונג״.

אַ סך וויכטיקער איז די לעגענדאַרע טראַדיציע, וועגן וועלכער עס דערמאָנט דער קירך־פאָטער ה י ע ר אָ נ י מ ו ס (געשט. 420 נ. צ.). אינטערפּרעטירנדיק דעם ספר ז כ ר י ה

שרייבט ער, אַז לויט דער יידישער טראַדיציע איז דאָס פאַרטריבענע אין גלות יידישע פאָלק פאַרשיקט געוואָרן דורך די אַשורים און בבלים נישט נאָר אין מדי און פרס, נאָר אויך קיין באָספאָר און אין צ פ ו ן־ל אַ נ ד („פלאַגאַ סעפטענטריאָנאַליס" אויף לאַטיין).

וועגן וואָס פאַר אַ באָספאָר רעדט זיך דאָ?

ווי באַקאַנט זענען אין אַלטערטום געוועזן צוויי ים־דורכגוסן מיטן נאָמען באָספאָר: דער ט ר אָ ק י ש ע ר (איצט אויך באָספאָר ביי קאָנסטאַנטינאָפּאָל) אין דער צ י מ ע ר י ש ע ר אין קרים. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין טעקסט ביי היעראָנימוסן ווערט דער דאָזיקער באָספאָר דערמאָנט צוגלייך מיטן צפונדיקן גאַרטל. לויט די אַנטיקע געאָגראַפישע פאָרשטעלונגען האָט די צפון־זאָנע אַרומגענומען ס צ י ט י ע אָדער ס אַ ר מ אַ ט י ע, ווי מען האָט גערופן מזרח־אייראָפּע אין יענע צייטן לויט די עטנישע נעמען פון די פעלקער, וועלכע האָבן דאָ געוווינט. אויב אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין אונטער דעם באָספאָר, וועגן וועלכן היעראָנימוס רעדט, טאַקע דעם קערטשער ים־דורכגוס. פון דעם דרינגט אַרויס אַזאַ מין וויכטיקער אויספיר: נ אָ ד א י ן ס ו ף IV י"ה ה אָ ב ן ד י יי ד ן א י ן א ר ץ־י ש ר א ל ג ע ה אַ ל ט ן ז יי ע ר ע ב ר י ד ע ר ב יי ם ב אָ ס פּ אָ ר ט יי ל וו יי ז פ אַ ר ק י נ ד ס־ק י נ ד ע ר פ ו ן ד י ע ש ר ת ה ש ב ט י ם.

די דאָזיקע לעגענדאַרע טראַדיציע קאָן מען באַשטעטיקן מיט געוויסע געגעבענע פון יידישע מקורים.

מען מוז זאָגן, אַז די געביטן ביים שוואַרצן ים זענען שוין פרי געוואָרן באַקאַנט די יידן אין ארץ־ישראל. אויף אַ פעניציש־העברעישער וועלט־קאַרטע פון סוף VII י"ה

(אַרום 630) פ. ק., וועלכע איז באַקאַנט אין אַן עטיאָפּישער (אַביסינישער) איבערזעצונג פון ספר היובלים פון אַרום 100 פ. ק. לייענען מיר: „דער טייך ט י נ א גיסט אַריין זיינע וואַסערן אין ים מ ע אָ ט און דער ווידער פאַלט אַריין אין גרויסן ים". געלערנטע האַלטן, אַז לויט דער גאַנצער באַשרייבונג איז דאָ אונטערן נאָמען טינא געמיינט דער טייך ה אַ ל י ס אין קליין־אַזיע. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז דער נאָמען טינא דערמאָנט אויסערגעוויינלעך דעם קאַווקאַזישן נאָמען פון טייך דאָן, וועלכער איז אין מיטלאַלטער געווען דאָס רוב באַקאַנט אונטערן נאָמען ט אַ נ אַ.

ווייטער, אונטערן נאָמען „גרויסער ים" אויף דער אויבנ־דערמאָנטער וועלט־קאַרטע איז געמיינט דער מיטללענדישער ים. אַזוי אַרום באַדייט מסתמא דער י ם מ ע אָ ט אויף דער דאָזיקער קאַרטע נישט נאָר דעם אזאָווער, וועלכן די אַנטיקע גריכן און רוימער האָבן גערופן „מ אַ י אָ ט י ס", נאָר אויך דעם שוואַרצן ים.

ווי דאָס זאָל נישט זיין, איז קלאָר, אַז די בני־ישראל און די בני־יהודה האָבן געהאַט געוויסע פאָרשטעלונגען וועגן די דרום־רוסלענדישע טעריטאָריעס ביים שוואַרצן ים. עס קאָן זיין, אַז די פאַראינטערעסירונג מיט די געביטן און פעלקער, וועלכע האָבן דאָ געוווינט, זענען געווען אין עצם פאַרבונדן מיט דער גרויסער צימעריש־סציטישער אינ־וואַזיע אין פאָדער־אַזיע אין VII — VIII י"ה און איר באַדייטונג אין דער דעמלטיקער וועלט־פּאָליטיק. ווי געזאָגט זענען די צימעריער געווען אַ וואַנדער־פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין די דרום־רוסלענדישע סטעפּעס און איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך די איראַנישע סציטן קיין

קליין־אַזיע. טיילן פון די סציטן האָבן שפּעטער אויך אָר־גאַניזירט גרויסע אָנפאַלן אויף מעדער־אַזיע. אין שייכות מיט דעם קאָן שוין אין VIII י״ה דער ספר בראשית גמר, דעם זון פון יפת, און אשכנז, דעם זון פון גמר. דער פאָלקס־נאָמען גמר אַנטשפּרעכט פולשטענדיק ג י־מ י ר־ר אַ־י און דעם גריכישן קימעריאָי (צימעריער) און אשכנז ווערט אידענטיפיצירט מיטן אַשור־רישן אַש־קוז־אַ און דעם גריכישן סקיטהאַי (סציטן). דער ספר ירמיהו קאָן אויך צווישן די פעל־קער, וואָס האָבן אין VII י״ה געדראָט אשור, אשכנז. שפּעטער קומען מסתמא אויך צו אינפאָרמאַציעס וועגן די געביטן אַרום שווארצן ים פאַרבונדענע אין אַ געוויסער מאָס מיט די ערשטע יידישע איינוווינער פון די קאַנטן, וועלכע האָבן משמעות געהאַט אַ שייכות צו די קינדס־קינ־דער פון די פאַרטריבענע אין גלות בבל.

עס איז באַקאַנט, אַז אין ספר עובדיה ווערט דערמאָנט דער גלות ירושלים אשר בספרד. שוין על פי שכל איז קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן ספרד־שפּאַניע. דער דאָזיקער ספרד געפינט זיך ערגעץ אין די לענדער, וועלכע זענען געווען אונטער דער ממשלה פון די אשורים און שפּעטער פון די בבלים אָדער בשכנות מיט זיי. אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט האַלט מען, אַז ספרד אַנטשפּרעכט דעם נאָמען פון אַ סציטישן שבט סאַפּאַר־דאַ, וועלכער האָט אַנטיילגענומען אין דער אַנטי אשורי־שער קאָאַליציע פון 672 פאַר דער ג. צ. דאָס וווינונגס־אָרט פון דעם דאָזיקן שבט לאָקאַליזירט מען אין לידיע אין קליין־אַזיע (דאָרטן איז שפּעטער געווען אַ שטאָט, וואָס האָט געהייסן סאַרדעס). אין אַ שפּעט־בבלישער כראָניק

פון III י״ה פאַר דער ג. צ. ווערט דערמאָנט א געביט ס אַ פּ אַ ר ד ע אויף צפון־מזרח פון אויבערשטן לויף פון טייך פּרת, דאָס הייסט, אויך אין די געביטן פון קליין־אַזיע. צולעצט אַזאַ מין לאָקאַליזאַציע דרינגט אויך אַרויס פון א באַמערקונג פון קירך־פאָטער היעראָנימוס וועגן דעם, אז לויט דער ווערסיע פון זיין לערער בר־חנינא איז ס פ ר ד דער ב אָ ס פּ אָ ר. וווּ דער קיסר האדריאַנוס האָט באַזעצט געפאַנגענע יידן נאָכן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא.

עס קאָן זיין, אַז די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין ספרד אין קליין־אַזיע זענען דערנאָך אַוועק אָדער פאַרשיקט געוואָרן קיין באָספּאָר (זע וויטער ז׳ 20), וועלכער האָט באַקומען אין דער יידישער טראַדיציע אויך דעם נאָמען ספרד, און מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס פאַר די איבערזעצער פון תנ״ך אין אַלעקסאנדריע אין III י״ה איז ספרד א געגנט ערגעץ נישט ווייט פון פרת. בשעת אין די שפּעטערדיקע צייטן פון בר־חנינא פאַרשטייט מען אונטער ספרד דעם באָספּאָר אויפן שוואַרצן ים.

אַרום 350 פאַר דער ג. צ. האָט דער פּערסישער מלך אַרטאַקסערקסעס אָכוס, אונטער וועמענס אויבערהערשאַפט עס האָט זיך אין יענער צייט געפונען ארץ־ישראל, פאַרן אָנטייל אין אויפשטאַנד קעגן די פּערסער אַוועקגעטריבן אין געפאַנגענשאַפט א טייל יידן און באַזעצט זיי אין היר־קאַניע — א פּערסישע פּראָווינץ ביים ברעג פון קאַספּישן ים. די דאָזיקע יידן האָבן געבילדעט ע ר ש ט ן ה י ס־ט אָ ר י ש ן יידישן י ש ו ב א י ן ט ר אַ נ ס־ק אַ ו ק אַ ז. ליידער ווייסן מיר נישט גענויער קיין זאַך וועגן גורל פון די דאָזיקע יידן.

געוויסע ידיעות וועגן יידן אין אַרמעניע אָדער בעסער געזאָגט וועגן אָנהענגער פון יידישן גלויבן צווישן די פּאָר־שטייער פון דער פירשטלעכער פאַמיליע באַגראַטוני אין די צייטן פון מלך אַ ר ש אַ ק ע ס 128—115 פאַר דער ג. צ.) קאָן מען געפינען אין דער אויבנדערמאָנטער כראָניק פון משה כאָרענאַצי.

וויטערדיקע היסטאָרישע ידיעות וועגן יידן אין די געביטן האָבן מיר פון די צייטן פון אַרמענישן קעניג טיג־ראַנעס II דעם גרויסן 95—55 פאַר דער ג. צ.), וועלכער האָט אַ געוויסע צייט אָפּגעהאַלטן נצחונות אין קליין־אַזיע און אין 84 פאר דער ג. צ. פאַרנומען סיריע און דעם גרעסטן טייל פון פעניציע. טיגראַנעס האָט אַ סך יידן און סיריער, הויפּטזעכלעך בעלי־מלאכות און סוחרים אַוועקגעפירט פון זייערע היימען קיין אַרמעניע און באַזעצט אין די שטעט אַ ר מ אַ וו י ר, י ע ר וו אַ נ ד אַ ש אַ ט אַ, וו אַ ר ד־ ג ע ס וו אַ ן, וו אַ ן, אַר ט אַ ש אַ ט אַ א״א. עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז אַרטאַשאַטאַ איז געווען א וויכטיקער האַנדלס־פּונקט, וואָס האָט פאַרבונדן מיטל־אַזיע מיט די פּאָרטן אויפן שוואַרצן ים.

אין די שטעט אין אַרמעניע האָבן געשפּילט א גרויסע ראָל יידישע און סירישע סוחרים. זיי האָבן אונטערגעהאַלטן גאָר אינטענסיווע באַציונגען מיט איראַק (נ צ י ב י ן — איינער פון די הויפּט־צענטערס פון יידישן ישוב אין בבל) און מסתמא אויך אפילו מיט אַלעקסאַנדריע.

אַזוי אַרום האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז שוין פאַר דער נייער צייט־רעכענונג זענען אין אַרמעניע געווען באַדייטנ־דיקע יידישע קהילות, וועלכע האָבן געהאַט לעבהאַפטע באַ־

ציונגען מיט די יידן אין די שכנותדיקע לענדער און הויפט־זעכלעך אין בבל. וועגן דירעקטע באַציונ־גען צווישן די גרוזינער און אַרמענער יידן מיט די יידן אויפן צפון־ברעג פון שווארצן ים איז קיין זאך נישט באַקאַנט, הגם אזא מין מעגלעכקייט איז נישט אויסגעשלאָסן. ווי באַוווסט האָט קאָלכידע געהאַט האַנדלס־באַציונגען מיט די באָספאָראַנישע שטעט ביים קערטשער ים־פּאַס.

צום סוף פון IV י"ה פאַר דער ג. צ. ווערט די גריכישע קולטור (אַדאַנק די דעראָבערונגען פון אלכסנדר מוקדון און זיינע גענעראלן) די הערשנדיקע איפן נאָענטן מזרח. אונטער די העלעניסטישע קולטור־איינפלוסן פאלן אַרונטער אויך ארץ־ישראל און די יידישע קאָלאָניעס אין די שכנותדיקע לענדער (מצרים, קירענע, סיריע, קליין־אַזיע).

צווישן די לענדער פון דער העלעניסטישער דיאַספאָרע, וועלכע האָט געשפּילט משמעות די גרעסטע ראָל ביי דער איינוואנדערונג פון יידן אין די געביטן ביים שווארצן ים, איז געווען קליין־אַזיע. די מקורים זענען דאָ א סך געגנויערע, ווי פאַר טראַנסקאַווקאַז. שוין אַריסטאָטע־לעס, דער באַרימטער גריכישער פילאָזאָף און געלערנטער, האָט בשעת זיין באַזוך אין קליין־אַזיע (אַרום 347—343 פ. ק.) געטראָפן א געבילדעטן יידן, וועלכער האָט גע־שטאַמט פון סיריע. אַריסטאָטעלעס שילער קלעאַרך (ביי אים איז פאַרשריבן דער עפּיזאָד) כאַראַקטעריזירט אים אַלס „א העלען (גריך) נישט נאָר לויט זיין שפּראַך נאָר אויך לויט זיין גייסט". דער סירישער מלך אַנטיוכס דער גרויסער האָט באַזעצט צוויי טויזנט אַנגעזעענע יידישע משפחות פון בבל אין פריגיע און לידיע (קליין־אַזיע) אַרום 200 פאַר

דער נ. צ. אַלס מיליטערישע קאָלאָניסטן. עס איז באַקאַנט, אַז אין תלמוד ווערן די פריגישע יידן באַטראַכט אַלס רעשט־לעך פון די עשרת השבטים. עס קאָן זיין אז אחוץ דעם לעגענדאַרן מאָמענט האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל אויך דער פאַקט, וואָס די יידן אין פריגיע האָבן זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון די קליין־אַזיאַטישע קולטורן און גלויבנס. אַרום 140 פאַר דער נ. צ. זענען יידן געווען שוין אַ באַדייטנדיקער עלעמענט צווישן דער באַפעלקערונג פון פּערגאַמאָן, קאַפּאַדאָקיע און אַנדערע קליין־אַזיאַטישע מלו־כות, און דעריבער ווערן זיי אויסגערעכנט אין דעם בריוו, וואָס דער רוימישער סענאַט האָט אַרויסגעשיקט צו אַ ריי מזרח־מיטללענדישע רעגירונגען, אין וועלכן די רוימער האָבן גענומען די יידן אונטער זייער שוץ (דער בריוו ווערט ציטירט אין ספר חשמונאים א׳). עס ווערט דאָרט צווישן אַנדערע אויך דערמאָנט אַ רעטזלהאַפטע שטאָט ס אַ מ פּ־ס אַ ם. מען האָט מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז ביי די אַראַבישע געאָגראַפן טראָגט דעם נאָמען ס אַ מ ס ו ן, וואָס שטאַמט, מסתמא, אָפּ פון אַ פאָרם ווי סאמפסון, די אַנטיקע שטאָט אַ מ י ס אָ ס (אין מיטלאַלטער באַקאַנט אונטערן נאָמען ס י מ י ס אָ), איינע פון די גרעסטע האַפן־שטעט פון פּאָנטוס, צום צפון פון היינטיקן סינאָפּע. די פאָרטן סינאָפּע און אַמיסאָס האָבן געפירט אַ רעגולערן האַנדל מיט די שטעט אויפן צפון־ברעג פון שווארצן ים. אין די צייטן פון מיט־ראַדאַטעס VI דעם גרויסן (121 — 63 פאַר דער נ. צ.) * איז

* אין רוסיש איז אָנגענומען די פאָרם מ י ט ר י ד אַ ט, פאַרקירצט לויט די רוסישע שפּראַך־כללים פון דער אַנטיקער פאָרם מ י ט ר י ד אַ ט ע ס.

פּאָנטוס אויפן דרום־ברעג פון שווארצן ים און די באָספּאָ־ראַנישע מלוכה אויפן צפון־ברעג געווען פאראייניקט אונטער דער מאַכט פון איין הערשער. אחוץ דעם איז באַקאַנט, אַז מיטראדאַטעס האָט באַזעצט אין די גריכישע שטעט אויפן צפון־ברעג פון שווארצן ים א סך קאָלאָניסטן פון קאַפּלאַ־גאָניע, פּאָנטוס און קאַפּאַדאָקיע אין קליין־אַזיע. מען האָט געפונען אין אָלביע א זייער פראגמענטארישע אויפשריפט, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן א געוויסן שיפס־קאַפּיטאַן פון אַמיסאָס, וואָס האָט אַריבערגעפירט פּראָוויאנט און קאָלאָניסטן פון סינאָפּע קיין אָלביע. עס איז א סברה, אַז צווישן די קאָלאָניסטן געקומענע פון קליין־אַזיע אין מיטראַדאַטעסעס צייטן זענען אויך געווען יידן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אז אין די מזרחדיקע און העלעניס־טישע מאָנארכיעס (סיריע, אַרמעניע, פּאָנטוס־באָספּאָר, פּאַרטיע־איראַן) איז די צוואַנגס־קאָלאָניזאציע פון גרויסע באַפעלקערונגס־מאַסן, דער עיקר פון שטאָטישן עלעמענט (האַנטווערקער, סוחרים מיט די גאַנצע משפחות) געווען א גאַנץ פארשפרייטע פאָרם פון עקספּלאָאַטאַציע, ווייל דער מלך האָט געהאַט פון דעם דירעקטע הכנסות.

אַזוי ווי שוין פון ערשטן אָדער פון צווייטן יאָרצענדליק פון דער ג. צ. האָבן מיר דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל אין גרי־כיש וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ יידישן בית־תפילה אין פּאַנאַגאָריע אויפן טאַמאַנער האַלב־אינדזל איז קלאָר, אַז דער יידישער קיבוץ אין דרום־רוסלאַנד איז אַנטשטאַנען באַ־דייטנד פריער און דעריבער טאָקע פאַרדינט די השערה וועגן אָנקום פון יידישע קאָלאָניסטן פון קליין־אַזיע קיין

דרום־רוסלאַנד אין די צייטן פון מיטראַדאטעס דעם גרויסן
די פולסטע אויפמערקזאַמקייט.

וואָס איז שייך יידישע מיליטערישע קאָלאָניסטן, איז
דאָס געווען א גאַנץ געוויינטלעכע דערשיינונג אין יענע
צייטן. עס איז באַקאַנט, למשל, אז יידן האָבן געדינט אַלס
זעלנער אין פערסישן חייל. אין אויבער־מצרים אויפן נילוס
אויפן אינדזל עלפאַנטינע האָט מען געפונען ביי אויסגראָ־
בונגען דאָקומענטן פון א יידישער מיליטערישער קאָלאָניע
פון V י״ה פאַר דער ג. צ. אין פערסישן דינסט. יידישע
זעלנער זענען געווען אין דער פערסישער אַרמיי, וואָס האָט
געקעמפט אין אָנהייב פון V י״ה קעגן די גריכן ביי מאַראַ־
טאָן און סאַלאַמינע. יידישע זעלנער און קריגס־פירער האָבן
געדינט אין די העלעניסטישע אַרמייען אין מצרים. אז יידן
האָבן נאָך א סך שפּעטער אין דרום־רוסלאַנד אין די רוימישע
צייטן געהאַט צו טאָן מיטן מיליטער־פאַך איז צו זען אויך
פון א גריכישער אויפשריפט מיט צוויי רעליעפן געפונען
אויף טאַמאַן אין דרום רוסלאַנד. אין 1907 יאָר איז אַנטדעקט
געוואָרן צווישן די שוועלן פון פאַקראָווסקער קלויסטער אין
טאַמאַן אן אויפשריפט פון א געוויסן ב אָ ט י ל י אָ ס,
דעם זון פון אָ נ י אָ ס (ח ו נ י ו אָ ד ע ר
ח נ י א) אָן שום ספק, א ייד. די אויפשריפט איז איבער־
געשיקט געוואָרן קיין קערטש אין מוזיי. די אויפשריפט איז
אָנגעשריבן אויף א מאַרמאָרנעם מצבה־דענקמאָל
0,50×0,32 מ. די גרויס, באַצירט מיט צוויי רעליעפן
(אויסגעקריצטע צייכענונגען) איינער איבערן אַנדערן. דער
אויבערשטער רעליעף (0,21 מ. די ברייט) שטעלט פאָר אַ
מאַן אָנגעטאָן אין אַ כיטאָן (אויבערהעמד) מיט אַ פעלערינע.
די רעכטע האַנט איז ביי אים אראָפּגעלאָזן. ליידער איז דער

אויבערשטער טייל פון רעליעף אָפּגעבראָכן. דער אונטער־שטער רעליעף (0,25 מ. די ברייט) שטעלט פאָר מיט זיך אַן אַטאַקירנדיקן ק ר י ג ס מ א ן אין א ביטאָן מיטן אַן אָוואלן שילד אין דער לינקער האַנט און א שווערד אין דער אויפגעהויבענער רעכטער האַנט. דאָס פּנים פון קריג־סמאַן, וועלכער איז מיטן פּראָפיל געווענדעט אויף לינקס, איז ליידער שטאַרק אָפּגעמעקט. אַזוי ווי די אויפשריפט, וועלכע איז אַריינגעשריבן אין דעם קליינעם אינטערוואַל פון 0,035 מ. וואָס טיילט אָפּ ביידע רעליעפן, באַציט זיך צו ביידע צייכענונגען, איז צו זען, אַז דער מאַן איז דאָ פאַרגעשטעלט איין מאָל אין ציוויל און דעם צווייטן מאָל אין קריגס־צייט. די אויפשריפט באַציט זיך צום I יאָר־הונדערט.

די עלטסטע יידישע ישובים אין דרום־רוסלאַנד

די עלטסטע ידיעה האָבן מיר וועגן דעם יידישן ישוב אין פ אַ נ אַ ג אָ ר י ע איפן טאַמאַנער האַלב־אינדזל. עס איז צו אונדז דערגאַנגען אַן אויפשריפט, געפונען אין 1880 יאָר אויפן ברעג פון דער טאַמאַנער בוכטע. די אויפשריפט געפינט זיך איצט אין קערטשער מוזיי און שטעלט פאָר מיט זיך אַ טאָוול פון ווייסן מאַרמאָר 0,56 × 0,24 מ. די גרויס. ליידער לייענען זיך גוט בלויז די ערשטע זעקס שורות און די לעצטע (די צוואַנציקסטע). דער גאַנצער טעקסט אין מיטן צווישן דער זיבעטער און צוואַנציקסטער שורה איז אָפּגעמעקט. פונדעסטוועגן קאָן מען רעקאָנסטרואירן לויט

אייניקע איבערגעבליבענע אותיות דעם זין פון די שורות 7 — 10. די אויפשריפט לייענט זיך אַזוי:

„אין דער הערשאַפט פון מלך אספורגאַס, דעם פריינד פון די רוימער, אין (?3)31 יאָר, דעם 7 טאָג פון חודש דאַיסיאָס האָט פּאַדאַקאָס, דער זון פון פּאַטהאָס, געהייליקט זיין אייגענעם שקלאַף. דערצויגן אין דער היים, דיאָניזיאָס, וועלכער הייסט אויך (לאַנגיאָס? ביי דעם בית־תפילה), באַ־ פרייענדיק אים .... אַחוץ דעם פליכט פון פאַרערונג און דינסט". *)

די אויפשריפט שטאַמט אַפּ אן ערך פון 313 יאָר לויטן דער באָספּאָראַנישער ערע, וועלכע הייבט זיך אן אין 297 יאָר פאַר דער ג. צ.. דאָס הייסט פון יאָר 16 לויט דער ג. צ. דער חודש ד אַ י ס י אָ ס (לויטן מאַקעדאָנישן קאַלענדאַר, מיט וועלכן מען האָט זיך דאַן באַנוצט אויך אין קרים) אַנטשפּרעכט דעם חודש ס י ו ן לויטן יידישן קאַלענדאַר און מ א י / יוני לויטן רוימישן.

דער יידישער ישוב אין ג אָ ר ג י פּ י ע איז באַקאַנט פון אַ ריי אויפשריפטן

וועגן א יידישן בית־תפילה אין גאָרגיפּיע פון יאָר 40 לויט דער ג. צ. איז מען געוווירר געוואָרן אין 1859 יאָר, ווען אין ערמיטאַזש־מוזיי אין פעטערבורג איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דער פּריוואַטער קאָלעקציע פון פירשט סיביר־ סקי אַן אויפשריפט פון 14 שורות אויף אַ ווייסן מאַרמאָר־

---

* די בלויזן אין דער אויפשריפט באַצייכענען מיר דורך עטלעכע פינטעלער; די ד ע ר ג ע נ צ ט ע ווערטער זענען גענומען אין קלאַמערן. די ערגענצונגען, וועלכע זענען נישט אַבסאָלוט זיכער, ווערן באַצייכנט דורך אַ פראַגע־צייכן.

שטיין די גרויס 0,25 × 0,21 מ. אין אַלטערטום האָט מען אין טעקסט פון דער אויפשריפט דורכגעפירט געוויסע ענדערונגען. די ממשלה אין דער באָספּאָראַנישער מלוכה האָט זיך געביטן און מען האָט אויסגעקראַצט דעם נאָמען פון מלך פּאָלעמאָן און געפּרוווט אַריינשרייבן דעם נאָמען פון נייעם מלך מיטראַדאַטעס דעם VII־טן, ווען דער קיסר קלאַודיוס האָט איבערגעגעבן דעם באָספּאָראַנישן טראָן, אָבער עס האָט זיך נישט גוט באַקומען.

דער טעקסט פון דער אויפשריפט לויטעט אַזוי:

„דעם העכסטן, אַלמעכטיקן, געבענטשן גאָט (א נדר).

אין דער הערשאַפט פון מלך (מיטראַדאַטעס) דעם פריינד פון גערמאַניקוס און דעם פריינד פון פאָטערלאַנד, אין 338 יאָר, אין חודש דיאָס האָט פאָטהאָס, דער זון פון סטראַטאָן, געהייליקט דעם בית־תפילה אַ שקלאַפין, דערצויגן אין דער היים, וועמענס נאָמען איז כריסע, כדי זי זאָל זיין אומבאַ־רירלעך און נישט באַליידיקט מצד יעטוועדן יורש. אויף זעסן, גאַיען און העליאָסן".

דער חודש ד י אָ ס פון 338 יאָר אַנטשפּרעכט אָ ק ט אָ ב ע ר/נ אָ וו ע מ ב ע ר (מ ר ח ש ו ן) 40 לויט דער נ. צ.

כאָטש דער מחבר פון דעם דאָקומענט שווערט אויף גריכישע געטער, איז ער דאָך אַן אָנהענגער פון יידישן גלויבן, ווייל דאָס וואָרט „פּ ר אָ ס ע ו כ ע" באַדייט אויף גריכיש נישט סתם בית־תפילה, נאָר טאַקע בלויז א יידישן בית־תפילה און עס איז ביז איצט נישט באַקאַנט קיין איין פאַל, ווען דאָס וואָרט אין דער גריכיש־רוימישער וועלט זאָל זיך באַציען צו א נישט־יידישן טעמפּל.

ווייטער, די עפּיטעטן פון אַנאָנימען גאָט, וועלכער ווערט באַצייכנט אַלס „העכסטער, אַלמעכטיקער און געבענטשטער" (אויף גריכיש „טעאָס היפּסיסטאָס, פּאַנטאָקראַטאָר, עולאָ־געטאָס) זענען טיפּיש פאַר דער יידיש־גריכישער ליטעראַ־טור. אַזוי, למשל אין דער אַלעקסאַנדרינישער איבערזעצונג פון דער ביבל אויף גריכיש (די אַזוי גערופענע „סעפּטואַגינ־טע") איז „טעאָס היפּסיסטאָס" די שטענדיקע אַנטשפּרעכונג פון העברעישן א ל ע ל י ו ן. ענלעך דערקלערן זיך „פּאַנטאָקראַטאָר", ווי אַן איבערזעצונג פון א ל ה י צ ב־א ו ת, און „עולאָגעטאָס" — פון העברעישן ב ר ו ך. אַזוי אַרום באַווייזט דער גענויער אַנאַליז פון די עפּיטעטן, אַז דער כלומרשטער אַנאָנימער גאָט — דאָס איז י ה ו ה, וועמענס נאָמען עס איז געווען ביי יידן פאַרווערט צו באַנוצן.

דער יידישער ישוב אין פּ אַ נ ט י ק אַ פּ אַ י אָ ן איז באַקאַנט שוין אין I י"ה פון עטלעכע דאַטירטע און נישט דאַטירטע אויפשריפטן. די עלטסטע באַקאַנטע אויפשריפטן שטאַמט פון יאָר 57.

אין 1895 יאָר גראָבנדיק אַ גרוב פאַר אַ פונדאַמענט פון מעסאָקסודיס הויז (אַ באַקאַנטער קערטשער גביר ביז דער רעוואָלוציע) צופוסנס פון באַרג מיטראַדאַטעס (דער באַרג הייסט אַזוי אין אָנדענק פון פּאָנטיש־באָספּאָראַנישן מלך, וועגן וועלכן עס איז שוין געווען ביי אונדז די רייד; זע אויבן ז' 19) פון דער מזרח־זייט, האָט מען געפונען אַן אויפשריפט פון 20—22 שורות אויף אַ מאַרמאָר־שטיין 0,30×0,48 מ. די גרויס. די אותיות זענען פאַרבליבן נאָר אין די ערשטע זיבן שורות מער אָדער ווייניקער אין גאַנצן, ווייטער זענען געבליבן נאָר פאַראיינצלטע סימנים, אַזוי אַז דער טעקסט לייענט זיך נאָר טיילווייז (אין אונדזער רעקאָנסטרוקציע):

אין דער הערשאַפט פון מלך טיבעריוס יוליוס קאָטיס, דעם פריינד פון קיסר און דעם פריינד פון די רוימער, דעם פרומען, אין 354 יאָר, אין חודש ד אַ י ס י אָ ס דעם 10־טן טאָג איך הערדיאַ (סטעפאַסעס) פרוי... (באַפריי)...... דעם (בית־תפילה)........"

דער 10־טער טאָג פון חודש דאַיסיאָס (לויטן יידישן קאַלענדאַר ס י ו ן) אַנטשפרעכט דעם 6 יוני.

פון יאָר 80 לויט דער נייער צייט־רעכענונג שטאַמט אָפּ אַן אויפשריפט געפונען אין 1832 יאָר אין קערטש צופוסנס פון באַרג מיטראַדאַטעס אין געוועזענעם שטאָט־טייל פון דער אַלטער אַדמיראַליטעט. די אויפשריפט האָט זיך גוט דערהאַלטן און געפינט זיך אין לענינגראַדער ערמיטאַזש־מוזיי. די אויפשריפט שטעלט פאָר מיט זיך אַ מאַרמאָרנעם טאָוול 0,58 × 0,29 מ. די גרויס. דער טעקסט באַשטייט פון 19 שורות:

„אין דער הערשאַפט פון מלך טיבעריוס יוליוס רעסקופאָריס, דער פריינד פון קיסר און דעם פריינד פון די רוימער, דעם פרומען, אין 377 יאָר, אין חודש פ ע ר י ט י אָ ס דעם 12 טאָג, איך כרעסטע, די אלמנה פון דרוזוס באַפריי, ביי דעם בית־תפילה אויף אייביק מיין שקלאַף הערדקלעס, דערצויגן אין דער היים, כדי ער זאָל זיין אומבאַרירלעך און נישט באַאומרואיקט מצד יעטוועדן יורש; ער זאָל זיך געפינען נישט געשטערט אין יעדן אָרט, ווו ער וועט ווען אחוץ (דעם פליכט) צו באַזוכן דעם בית־תפילה צוליב פאַרערונג און דינסט, אויף וואָס עס האָבן מסכים געווען מיינע יורשים הערקלידעס און העליקאָניאַדע און די יידישע קהילה נעמט אָנטייל אין דער אפיטרופסות".

דער 12 טאָג פון חודש פ ע ר י ט י אָ ס (אַנטשפרעכט

דעם חודש ש ב ט לויטן יידישן קאַלענדאַר) איז דער 8 פעב־רואַר. אין דער אויפשריפט ווערט דערמאָנט נישט נאָר יידי־שער בית־תפילה (גריכיש „פּראָסעוכע"), נאָר אויך די יידישע קהילה (גריכיש: „סינאַגאָגע טאָן יודאַיאָן", ווו סינאַגאָגע באַ־דייט „פאַרזאַמלונג" אָדער „פאַרבאַנד").

וועגן וואָס דערציילן אונדז די אָפּגעפונענע אויפשריפטן, וועלכע מיר האָבן דאָ אויבן ציטירט?

זיי אַנטהאַלטן, בכלל גערעדט, געוויסע ידיעות וועגן די בתי־ תפילה און וועגן די מיטגלידער פון די יידישע געמיינדעס. דער בית־התפילה אין פאַנאַגאָריע, קאָן מען מיינען, האָט זיך געפונען האַרט ביים וואַסער. עס איז באַקאַנט, אַז יידישע בתי־תפילה אין דער העלעניסטישער תקופה פלעגן זיך געפונען ביים וואַסער (אויף אַ טייך, ביים ים). פון די גריכיש־מצרישע פּאַפּירוסן ווייס מען עפּעס אַזוינס פון טעבטוניס אין מיטל־מצרים. יוסף פלאַוויוס ווידער גיט איבער, אַז אין האַליקאַרנאַסאָס אין קליין־אַזיע האָט מען יידן דערלויבט צו בויען בתי־תפילה ביים ים א.א.וו.. אַז בתי־תפילה פלעגט מען בויען אויך אויפן שיפּוע פון די בערג, איז באַקאַנט פון די רואינען אן אַרכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען פון בתי־תפילה אין גליל. פון זיי עפנט זיך אַ הערלעכער בליק אויף דער אַרומיקער געגנט און דאָס האָט באַדאַרפט אונטערשטרייכן די געהויבנקייט פון דעם הייליקן אָרט. אין אַנדערע פאַלן פלעגט מען בויען אפילו קינסטלעכע טעראַסן פאַר די בתי־תפילה. די זעלבע פּראַקטיק איז, מסתּ־מא, געווען אָנגעווענדעט אויך אין פאַנטיקאַפּאַיאָן, ווו די־שטאָט ליגט אויפן ראַנד און צופוסנס פון באַרג מיטראַדאַ־טעס.

די בתי־תפילה האָבן געדינט אַלס געביידעס פאַרן קולט,

אָבער אויך אַלס צענטערס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער געמיינדע. דאָ פלעגט זיך אויפקלויבן די עדה, דאָ פלעגט מען משפטן, דאָ פלעגט מען באַפרייען שקלאַפן און דאָ פלעגט מען לערנען מיט דעם אונטערוואַקסנדיקן דור די הייליקע שריפט. פאַרשטייט זיך, אין גריכיש, ווייל די באַספּאָראַנישע יידן זענען געווען שטאַרק העלעניזירט. וועגן דער אָרגאַני־זאַציע פון דער געמיינדע איז גענויער קיין זאַך נישט באַ־קאַנט. מען קאָן מיינען אויפן סמך פון דעם, וואָס אונדז איז באַקאַנט פון אַנדערע שטעט אין גריכנלאַנד און קליין־אַזיע, אַז אויך דאָ האָבן עקזיסטירט אַ ראש הקהילה, עלטסטע, סופרים, כהנים, מדריכים, דיינים א.א.וו. וואָס איז שייך דעם ערן־טיטל „פּאָטער פון דער געמיינדע״ איז נישט באַקאַנט, צי מיט דעם זענען געווען פאַרבונדן קאָנקרעטע אַמטן אָדער פליכטן. אַלנפאַלס פלעגט מען דעם טיטל געבן אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער עדה.

די באַספּאָראַנישע יידן זענען געווען זייער שטאַרק הע־לעניזירט, גערעדט און געשריבן גריכיש, געטראָגן גריכישע נעמען (כרעסטע, העראַקלידעס, העליקאָניאַדע) און אפילו רוימישע (דרוזוס). דאָס באַווייזט, אַז דער פאַרשטאָרבענער דרוזוס (דער מאַן פון כרעסטע) האָט געהאַט רוימישע ביר־גער־רעכט.

אַן אַנאַלאָגיע לאָזט זיך דורכפירן מיטן נאָמען פלאַוויוס פון באַקאַנטן יידישן היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס (יוסף בן מתתיהו הכהן). רוימישע בירגער צווישן דער באַספּאָראַ־נישער אַריסטאָקראַטיע איז געווען גאָר ווייניק און דאָס באַ־ווייזט, אַז כרעסטעס פאַמיליע איז געווען אַ פאַרמעגלעכע און באַדייטנדיקע אין פאַנטיקאַפּאַיאָן.

וואָס איז שייך די יידישע שקלאַפן אין אַ פראַגמענטאַ־

רישער אויפשריפט, וואָס מען האָט אָפּגעפונען אין 1907 יאָר, זענען זייערע נעמען לײדער נישט דערגאַנגען צו אונדז. די נישט־יידישע שקלאַפן, וועלכע פלעגן זיך מגייר זיין, טראָגן טיפּיש גריכישע נעמען: הערצַקלעס, הערמאַס, דיאָניסיאָס־לאָנגיאָן, עלפּיאַס, כריסע.

מיט איין וואָרט, די אָפּגעפונענע אויפשריפטן באַשטעטיקן פאָלגנדיקע היסטאָרישע פאַקטן: ערשטנס, אין די פּאָרטשטעט אויפן טאַמאַנער און קערטשער האַלב־אינדזלען האָבן שוין אין I י״ה עקזיסטירט יידישע בתי־תפילה און יידישע קהילות. צווייטנס, די דאָזיקע יידן זענען געווען דעמלט זייער שטאַרק העלעניזירט, גערעדט און געשריבן גריכיש, געטראָגן גריכישע נעמען, נאָר פונדעסטוועגן געהאַלטן זיך פאַר יידן (זע די באַצייכענונג „יידישע געמיינדע״, וואָס פיגורירט אין די אויפשריפטן), געווען שטאַרק צוגעבונדן צום יידישן גלויבן, דריטנס, די יידישע געזעלשאַפט איז געווען דעמלט שטאַרק דיפערענצירט אין סאָציאַלן זין, (עס זענען געווען שקלאַפן־באַזיצער און אַפילו יידישע שקלאַפן).

די רעכטלעכע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן

דאָקומענטן וועגן באַפרייען שקלאַפן זענען באַקאַנט אין דער וויסנשאַפט אונטערן נאָמען פון מאַנומיסיעס („מאַנומיסיאָ״ באַדייט אויף לאַטיין „פריילאָזונג״). די יידיש־באָספּאָראַנישע מאַנומיסיעס שטעלן מיט זיך פאַר פּריוואַט־רעכטלעכע דאָקומענטן, לויט וועלכע דעם באַפרייטן שקלאַף ווערט יורידיש גאַראַנטירט זיין פרייהייט.

די פרייהייט, וואָס דער שקלאַף באַקומט, באַשטייט אין פאָלגנדיקס: 1) עס ווערט אָנערקענט, אַז ער איז פּערזענלעך

פריי, 2) ער ווערט באַשיצט פון אַלע פּרווון פון פאַרשקלאַפונג אויף אַ נישט געזעצלעכן אופן (דורך יורשים א.א.וו.), 3) עס ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט דאָס רעכט צו גיין (און במילא לעבן), ווו ער וויל. פון דער אַנדערער זייט ווערט זיין פרייהייט באַגרענעצט דורך אַ ריי תנאים, ווי צייטווייליקע דינסט ביים געוועזענעם באַלעבאָס, התחייבות פון אָפּהיטן דעם יידישן גלויבן און דינסט־פליכטן לגבי דעם בית־תפילה, חוב צו געפינען זיך (לעבן) ביי דעם בית־תפילה.

דעם שקלאַפס פרייהייט ווערט גאַראַנטירט דורך דעם פאַקט, וואָס די מלוכה ווערט וועגן דעם אינפאָרמירט (די געוויע דאַטירונג מיט דער פולער טיטולאַטור פון די באָספּאָראַנישע מלכים איז אַ באַווייז, אַז די מלוכה אָנערקענט און חתמעט דעם אַקט פון באַפרייונג) און די יידישע קהילה האָט דעם אויפזיכט (אפיטרופסות) איבער דער באַפרייונג. ווי איז דאָס צום פאַרשטיין? דעם גריכישן טעקסט קאָן מען דאָ אויסטייטשן אויף צוויי אופנים: 1) די קהילה האָט דעם אויפזיכט (קאָנטראָל) איבער דעם אַקט פון באַפרייונג (איבער זיין לעגאַלקייט, 2) די קהילה נעמט איבער דעם אויפזיכט איבער דעם פרייגעלאָזענעם שקלאַף. דאָס לאָזט זיך גלויבן, ווייל אויב די באַפרייונג קומט פאַר ביי דעם בית־תפילה וועלכער געהערט יורידיש צו דער יידישער קהילה (זי איז דער רעכט־לעכער באַלעבאָס פון דעם בית־תפילה), מוז די לעצטע טראָגן די יורידישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די רעזולטאַטן פון רעכטלעכן אַקט, וועלכע זי האָט סאַנקציאָנירט.

מען מוז אָבער באַמערקן, אַז דער אויפזיכט פון דער יידישער קהילה ווערט דערמאָנט נישט אין אַלע פאַלן.

עס דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם, ווער עס האָט באַפרייט דעם שקלאַף, צי יידן פון אָפּשטאַם,

צו גאָר אָנהענגער פון יידישן גלויבן. די ערשטע זענען געווען מיטגלידער פון דער יידישער קהילה, די צווייטע מסתמא נישט און דערפאַר האָט דער געוועזענער שקלאַף געפאָדערט, אַז אין דאָקומענט זאָל אויך פיגורירן אַ פּונקט וועגן דעם אויפזיכט פון דער יידישער קהילה, צו וועלכער ער איז צוגעשטאַנען אַלס גר. עס איז באַקאַנט, אַז אין יענע צייטן פלעגט מען גערנער באַפרייען אַ נישט־יידישן שקלאַף (עבד כנעני), אויב יענער פלעגט אָננעמען דעם יידישן גלויבן.

צווישן די באַהאַנדלטע דאָקומענטן לאָזן זיך אונטערשיידן צוויי טיפּן: דער ערשטער האָט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן פּרט: דער אַקט פון באַפרייונג ווערט אויסגעדריקט מיטן צייטוואָרט „פריילאָזן" (אויף גריכיש „אַפיענאַי"), אין צווייטן טיפּ פיגורירט דאָס צייטוואָרט „הייליקן" (אויף גריכיש „אַנאַטיטהענאַי"). סיי אין ערשטן, סיי אין צווייטן טיפּ ווערט דערמאָנט דער בית־תפילה (אויף גריכיש „פּראָסעוכע") אַלס אָרט, ווו עס קומט פאָר די באַפרייונג און עס ווערט געשריבן דער דאָקומענט אויפן שטיין, און אַלס מאָטיוו (סיבה) פון דער באַפרייונג ווערט אָנגעוויזן זייער אָפט אַ נדר פון די שקלאַפן־באַזיצער. דער ערשטער טיפּ דערמאָנט בולט ענלעכע גריכישע דאָקומענטן אין אַ האַלב־וועלטלעכער פאָרם. דער צווייטער — גריכישער דאָקומענטן אין אַ רעליגיעזער פאָרם. דער יידישער דין קאָן נאָר ריין־וועלטלעכע פאָרמען פון באַפרייען שקלאַפן (גט שחרור). אויסדריקנדיק זיך אין אַ בילדערישער פאָרם קאָן מען זאָגן, אַז אין די יידיש־באָספּאָראַנישע דאָקומענטן פון ערשטן מין גאַראַנטירט דעם געוועזענעם שקלאַף זיין פרייהייט דער יידישער גאָט און די יידישע עדה נעמט אויף זיך די טרחה צו דערליידיקן אַלע יורידישע פאָרמאַליטעטן. אַ גוטע אַנאַלאָגיע אויפן געביט פון גריכישן

רעכט איז די שקלאַפן־באַפרייונג אין דער פאָרם פון אַ היי־ליקונג אין דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג. די אונטערגעאָרדנטע ראָל פון רעליגיעזן מאָמענט אין דער באַהאַנדלטער מאַנומי־סיע־פאָרם איז אָן שום ספק אַ רעזולטאַט פון אײנפלוס פון יידישן רעכט, וועלכער קאָן נאָר די ריין וועלטלעכע פאָרם פון אַ שקלאַפן־באַפרייונג. פאַרקערט, אין דער ריין־רעליגיעזער פאָרם פון אַ הייליקונג צו דעם בית־תפילה איז דער איינפלוס פון יידישן דין נישט דערוויזן.

וואָס פאַר אַן אויספירן קאָן מען מאַכן פון דעם אַנאַליזירטן מאַטעריאַל?

אויב עס רופט נישט אַרויס קיין ספקות דער פאַקט, אַז די ריין־יידישע מאַנומיסיעס פון דער באָספאָראַנישער מלוכה שטעלן מיט זיך פאָר פריוואַט־רעכטלעכע דאָקומענטן אָנגעשריבענע אין אַ וועלטלעכער פאָרם מיט איניקע רעליגיעזע דעטאַלן (באַקערונג צום יהדות, התחייבותן לגבי דעם בית־תפילה, נדרים א.א.וו.), קאָן מען מיינען, אַז די דאָקומענטן אין דער פאָרם פון אַ הייליקונג צו דעם בית־תפילה, אין וועלכע די יידישע קהילה איז נישט דערמאָנט, זענען געמאַכט געוואָרן אָדער געהערן צו יידישע גרים*. פאַר זיי האָבן די טראַדיציעס פון שקלאַפן־באַפרייונג לויטן יידישן רעכט נישט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל, ווי פאַר יידן פון אָפּשטאַם, און דערפאַר האָבן זיי זיך גערנער באַנוצט מיט דער גריכישער רעליגיעזער מאַנומיסיע אין דער פאָרם פון אַ הייליקונג.

די פאָרם פון די באָספאָראַנישע יידישע מאַנומיסיעס איז אַן אוניקאַלע דערשיינונג אין דער געשיכטע

* איינגנטלעך צו האַלבע גרים. זע וויטער ז' 36.

פון יידישן רעכט. ביז איצט זענען נישט באַקאַנט קיין ענלעכע דאָקומענטן פון אַנדערע ווינקעלעך פון דער העלעניסטישער דיאַספּאָרע. אַז מען פלעגט באַפרייען שקלאַפן אויך אין אַנדערע יידישע עדות איז קלאָר, סיי על פי שכל, סיי פון די דעלפישע דאָקומענטן (זע וויטער ז׳ 34), סיי פון דער אויפשריפט געפונען אין דעם בית־תפילה אויפן אינדזל דעלאָס אין עגעאישן ים, וווּ עס רעדט זיך וועגן עמעצן, וואָס „איז געוואָרן באַפרייט". ליידער איז די אויפשריפט זייער פראַגמענטאַריש (לויטן כאַראַקטער איז זי אַ שפּענדונג) און דערציילט אונדז נישט, ווי און אויף וועלכן אופן דער געוועזענער שקלאַף האָט געקראָגן זיין פרייהייט.

פון דעם בפרטיותדיקן אַנאַליז פון די יידיש־באָספּאָראַנישע דאָקומענטן וועגן שקלאַפן־באַפרייונג דרינגט אַרויס אַ גאַנצע ריי וויכטיקע אויספירן, ווי למשל: אַז די באָספּאָראַנישע יידן האָבן זיך באַנוצט מיטן גריכישן רעכט אין פראַגן פון ירושה, פון באַפרייען שקלאַפן, פון יורידישער רעכט־פעיקייט פון דער פרוי און פון דער רעכטלעכער לאַגע פון דער קהילה. דאָס גיט אַ יסוד צו מאַכן צוויי וויכטיקע היסטאָרישע אויספירן: 1) די באָספּאָראַנישע יידן האָבן געהאַט פולע ציווילע רעכט, כאָטש עס קאָן זיין, אַז זיי האָבן זיך גערעכנט פאַר פערעגרינען (אויסלענדער), 2) די יידישע קהילה האָט געהאַט אַ רעכטלעכע אויטאָנאָמיע, ווייל זי דערלויבט און סאַנקציאָנירט יורידישע אַקטן. די ברייטע רעכטלעכע אויטאָנאָמיע פון דער יידישער געמיינדע דרינגט נאָך אומדירעקט אויך אַרויס פון דעם פאַקט, וואָס די מלוכה האָט אָן שום ספק אָנערקענט די רעכטלעכע דאָקומענטן פון דער יידישער קהילה אַלס פולשטענדיק לעגאַלע און דער שקלאַף, פון זיין זייט , האָט נשמעות אויך געהאַלטן, אַז זיין פריי־

הייט איז פולשטענדיק געזיכערט, אויב זי איז גאַראַנטירט געוואָרן פון דער יידישער כנסת („סינאַגאָגע"). ווייטער באַווייזן די דאָזיקע יורידישע דאָקומענטן גאַנץ קלאָר, אַז די יידישע בתי־תפילה אין יענער צייט האָבן געשפּילט נישט מער און נישט ווייניקער אַזאַ מין יורידישע און מסתמא אויך עקאָנאָמישע ראָל, ווי די אָפּיציעלע מלוכה־טעמפּלען, וועלכע פלעגן אין אַלטן גריכנלאַנד אויספירן אַ סך יורידישע און נאָטאַריאַלע פונקציעס. פון דער גריכישער פּראַקטיק איז באַקאַנט, אַז דער טעמפּל פלעגט נעמען אַ געוויסן אָפּצאָל פאַרן אויספירן אַלע פאָרמאַליטעטן ביים אַקט פון שקלאַפן־באַפרייונג. אין דעלף אין גריכנלאַנד, ווו עס זענען, ווי באַקאַנט, איבערגעבליבן ביי אַ ניין הונדערט מאַנומיסיע־אויפשריפטן (אָבער נישט מער ווי 10—12 דאָקומענטן פלעגן פאַרשריבן ווערן אין משך פון איין און דעם זעלבן יאָר), האָבן די פּריסטער געהאַט פון דעם אַ גרויסן ריוח. מען קאָן מיינען, אַז די יידישע בתי־תפילה האָבן אויך געקאָנט האָבן פון דעם הכנסה, כאָטש די מאַסשטאַבן זענען מסתמא געווען נישט קיין גרויסע.

אַזוי אַרום אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די יידן אין דרום־רוסלאַנד האָבן דאָס גריכישע פּריוואַט־רעכט אייגנאַרטיק צוגעפּאַסט, פון איין זייט, צו זייערע קאָנקרעטע באַדינגונגען, פון דער צווייטער זייט, צו די פאָדערונגען פון יידישן שקלאַפן־רעכט (ביבל, תלמוד). כאָטש אַ ריי תנאים פון די דאָקומענטן געפינען זיך אין אַ בולטער סתירה מיט אַנאַלאָגישע פאָרשריפטן באַקאַנטע פון תלמוד. אין גריכנלאַנד גופא פלעגן יידן באַפרייען שקלאַפן לויט די נאָרמען פון גריכישן רעכט און אפילו אין דער רעליגיעזער פאָרם פון מאַנומיסיע, ווי למשל, אין דעלף, און דאָס האָט די מחב־

רים פון די מאַנומיסיעס גאַרנישט געשטערט צו זיין יידן. אויב אַזוי, קאָן מען מיינען, אַז עס איז געוויס דורכגעגאַנגען אַ גאַנץ לאַנגע צייט, ביז וואַנען יידן אונטערן גריכישן קול־טורעלן איינפלוס זענען געקומען צו אַזאַ מין יורידישער שאַפונג, ווי די יידיש־גריכישע דאָקומענטן וועגן באַפרייען שקלאַפן פון דרום־רוסלאַנד. דעריבער האָט שוין הרכבי מיט פולן רעכט געשריבן: „אַזאַ מערקווירדיקע ענלעכקייט צווישן די רעליגיעזע (יורידישע — ב. ג.) מנהגים פון די יידן און גריכן האָט נישט געקאָנט אַנטשטיין אין משך פון צענדליקער יאָרן געמיינזאַמען צוזאַמענלעבן; אויף דעם האָט מען באַדאַרפט האָבן יאָרהונדערטער. עס איז רעכט, אַז דאָס זענען געווען יידן, וועלכע האָבן גאַרנישט געוווסט וועגן דער אַנטוויקלונג פון יהדות אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער פאַר קריסטוסן אין ארץ־ישראל...״ דאָס איז אַ וויכטיקער אַר־גומענט, אַז יידן זענען געקומען קיין דרום־רוסלאַנד שוין שטאַרק העלעניזירט און גיכער פון אַלץ, פון קליין־אַזיע נאָך ביזן ערשטן יאָרהונדערט פאַר דער נ. צ.

די יידן און די אַרומיקע פעלקער

אין דער העלעניסטיש־רוימישער תקופה איז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון וווקס פון די רייען פון יידישן פאָלק געווען די פאַרשפרייטונג פון דעם יידישן גלויבן צווישן נישט־יידן דאַנק דער אַקטיווער און דערפאָלגרייכער רעלי־גיעזער פראָפּאַגאַנדע פון די יידישע קהילות אין אַלע ווינק־לען פון אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע, ווו עס האָבן געהערשט גריכן און רוימער. וועגן דעם האָט יוסף פלאַוויוס געשריבן

אין זיין פּאָלעמיק מיטן פאַרביסענעם אַלעקסאַנדרינישן יידן־פיינט אַפּיאָן. צווישן נישט־יידן זענען געווען פאַרשיידענע מדרגות פון איבערגאַנג צום יידישן מאָנאָטעיזם. מען פלעגט ווערן ג ר י ם אין פולן זין פון וואָרט (מענער פלעגן דורכמאַכן מילה) און אָפּהיטן אַלע יידישע דינים. אַזעלכע פּראָזעליטן (ניי־באַקערטע צום יידישן גלויבן) פלעגן זיך אַריינגיסן אין דער יידישער עדה און זיין מיטן אויסנאַם פון קליינע פּרטים גלייך מיט אַלע איבעריקע יידן פון אָפּשטאַם. אַחוץ דעם זענען געווען ה אַ ל ב ע־ג ר י ם אָדער „גאָטספאָרכטיקע", וועלכע פלעגן אָפּהיטן די וויכטיקסטע יידישע דינים (גלויבן אין איין גאָט, שבת־רו, דינים וועגן פאַרבאָטענע מאכלים) אַחוץ מילה. דעם נאָמען „גאָטספאָרכטיקער" אויף גריכיש „פאָבומענאָס" אָדער „סעבאָמענאָס טאָן טעאָן"; אויף לאַטיין „מעטוענס דעום") איז אַ ווערטלעכע איבערזעצונג פון העברעישן אויסדרוק י ר א י ה ו ה, ווי מען פלעגט אַמאָל באַצייכענען אַזעלכע אָנהענגער פון יידישן גלויבן. זיי האָבן נישט געהערט צו דער יידישער עדה בדרך כלל. אַזוי, למשל, אין רוים, ווו די געשיכטע פון די יידן אין דער אַנטיקער תקופה איז צום־בעסטן באַקאַנט, האָט מען אין די יידישע קאַטאַקאָמבעס (אונטערערדישע בית־עלמינס) געפונען קברים פון גרים, נאָר נישט פון קיין האַלבע גרים. די ביז איצט געפונענע דריי מצבה־אויפשריפטן פון האַלב־פּראָזעליטן אין רוים זענען געפונען געוואָרן מחוץ די יידישע בית־עולמס. אַזעלכע אָנהענגער פון יידישן גלויבן זענען אויך געווען אין די באָספאָראַנישע שטעט שוין אין ערשטן יאָרהונדערט, ווי עס איז צו זען פון די אויפשריפטן וועגן שקלאַפן־באַפרייונג. פון גאָרגיפּיע. די דאָזיקע מענער און פרויען, וועלכע טראָגן גריכישע (פּאָטהאָס, נימפּאַגאָראָס, מאַקאַריאָס, עלידע) אָדער

„באַרבאַרישע" נעמען (פּאַדאַקאָס, נאַנאַבאַלאַמיראָס)', זענען פאַרבונדן מיט דעם יידישן בית־תפילה (פּראָסעוכע), דאָ ברענגען זיי נדרים, דאָ באַפרייען זיי שקלאַפן, דאָ פאַרערן זיי דעם „העכסטן אַלמעכטיקן און געבענטשטן" גאָט. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די אַלע עפּיטעטן זענען פון ביב־לישן אומגאַנג (שטאַמען אָפּ פון דער גריכישער תנ"ך־אי־בערזעצונג) און באַציען זיך צו י ה ו ה ן.

די געוויסטע ידיעות וועגן די פאַרבאַנדן פון אָנהענגער פון יידישן גלויבן (די א. ג. „סעבאָמענאָי") האָבן מיר פון ט אַ נ אַ י ס, א האַנדלס־שטאָט, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער אַלטער לעפּצונג פון דאָן. אין די יאָרן 1869—1870 זע־נען דאָ געפונען געוואָרן ביים בויען די אייזנבאַן־וועג טאַגאַנ־ראָג־ראָסטאָוו א גאַנצע ריי גריכישע אויפשריפטן (איבער 20), וועלכע געפינען זיך איצט אין לענינגראַדער ערמיטאַזש־מוזיי. די עלטסטע דאַטירטע אויפשריפט שטאַמט פון 155 יאָר לויט דער נ. צ. די שפּעטסטע פון יאָר 230. א טייל אויפ־שריפטן זענען אָרנאַמענטירט מיט אָדלערס: אַן אָדלער צווישן צוויי קרענץ(?) אויפן סאַמע אויבן און צוויי אָדלערס, וועלכע האַלטן אַ גרויסע גירליאַנדע פון ביידע זייטן אַ ביסל נידע־ריקער. אָדלערס געפינען זיך נישט אויף אַלע אויפשריפטן. אויף 9 גוט דערהאַלטענע איז פון זיי בכלל נישטאָ קיינע סי־מנים. דער גאָט ווערט באַצייכנט אַלס „העכסטער" (היפּסיס־טאָס) אָדער „העכסטער און באַרעמהאַרציקער" (היפּסיסטאָס, עפּעקאָאָס־אויף גריכיש). אויך די עפּיטעטן „העכסטער, באַ־רעמהאַרציקער", דאַרף מען באַמערקן, געפינען זיך פולשטענ־דיק אין די ראַמען פון דער יידישער רעליגיעזער טערמינאָ־לאָגיע אויף גריכיש. וועגן דעם זאָגט עדות דער עפּיגראַפי־

שער מאַטעריאַל סיי פון סאַנאַיס און פאַנטיקאַפּאַיאָן, סיי מחוץ פון דער באָספּאָראַנישער מלוכה.

די פאַרבאַנדן ווערן אָנגערופן דאָ „סינאָדאָס" (זעלטענער „טהיאַסאָס") און די פאַרבאַנדס־מיטגלידער „טהיאַסאָטאַי" (זעלטן „סינאָדעיטאַי") אַחוץ אין פיר אויפשריפטן, צו וועלכע מיר וועלן זיך נאָך אומקערן ווייטער. מען דאַרף אויך לייגן אַכט אויף דער אַ נ אָ נ י מ ע ר ב אַ צ יי כ ע נ ו נ ג פון די פאַרבאַנדן אין אונטערשייד פון די גריכישע רעליגיע־זע פאַריינען, וועלכע קאָנען אָנהענגער פון קאָנקרעטע קולטן, למשל, פון אַסקלעפּיאַסעס קולט (אַסקלעפּיאַסטאַי), דיאָניז־יאָסעס (דיאָניסיאַסטאַי) א. א. וו. די דאָזיקע פאַרבאַנדן האָבן געהאַט אַ שטרענגע אָרגאַניזאַציע בראש מיט פּריסטערס (היע־רעוס), פאָרזיצערס (סינאַגאָגאָס), צדקה־לייטערס (פילאַגאַ־טהאָס און זיין געהילף פּאַראַפילאַגאַטהאָס), דערציונג־לייטערס פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר פיזישער (מיליטערישער?) דערצי־אונג (אויף גריכיש גימנאַסיאַרכעס), דערציער פון דער יוגנט (נעאַניסקאַרכעס), סעקרעטאַר (גראַממאַטעוס), פאַרזאַמלונגס־עלטסטער (פאַטער סינאָדו). כאָטש נישט אין יעדער אויפ־שריפט ווערן אויסגערעכנט אַלע אַמטן צוזאַמען. זעלטן טרעפט מען דעם פאַרזאַמלונגס־עלטסטן (ווינציקער ווי אין אַ העלפט פון די אויפשריפטן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אונז גאַנ־צערהייט) און נאָך זעלטענער ווערט דערמאָנט דער סעקרע־טאַר. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָ־נעלע סטרוקטור איז געווען אַ היעראַרכישע, דאָס הייסט אַזאַ, ווו איין אַמט איז געווען אונטערגעאָרדנט דעם צווייטן. דער פּריסטער איז געווען דער העכסטער אַמט און דער סעקרע־טאַר — דער נידעריקסטער. מען האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביי דער דאָזיקער היעראַרכיע, ווי עס איז צו זען פון דעם,

וואָס אין די אויפשריפטן איז נישטאָ קיין איין פאַל, ווען אַ פּערזאָן, וואָס האָט פאַרנומען אין פאַרבאַנד אַ העכערן אַמט, זאָל דערנאָך איבערגיין צו אַ נידעריקערן אָדער אַ מענטש. וואָס האָט פאַרנומען אַן אַמט, זאָל דערנאָך ווערן אַ פּשוטער פאַריינס־מיטגליד. גאָר פאַרקערט מיר זעען, ווי פּשוטע מיט־גלידער פאַרנעמען מיט דער צייט פאַרבאַנדס־אַמטן אין אַ שטרענג איינגעשטעלטער אָרדענונג, וועלכע מען האָט אָפּגע־היט. אַזוי, למשל, איז אַנטימאַכאָס, דער זון פון פאַסיאָן, אין 220 יאָר געווען אַ פּשוטער מיטגליד און אין 225 יאָר איז ער שוין אַ צדקה־לייטער; דעמעטריאָס, דער זון פון אַפּאָלאָניאָס, איז ביז 211 יאָר געווען אַ יוגנט־דערציער, אין 228 יאָר איז ער פּריסטער. די פאַרבאַנדן פלעגן מסתמא אָפּהאַלטן רעגו־לערע פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן פּראָטאָקאָלירט ווערן אין דער פאָרם, אין וועלכער זיי זענען צו אונדז דערגאַנגען. אין די אויפשריפטן ווערט געזאָגט, אַז דער פאַרבאַנד אין אַזאַ מין און אַזאַ מין באַשטאַנד האָט אויפגעשטעלט אַ מעמאָריאַלע אויפשריפט פאַרן „העכסטן באַרעמהאַרציקן" אָדער פּשוט „העכסטן" גאָט אין אַזאַ מין יאָר, חודש, טאָג.

„מיט גוטן גליק, דעם העכסטן גאָט אַ נדר, אין דער הער־שאַפט פון מלך טיבעריוס יוליוס קאָטיס, דעם פריינד פון קיסר און דעם פריינד פון די רוימער, דעם פרומען. די אָדאָפּ־טירטע ברידער, פאַרערער פון העכסטן גאָט, וועלכע האָבן אויפגעשריבן זייערע נעמען בראש עלטסטן (פלוני), דעם זון פון הערקלעידעס און אַריסטאָן, דער זון פון מענעסטראַטאָס, און קאַליגענעס, דער זון פון מיראָן, אַלעקסיאָן, דער זון פון פאַטראָקלעס, עאוטיכיאַנאָס, דער זון פון (פלוני), (עאוט)יכעס, דער זון פון טעאַגענעס, סאָזמאָענאָס, דער זון פון סטיראַנאָס, מאַעס דער זון פון סאַלאַס (און נאָך 24 נעמען — ב. נ.) מיט

אויפשריפטן זענען באַערט געוואָרן די ברידער: סאַמביאָן, דער זון פון עלפּידיאָן, פּורטאַס, דער זון אַגאַטהאָס, אַגאַטהע־מעראָס, דער זון פון פּאָפּליוס. אין דעם יאָר 525, אין חודש גאָרפּיאַיאָס, דעם 1־טן טאָג" (סעפּטעמבער 228 יאָר).

וואָס איז שייך די „אַדאָפּטירטע ברידער", האָט מען אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז דאָס זענען די ניי אָנגענומענע מיטגלידער פון פאַרבאַנד. הגם די השערה קלינגט גאַנץ לאָגיש, איז דאָס נישט אַזוי, ווייל עס איז נישטאָ קיין איין פאַל, אַז די פּערזאָן וועלכע איז באַצייכנט אַלס „אַדאָפּטירטער ברודער" זאָל דערנאָך אַרויסטרעטן אין די מיטגלידער־רשימות פון די געמיינשאַפטן, בשעת פאַרקערטע ביישפּילן האָבן מיר עטלעכע. אַזוי למשל, אין דער אויפשריפט פון 225 יאָר טרעפן מיר צווישן די מיטגלידער פאָלגנדיקע פּערזאָנען: דאַלאָסאַקאָס, דעם זון פון סימפּאָראָס, עוטיכאָס, דעם זון פון אַנטימאַכאָס און אַריסטאָן, דעם זון פון מענעסטראַטאָס. מיט דריי יאָר שפּעטער אין חודש גאָרפּיאַיאָס (לויטן יידישן קאַלענדאַר א ל ו ל, לויטן קריסטלעכן אויגוסט סעפּטעמבער) 228 יאָר פיגורירן זיי אַלע דריי אַלס „אַדאָפּטירטע ברידער". און נאָך אַ בעסערער ביישפּיל. סאָזאָמענאָס, דער זון פון סטיראַנאָס, טרעט אַרויס אַלס „אַדאָפּטירטער ברודער" אין דער אָקאָרשט ציטירטער אויפשריפט פון חודש גאָרפּיאַיאָס 228, אָבער נאָך מיט אַ חודש פריער אין חודש לאָאָס (אב אָדער יולי/אויגוסט) פון דעם זעלבן יאָר איז ער געווען נאָך אַ פּשוטער געמיינדע־מיטגליד. וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

מיר האָבן דאָ בלי ספק צו טאָן מיט אַן אינעווייניקסטער טיילונג אין די געמיינשאַפטן פון די האַלבע גרים. היות „אַדאָפּטירטער" איז קעגנזעצלעך צו „אָפּשטאַמיקער", מיינט

מען, אַז די ערשטע דאָס זענען אַזעלכע פאַרבאַנדס־אָדער געמיינדע־מיטגלידער, וועמענס עלטערן האָבן נישט געהערט צו דער דאָזיקער געמיינשאַפט אין קעגנזאַץ צו די „טהיאַסאָטאַי" — מיטגלידער אין צווייטן דור א. א. וו. עס איז באַקאַנט, אַז אין דער קריסטלעכער געמיינדע אין אַנטיאָכיע האָבן זיך די מיטגלידער פון דער עדה געטיילט אויף יידן פון אָפּשטאַם און נישט־יידן. עס קאָן זיין, אַז עפּעס ענלעכעס שטעלט מיט זיך פאָר די טיילונג אויף מיטגלידער און „אַדאָפּטירטע ברידער" אין די האַלב־פּראָזעליטישע געמיינדעס פון טאַנאַיס.

וועגן דעם גרויסן געזעלשאַפטלעכן באַדייט פון די געמיינשאַפטן פון די פאַרערער פון „העכסטן" גאָט זאָגט עדות בדרך כלל די פאָלגנדיקע דערשיינונג: די גרעסטע לייט אין דער שטאָט, ווי די העלענאַרכן (ראש פון דעם גריכישן טייל פון דער באַפעלקערונג) באַסילעידעס, דער זון פון טהעאָניקאָס און פסיכאַריאָן, דער זון פון פידאַנאָס, דער אַרכאָנט פון די טאַנאַיטן (ראש פון די נישט־גריכישער איינוווינער פון טאַנאַיס) ניבלאָבאַראָס, דער זון פון דאָסימאָקסאַרטהאָס, די אַרכיטעקטן אַורעליוס אַנטאָנינוס און נאַוואַקאָס, דער זון פון מעוואַקאָס, און אַפילו די לעגאַטן (פאָרשטייער) פון באָספּאָראַנישן מלך, ווי זענאָן, דער זון פון פאַנעס, און כאָפּראַסמאָס, דער זון פון פאַרנאַבאַקאָס, זענען געווען מיטגלידער פון די געמיינשאַפטן, ווו זיי האָבן פאַרנומען אָפט וויכטיקע אַמטן. אַזוי, למשל, איז דער לעגאַט כאָפּראַסמאָס פריער איידער ער איז געוואָרן פאָרשטייער פון דער צענטראַלער באָספּאָראַנישער רעגירונג (א מין גובערנאַטאָר), געווען צדקה־לייטער און צווייִמאָל פריסטער אין די פאַרבאַנדן. דער אַרכאָנט פון די „טאַנאַיטן" ניבלאָבאָסאָס איז געווען אַ פאַרזאַמלונגס־פאָרזיצער

און דער העלענארך פסיכאריאן — געמיינדע־פארזיצער („סי־נאגאגאס”).

דאס הייסט, אז גרויסע גרופן פארשטייער פון הערשנ־דיקן קלאס זענען געווען אונטערן איינפלוס פון דעם האלב־יידישן גלויבן, אין דער צייט ווען צווישן די נידעריקערע שיכטן האבן געהערשט פרימיטיווע רעליגיעזע פארשטעלונ־גען, ווי עס באווייזן די קברים פון טאנאיס. אלנפאלס איז זייער אינטערעסאנט, אז צווישן די אויסגעגראבענע ארכעאלא־גישע מאטעריאלן פעלן טעראקאטא־סטאטועטקעס פון גריכישע געטער, וועלכע מען געפינט אין גרויסע מענ־געס אין די אנטיקע צענטערס.

עס אונטערליגט דעריבער נישט קיין ספק, אז יידן און יידישע גרים האבן אין יענער תקופה אין רוים און אין די ראנד־מלוכות, וואס זענען געשטאנען אונטער איר פאליטישן קאנטראל (די באספאראנישע מלוכה איז פאליטיש געווען אפ־הענגיק פון דער רוימישער אימפעריע), געקאנט פארנעמען הויכע מלוכה־שטעלעס (זע ווייטער ז׳ 44). אזוי ארום קאן דאס נישט ארויסרופן ביי אונדז קיין חשד, אז מען איז דא עפעס מגזם די איינפלוסן פון דעם יידישן גלויבן אין די קאנטן.

די יידישע ישובים אין די דרום־רוסלענדישע געביטן

אין III — IV י״ה

אויב ביזן צווייטן יארהונדערט זענען די דרום־רוסלענ־דישע גריכישע קאלאניעס געווען נאך עקאנאמיש שטארק פארבונדן מיט די באלקאנישע פראווינצן פון דער רוימישער אימפעריע און געפירט א באדייטנדיקן האנדל (גרויסער פיש־

עקספּאָרט פֿון קערטש), אין וועלכן משמעות די יידן און סיריער האָבן געשפּילט אַ וואַזשנע ראָל, איז שפּעטער געקומען אַ פּעריאָד פֿון „באַרבאַריזירונג“ פֿון דעם אַנטיקן לעבנסשטייגער אין די געביטן. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דאָס גאַנצע לעבן אין די שטעט אין דרום־רוסלאַנד און במילא אויך פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, האָט זיך אַלץ מער און מער געביטן סיי אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן, סיי אין קולטורעל־אידעאָלאָגישן זין. אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן האָט שקלאַפֿעריי ביסלעכווייז אויפֿגעהערט צו ווערן אַ פֿאַרשפּרייטע פֿאָרם פֿון עקספּלאָאַטאַציע און אויפֿן אידעאָלאָגישן געביט האָבן די אַלטע גריכיש־רוימישע קולטן אָפּגעטראָטן זייער פּלאַץ פֿאַר מזרחדיקע מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס, צווישן וועלכע די וויכטיקסטע ראָל אין די געביטן האָט געשפּילט פֿריער דער יידישער גלויבן און ערשט שפּעטער דאָס קריסטנטום.

פֿון סוף III יאָרהונדערט האָבן מיר אַ ידיעה וועגן דער יידישער עדה אין כ ע ר ס אָ נ ע ס. די קירכלעכע „לעבנסבאַשרייבונגען פֿון די כערסאָנעסישע בישאָפֿן“. וואָס רעדן וועגן דער גאַנגען אין אַ גריכישער און גרוזינישער ווערסיע, ווייסן צו דערציילן וועגן דעם מאַרטירערטום פֿון קריסטלעכע מיסאָנערן, וועלכע זענען געפֿאַלן פֿון די הענט פֿון דעם כערסאָנעסער המון און ספּעציעל פֿון יידן (?). די דאָזיקע געשעעניש איז דאַטירט אין דעם אַלטקריסטלעכן מקור מיט דער הערשאַפֿט פֿון דיאָקלעטיאַנוס (284 — 305) וועלכער ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס אַ רשע („דראַקאָן“) לגבי די קריסטן.

וועגן דער באַדייטנדיקער ראָל פֿון יידישן קיבוץ אין פּ אַ נ ט י ק אַ פּ אַ י אָ ן און וועגן דער אויסערגעוויינלעכער קאַריערע פֿון א באָספּאָראַנישן יידן אין סאַמע אָנהייב פֿון

פערטן יאָרהונדערט זאָגט עדות אַ זייער אינטערעסאַנטע אויפשריפט איינגעקויפט דורכן קערטשער מוזיי אין 1901—1903 ביי אַן אָרטיקער איינוווינערין, ביי וועלכער אין הויז זי האָט 40 יאָר געדינט אַלס שוועל. אין דער אויפשריפט ווערט דערמאָנט אַ יידישער בית־תפילה אויסגעבויט לויט אַ נדר פון אַורעליוס וואַלעריוס סאָגוס דעם גובערנאַטאָר פון טעאָדאָסיע.

ווו און ווען דער שטיין איז געפונען געוואָרן, איז נישט באַקאַנט.

„דעם אַלהעכסטן באַרעמהאַרציקן גאָט (אַ נדר). אַורעליוס וואַלעריוס סאָגוס, דער זון פון אַלימפּאָס, דער גובערנאַטאָר פון טעאָדאָסיע, אַ באַקאַנטער פון די אויגוסטן, אויסגעצייכנט פון דיאָקלעטיאַנוס און מאַקסימיאַנוס, אַנגערופן אויך אַלימפּיאַנאָס אין דער פּראָווינץ, וועלכער האָט אַ סך געריזט, געוועזן אָפּגעזונדערט (אָפּטרינניק) 16 יאָר און אַ סך שוועריקייטן איבערגעלעבט, האָט פון דעם פונדאַמענט אָן אויסגעבויט אַ בית־תפילה (פּראָסעוכע) אין 603 יאָר" (ד. ה. אין יאָר 304 — 305 נ. צ.).

אומקערנדיק זיך צו סאָגוסן דאַרף מען זאָגן, אַז די אויסערגעוויינלעכע קאַריערע זיינע גיט אַ יסוד צו טראַכטן וועגן זיין נאָענטקייט צום רוימישן סענאַטאָרן־שטאַנד. סאָגוס טראָגט דעם טיטל „סעבאַסטאָגנאָסטאָס", דאָס הייסט, „פּערזענלעכער פריינד" אָדער „באַקאַנטער פון די אויגוסטן" מאַקסימיאַנוס און דיאָקלעטיאַנוס (קיסר פון 284 יאָר), פון וועלכע ער האָט געקראָגן אויסצייכענונגען. עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז דעם טיטל „סעבאַסטאָגנאָסטאָס" האָבן נאָר עטלעכע מענטשן אין די גריכישע שטעטביים שוואַרצן ים זוכה געווען צו באַקומען מצד די רוימער. וואָס איז שייך זיין באַצי־

ונג צו יהדות שיינט, אַז ער איז געווען טאַקע נישט קיין גר, נאָר אַ ייד. אַזוי ווי דער פּאַרטיציפּ „אַפּאָסטאַטעסאָס" אין דער אויפשריפט קאָן מען פאַרשטיין אויך אין זין פון „זיין אָפּטרי־ניק", דרינגט אַרויס, אַז סאָגוס איז געווען אַ ייד, וועלכער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון יידישן גלויבן בשעת זיין אויפ־האַלט אין אַ רוימישער פּראָווינץ (וואָס פאַר אַ פּראָווינץ, ווערט נישט געזאָגט. אין דער אויפשריפט רעדט זיך נאָר וועגן זיינע וואַגלעגישן אין משך פון 16 יאָר).

אַזוי אַרום מיינען מיר, אַז סאָגוס איז געווען גיכער פון אַלץ אַ שטאַרק אַסימילירטער באָספּאָראַנישער ייד אין רוי־מישן דינסט, וועלכער נאָך פיל יאָרן אָפּוועזנהייט אין די היי־מישע קאַנטן און אינדיפערענטקייט אָדער אפשר אָפּטריני־קייט לגבי דעם יידישן גלויבן האָט זיך אומגעקערט אַהיים, תשובה געטאָן און לויט אַ נדר אויסגעבויט אַ בית־תפילה פאַרן יידישן גאָט אין פאַנטיקאַפּאַיאָן.

אַחוץ דעם באַווייזט סאָגוסעס אויפשריפט אַז יידן אין דער באָספּאָראַנישער מלוכה האָבן געשפּילט דעמלט אַ באַ־דייטנדיקע ראָל, אויב אַ באָספּאָראַנישער ייד האָט געקאָנט זיין דער גובערנאַטאָר פון טעאָדאָסיע (צי מצד דעם באָספּאָ־ראַנישן מלך, צי מצד די רוימער, איז נישט קלאָר) און שטיין אין נאָענטע באַציונגען מיט דער רוימישער רעגירונג.

צו דער צייט געהערן אַ גאַנצע ריי אויפשריפטן און מצ־בות פון יידישן בית־עולם אין פאַנטיקאַפּאַיאָן, וועלכע זע־נען געפונען געוואָרן אין 1867 נעבן פּאַוולאָווער פאָרט („פּאַוו־לאָווסקאַיאַ באַטאַרעיאַ") צו מזרח פון ערשטן פעלזיקן היגל. מען האָט דאָ אָפּגעגראָבן 21 קברים, זייער אָרעמע און איינ־פאַכע. די גרויס פון די קברים איז געווען פון 2,13 ביז 2,30 × 1,06 מ. די גרויס און די טיף 0,54 — 0,71 מ. די מתים

זענען געלעגן אַלע מיטן קאָפּ אויף מזרח. דאָס איז אַ וויכטי־קער פּרט, ווייל די מתים אין די קריסטלעכע קברים פון IV י״ה (מצבות מיט קריסטלעכע אויפשריפטן און צלמים האָט מען געפונען אין דריי ערטער: אין ראַיאָן פון דער שפּיטאָל־גאַס אויפן מיטראַדאַטעס־באַרג; אין ראַיאָן פון גלינישטשע ביים ברודער־קלויסטער און ביים וועג צום קעניגלעכן קור־האַן) זענען מערסטנטייל אָריענטירט אויף מערב. דאָ האָט מען אויך געפונען דריי אויפשריפטן אויף קאַלך־שטיינער מיט מנורות, וועלכע מען האָט דערנאָך איבערגעגעבן אין קעניג־לעכן קורהאַן. די שטיינער זענען אין אויבערשטן טייל אָפּגע־בראָכן און גיבן אַ גאַנץ גענויע פאָרשטעלונג וועגן דער גרויס און טעכניק פון אויספאַרטיקן מצבות ביי די באָספּאָראַנישע יידן. די אויפשריפטן זענען געשריבן אין גריכיש. אין דער ערשטער אויפשריפט ווערט דערמאָנט אַ פרוי פון אַ געוויסן כ ר ע ס ט י אָ ן (דער נאָמען פון דער פרוי איז נישט פאַר־בליבן), אין דער צווייטער פלוני, דער זון פון שמואל (סאַמאַ־על). אין 1897 איז געפונען געוואָרן אַן אויפשריפט פון אַ גע־וויסן ש מ ע ו ן מיט אַ מנורה. די אויפשריפט האָט זיך גע־פונען אין מעלעק־טשעסמענישן קורהאַן צווישן אַ גאַנצער ריי עלטסטע יידישע מצבות פון IV — V י״ה. דאָקטאָר וויי־סענבערג, וועלכער האָט באַזוכט דעם קורהאַן אין 1913 יאָר האָט דאָ אָנגעציילט 12 אַזעלכע דענקמעלער (אין 1941 האָרט פאַר דער מלחמה זענען זיי נאָך געווען דאָ אַלע גאַנץ). זיי זענען געפונען געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער, טיילווייז אין קערטש, אין דער אַ. ג. צעמענטענער סלאָבאָדקע, פון זייט דער פעסטונג.

אָט איז די באַשרייבונג פון אייניקע מצבות פון מעלעק־טשעסמענישן קורהאַן:

פון IV י״ה דאַטירט זיך אַ יידישע אויפשריפט פון שמואל, דעם זון פון סעווערוס (אויף גריכיש: סאַמאָעל היאָס סעווערו״). דער קבר, ווו די מצבה איז געפונען געוואָרן, איז געווען באַדעקט מיט נאָך צוויי שטיינער. איינער פון זיי האָט געהאַט אַ גריכישע אויפשריפט: „ד אָ ל י ג ט״ און אַ מנורה מיט 7 לייכטערס, דער צווייטער בלויז אַן אויסגעקריצטע מנורה באַמאָלט מיט רויטער פאַרב. אַ טייל מצבות האָבן נישט קיינע אויפשריפטן. אויף זיי געפינען זיך נאָר יידישע עמבלעמען: אַ מנורה מיט 7 אָדער 9 לייכטער, מיט אַ פּאַלמען־צווייג פון איין זייט און אַ שופר פון דער צווייטער.

אויף צוויי מצבות געפינט זיך פון איין זייט פון דער מנורה אַ סימן אין דער פאָרם פון אַ שאַרפן ווינקל. אויף איין שטיין, אמת פון דער אַנדער זייט, געפינט זיך אַ סימן, וואָס דערמאָנט די טאַמגעס (אייגנטום־צייכנס) פון דער כוזרישער תקופה.

זייער אינטערעסאַנט זענען צווישן זיי אַזעלכע מצבות, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר פאַקטיש „זאַגאַטאָוקעס״, נאָך נישט קיין פאַרענדיקטע אינגאַנצן. אַזוי, למשל, אויף איין אַזאַ מין שטיין איז אויסגעקריצט אַ מנורה מיט 9 לייכטער, אַ פּאַלמען־צווייג, אַ שליסל (?) און עס איז איבערגעלאָזן אַן אָרט פאַר אַן אויפשריפט. עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט דער פּראָדוקציע פון אַ ש ט יי נ ק ר י צ ע ר יי — אַ וואַרשטאַט, וועלכער האָט אויסגעפאַרטיקט יידישע מצבות.

מען דאַרף אויך דערמאָנען אַן אויפשריפט אין גריכיש פון מ אַ ר י אַ ד י אַ ר כ אָ נ ט י ן. די דאָזיקע אויפשריפט גיט אונדז אַ געוויסן מאַטעריאַל וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער קהילה אין פּאַנטיקאַפּאַיאָן. עס איז

באַקאַנט, אַז די העברעע באַאַמטע פון דער יידישער געמיינ־דע האָבן זיך גערופן אויף גריכיש אַרכאָנטעס. דאָס איז דאָקומענטירט דורך אַ ריי אויפשריפטן פון רוים, קאַפּוּאַ, אוטיקאַ (צפון־אַפריקע), אַקמאָנעאַ (פריגיע) און דורך די גבית־עדות פון פילאָן און יוסף פלאַוויוס פאַר אַלעקסאַנדריע אין מצרים און אַנטיאָכיע אין סיריע.

זייער וויכטיק איז אַן אויפשריפט געפונען אין 1899 נישט ווייט פון קערטש ביים שאָסיי, וואָס פירט אין דער פעסטונג צוזאַמען מיט די אויבנדערמאָנטע יידישע מצבות אָן אויפשריפטן (זיי זענען אַלע באַצירט מיט מנורות), וואָס זע־נען איבערגעגעבן געוואָרן אין דער פיליע פון מוזיי אין מע־לעק־־טשעסמענישן קורהאַן. די אויפשריפט איז שטאַרק צע־שטערט און עס זענען איבערגעבליבן צוויי פראַגמענטן. די גרויס פון דער אויפשריפט איז געווען 0,35×0,40 מ. דער טעקסט איז געשריבן אין גריכיש און העברעיש. דער העב־רעישער (אויבערשטער טייל) פון דער אויפשריפט איז פאַר־לוירן אַחוץ די לעצטע ווערטער: ברכה, נער, ושלום. אין דער רעקאָנסטרוקציע פון פראָפ. כוואָלסאָן זעט די אויפשריפט אויס אַזוי: (זה הקבר למנוחת יצחק זכרונו ל) ברכה

(.................ה) נער

(תנוח נפשו במנוחה) ושלום

דער גריכישער טעקסט קאָן איבערזעצט ווערן אַזוי: „פאַר דער נשמה, פון יצחק דעם זעליקסטן. שלום און רו".

ווען מיר פאַרגלייכן די יידישע אויפשריפטן פון דער באָ־האַנדלטער תקופה מיט די פריערדיקע פון I—II י"ה, מוזן מיר קאָנסטאַטירן פאָלגנדיקע וויכטיקע דערשיינונגען: 1) די גריכישע נעמען ווערן פאַרביטן דורך העברעישע (שמואל, שמעון, מרים), 2) העברעיש טרעט אַרויס אַלס ליטעראַטור־

און ליטורגיע־שפּראַך אויפסגלייך מיט גריכיש. דאָס קאָן נאָר באַדייטן, אַז אין קולטורעלן, עטנישן און אויך סאָציאַלן היג־זיכט זענען מיר דאָ דעם אָנהייב פון גרויסע ענדע־רונגען אין דער סטרוקטור פון יידישן קיבוץ אין מזרח־אייראָפּע.

מען קאָן מיינען, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ צופלוס פון מזרח־יידן.

קורצע אויספירן

אַזוי אַרום איז די געשיכטע פון די יידישע קיבוצים אין דרום־רוסלאַנד אין אַלטערטום דאָקומענטירט מיט אַ גאַנ־צער ריי פאַרשידנאַרטיקע עפּיגראַפישע דאָקומענטן, ווי שקלאַפן־באַפרייונגען (פון 13 אויפשריפטן פון דעם מין, גע־פונענע ביז איצט, לגבי וועלכע מען קאָן פעסטשטעלן די נאַ־ציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע צוגעהעריקייט פון די מחברים, גע־הערן צו יידן אָדער יידישע גרים 11 און נאָר 2 צו גריכן), בויונג־אויפשריפטן (דריי), מצבות (ביי אַ צוואַנציק), פּראָ־טאָקאָלן פון רעליגיעזע געמיינשאַפטן (אַ פּאָר צענדליק). וואָס פאַר אַ היסטאָרישע אויספירן קאָן מען מאַכן פון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל האָבן מיר באַוויזן אין די פריקע קאַפּיטלען.

דאָ ווילן מיר נאָר אונטערשטרייכן, אַז פון איין זייט איז די יידישע געשיכטע אין דרום־רוסלאַנד אין די עלטסטע צייטן ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דער העלעניס־טישער דיאַספּאָרע (גלות) און אַז, פון דער אַנדערער זייט, דאָקומענטירן די אויבן אַנאַליזירטע פאַקטן עטלעכע הונדערט יאָר יידישע געשיכטע אין

ד ר ו ם ־ ר ו ס ל אַ נ ד ביז דעם אָנפאַל פון די הונען אין סוף פון IV י״ה. ווייטער האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז די אויפשריפטן פון טאַנאַיס האָבן אַ דירעקטן שייכות צו יידן און אויך צו די נישט־יידישע אָנהענגער פון יידישן גלויבן. במילא דערוייזן זיי בפירוש, אַז די יידישע קהילות אין דרום־רוסלאַנד אין אַלטערטום האָבן געשפילט אַן אָנגעזעענע ראָל און געהאַט אַ געוועג גרויסע השפעה אויף זייערע סציטי־שע שכנים, איבערפלאַנצנדיק צווישן זיי עלעמענטן פון אַנ־טיקער קולטור און מאָנאָטעיסטישע גלויבנס. עס איז קלאָר, אַז אין די פאַקטן קאָנען מיר געפינען אַ שליסל צום גרויסן דערפאָלג פון דער יידישער רעליגיעזער פראָפּאַגאַנדע אין דער כוזרישער מדינה.

II. כוזרים־תקופה

מזרח־אייראָפּע אין דער כוזרים־צייט

די צייטן פון דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג האָבן געבראַכט מיט זיך אַ ריי ענדערונגען אין עטנישן באַשטאַנד און סאָציאַלן לעבנס־שטייגער אין דער סטעפּן־זאָנע פון דרום־רוסלאַנד. שוין אין III י״ה באַווייזן זיך אין די סטעפּעס ביים שוואַרצן ים די גאָטן, אַ פאָלק פון גערמאַנישן אָפּשטאַם. אַ טייל פון זיי איז פאַרבליבן אין די בערג־ראַיאָנען פון קרים ביזן XVI י״ה. זייער הויפּט־צענטער איז געווען ד אָ ר אָ ס ־ מ אַ נ ג ו פ. צום סוף פון IV י|׳ה באַווייזן זיך דאָ די ה ו נ ע ן, אַ פאָלק פון אַזיאַטישן, גיכער פון אַלץ טיורקישן אָפּשטאַם, וועלכע האָבן געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דער אַנטיקער קולטור און דעם אַנטיקן לעבנס־שטייגער אין דרום־רוסלאַנד. די שטעט אין קרים און צווישן זיי קערטש זענען פּאָגראָמירט געוואָרן און נאָכן אָפּטרעטן פון די הונען דערהויבן זיי זיך שוין קיינמאָל נישט צו דער פריערדיקער מדרגה. די ממשלה פון די הונען האָט זיך געהאַלטן דאָ ביי אַ הונדערט פופציק יאָר און ערשט אין די צייטן פון מלך יוסטינוס דעם I (518—527) באַווייזן זיך דאָ אויף אַ קורצער צייט ביזאַנטינישע גריכן. אין V י״ה הערט אויף צו עקזיסטירן די שטאָט אָלביע אין לימאַן פון טיין־

בוג. נאָכן צעפאַלן זיך פון דער הונען־אימפּעריע פון אַטילאַ אין 453 יאָר פאַלט אַרונטער דאָס סטעפּן־לאַנד ביים שוואַרצן ים אונטער דער הערשאַפט פון פילצאָליקע פעלקערשאַפטן פון טיורקישן שורש, וועלכע בייטן אָפּט איינע די אַנדערע. דאָס זענען געווען נאָמאַדן, הויפּטזעכלעך פיצוכטלער, וועלכע אין רעזולטאַט פון אינוויינױקסטע מהומות און קאַמפן אין מערב־טיורקישן קאַגאַנאַט (מלוכה) אויף די טעריטאָריעס פון מיטל־אַזיע און קאַזאַכסטאַן, לאָזן זיך וואַנדערן אויף מערב ביז זיי פלעגן דערגרייכן די סטעפּעס צווישן דער וואָלגע און דניעפּר, וואָס איז געווען פאַר זיי אַן אויסגעחלומט אָרט אין זין פון קלימאַטישע באַדינגונגען פאַר פי־צוכט.

אַ שפּעטערדיקער אַראַבישער רייזנדער פון XIV י״ה אבן באַטוטאַ * שרייבט מיט גרויס התפּעלות וועגן די פרוכטבאַרע דרום־רוסלענדישע סטעפּ־געביטן: „דאָס איז אַ גריז, בליענדיק לאַנד, ווו מען זעט נישט קיין בוים, קיין באַרג און קיין היגל, ווו סטעפּ־געוויקסן פאַרבייטן פולשטענדיק האָבער פאַר בהמות און ווו ס׳איז דאָ זייער פיל פי און פערד, וועלכע קאָסטן שפּאָט־ביליק".

צווישן די הוניש־בולגאַרישע פעלקער זענען באַקאַנט ס אַ וו י ר ן, אַ וו אַ ר ן (558—626), וועמענס נאָמען עס לעבט אין דער פוילישער באַצייכענונג פון לעגענדאַרע ריזן „אָלבזשים", און פון VII י״ה ב ו ל ג אַ ר ן און כ אַ ז אַ ר ן (כוזרים). די לעצטע גיט זיך איין איינצושטעלן אויף איבער דריי הונדערט יאָר זייער איבערהערשאַפט איבער די קאַנטן (VII—X י״ה), אָפּצושטעלן דעם דראַנג פון די אַנדערע מיטל־אַזיאַטישע נאָמאַדן און פאַרהאַלטן זייער עקספּאַנ־

* די אַראַבישע מקורים ווערן ציטירט לויט איבערזעצונגען.

טיע, שאַפן באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון האַנדל, הויפּטזעכלעך פון אַ טראַנזיט־כאַראַקטער צווישן מזרח און מערב, און לאַנדווירטשאַפט, גאַראַנטירנדיק דער באַזעסענער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג (סלאַוון אין מערב אויפן דניעפּר, אַלאַנען־אָסעטינער אויף צפון־קאַווקאַז און ווייטער ביזן דאָן) שוץ מצד די אַנדערע נאָמאַדן־פעלקער. אויף דרום אין אַ ריי מלחמות מיט די אַראַבער אין טראַנס־קאַווקאַז (ביי טביליסי, דערבענט) גיט זיך איין די כוזרים אָפּצושטעלן די אינוואַזיע פון די אַראַבער, וועלכע האָבן אין משך פון איבער הונדערט יאָר (ביז צו די דרייסיקער יאָרן פון VIII י״ה) געריסן זיך קיין מזרח־אייראָפּע. אין קרים שטויסן זיי אויך אַרויס כמעט אינגאַנצן די ביזאַנטינער און שטעלן איין זייער קאָנטראָל איבער די קרימער האַנדלס־שטעט. אַזוי אַרום האָט די האַלב־פעאָדאַלע מלוכה פון די כוזרים פאָרגעשטעלט מיט זיך דעם גרעסטן פּאָליטישן כוח אין מזרח־אייראָפּע צווישן VII און X י״ה. אַ באַדייטנדיקע אָפּשוואַכונג פון דער כוזרים־מאַכט האָט געבראַכט מיט זיך ערשט די אינוואַזיע פון די אונגאַרישע מאַדיאַרן, וועלכע זע־נען געקומען פון צפון (אוראַל־געביט) אין אָנהייב פון IX י״ה. אין דער העלפט פון X י״ה צעפאַלט זיך די כוזרישע גרויסמאַכט אונטער די קלעפּ פון די רוסישע פירשטן, וועל־כע וואַקסן דעמלט אויס צו אַ גרויסער מיליטערישער קראַפט און פאַראייניקן אַרום קיעווער לאַנד די מזרח־אייראָפּעישע סלאַוון. אין קולטורעל־אידעאָלאָגישן זין האָבן אין דער תקו־פה צווישן די פעלקער פון מזרח־אייראָפּע געמאַכט גרויסע דערפאָלגן די וועלט־רעליגיעס: קריסטנטום (הויפּטזעכלעך אין קרים צווישן גאָטן און גריכן, טיילווייז סלאַוון, אַלאַנען), מוזולמענישער גלויבן (בולגאַרן, טיילווייז כוזרים), יהדות

(צווישן דעם הערשנדיקן שיכט און דער קעניגלעכער די־נאַסטיע פון די כוזרים).

די יודאַיזירונג פון די כוזרים

אין שייכות מיטן וווקס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ראָל פון כוזרישן קאַגאַנאַט און די פּראָצעסן פון פעאָדאַלי־זירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג ביי די כוזרים נעמט אָן די פראַגע פון איבערגאַנג צו אַ מאָנאָטעיסטישער רעליגיע פאַר די כוזרים נישט נאָר אַן אינעווייניקסטע סאָ־ציאַל־פּאָליטישע, נאָר אויך אַן אויסערלעך־פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע באַדייטונג. דאָס אָנשליסן זיך אין קריסטנטום אָדער מאַכמעדאַנישן גלויבן וואָלט באַדייט אַ באַאיינפלוסונג פון די כוזרים דורך די דעמלטיקע וועלט־אימפעריעס: בי־זאַנץ אָדער דעם כאַליפאַט. דעריבער ווענדעט זיך נישט דער הערשנדיקער שיכט פון די כוזרים צו די אויבנדערמאָנ־טע רעליגיעס, כאָטש פאַראיינצלטע פּרוון אין דער ריכטונג זענען געמאַכט געוואָרן. אַזוי, למשל, איז באַוווסט, אַז אַרום 685 יאָר האָט דער אַלבאַנישער (אַזאַרביידזשאַנער) בישאָף ישראל באַקערט צום קריסטנטום דעם פירשט פון די צפון־קאַווקאַזער הונען אַלפ־איליטווער, וועלכער איז געווען אַ וואַ־סאַל פון די כוזרים. אין 731 יאָר האָט דער ביזאַנטינישער מלך לעאָן דער איסאַורישער חתונה געמאַכט זיין זון קאָנסטאַנטין מיט אַ כוזרישער פּרינצעסין, וועלכע האָט ביים שמד באַקומען דעם נאָמען אירענע. אַ פּלי־מעניק פון איר זון, דעם ביזאַנטינישן מלך לעאָן דעם כוזרי, האָט אויך געהאַט פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון

כוזרישן קאַגאַן (זע ווייטער ז' 71), און זייער זון, אויך לעאָן, איז געווען אין די 70 יאָרן פון VIII י״ה דער הערשער פון אַבכאַזיע. אַרום 782 יאָר האָט דער טביליסער מוסולמענער אַבאָ, וועלכער איז געווען אין כוזרים־לאַנד, אָנגענומען דאָרט דעם קריסטלעכן גלויבן. צולעצט איז באַקאַנט, אַז די ביי־שאָף־רעזידענץ אין דאָראָס אין קרים איז אין דער העלפט פון VIII י״ה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעטראָפּאָליט־רעזידענץ, וועמען עס האָבן אונטערליגט 7 בישאָפן: דער כאַ־צירישער (קאַראַסו־באַזאַר אין קרים?), אָנאָגורישער (קובאַן־געביט), הונישער (צפון־קאַווקאַז אָדער דאַגעסטאַן), טאַמאַ־טאַרכישער (טאַמאַן), אַסטילישער (איטיל), כוואַליסישער און רעטעגישער. די לאָקאַליזאַציע פון די לעצטע צוויי אָרטשאַפטן איז נישט פעסטגעשטעלט. לויט אַראַבישע קוועלן זאָל האָבן דער קריגספירער מערוואַן געצוווּנגען דעם כוזרישן קאַגאַן אָנצונעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן אין די דרייסיקע יאָרן פון VIII י״ה. אַ סך מוסולמענער האָבן געלעבט אין איטיל, ווו עס זענען געווען 30 מעטשעטן, געדינט אין דער קיניגלעכער גוואַרדיע און אין דער אַדמיניסטראַציע. פונדעסטוועגן האָט דער הערשנדיקער שיכט פון די כוז־רים נישט אָנגענומען קיינעם פון די גלויבנס און איז אַריי־בער צו יהדות. אל־מאַסודי גיט אָן, אַז דער יידישער גלויבן איז געוואָרן די מלוכה־רעליגיע אין כאַזאַריע. אָנהייבנ־דיק פון די צייטן פון כאַליף האַרון־אל־ראשיד (786—809). אין דער גענויער רעדאַקציע פון בריוו פון מלך יוסף ווערט אָנגעגעבן אַלס דאַטע פון באַקערונג צו יידישקייט די עפּאָכע מיט 320 יאָר פאַר זיין הערשאַפט, ד. ה. אַן ערך 630 יאָר. פאָרשער האַלטן די דאַטע פאַר אַ צו פריע. מען נעמט אָן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אַרום 730—740. מיר באַזיצן

צוויי ווערסיעס וועגן אָננעמען פון יידישן גלויבן דורך די כוזרים. די ערשטע ווערסיע (אין בריוו פון מלך יוסף און אין „ספר הכוזרי" פון יהודה הלוי אין XII י"ה) רעפּרע־זענטירט דעם אָפיציעל־כוזרישן שטאַנדפּונקט, די צווייטע (אין דעם בריוו פון כוזרישן יידן) — דעם יידישן. לויטן בריוו פון מלך יוסף האָט דאָס יהדות אָנגענומען אַ כוזרישער פירשט, וואָס האָט געהייסן ב ו ל אַ ן. ער האָט אַרויסגעט־טריבן פון זיין לאַנד די מכשפים און שאַמאַנען און איבער־צייגט אַנדערע כוזרישע פירשטן און דעם כוזרישן אויבער־הערשער (קאַגאַן) אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן. נאָכדעם האָט בולאַן לויט אַן אָנווייז פון הימל באַשלאָסן אויסצובויען אַ טעמפּל און אויפשטעלן די עבודה. צו דעם צוועק האָט ער אָרגאַניזירט אַן אָנפאַל אויף טראַנסקאַווקאַז (דאַראַלאַן־דאַ־ריאַל, אַרדעביל) און געבראַכט אַ סך רויב. אַדאַנק דעם האָט מען אויסגעפּאַרטיקט אַן אהל, ארון, מנורה, מזבח און היי־ליקע חפצים, וועלכע זענען געווען אין באַנוץ נאָך אין די צייטן פון מלך יוסף. ווען די מוסולמענער און קריסטן האָבן זיך דערוווסט וועגן דער באַקערונג פון בולאַנען צום יידישן גלויבן, האָבן זיי געשיקט שליחים מיט רייכע מתנות, כדי ער זאָל איבערגיין אין איינעם פון די וועלט־גלויבנס. עס קומט דעמלט פאָר אַ רעליגיעזער דיספּוט צווישן די פאָר־שטייער פון אַלע דריי אמונות. דער כוזרישער פירשט שטעלט אַזוי די פראַגעס, אַז די קריסטן אָנערקענען דאָס יהדות אַלס בעסערן גלויבן ווי דעם מאַכמעדאַנישן און די מוסולמענער זענען אויך מסכים, אַז דער יידישער גלויבן איז בעסער ווי דאָס קריסטנטום. פון דעם מאַכט ער פאָר זיך דעם אויספיר, אַז דער יידישער גלויבן איז דער בעסטער אפילו לויט די גבית־עדות פון די קריסטן און מוסולמענער. באַלד טאַקע

האָט בולאַן דורכגעמאַכט מילה און באַקערט זיך פולשטענ־
דיק צום יהדות.

די דערציילונג פון יהודה הלוי שטיצט זיך אין קערן אויף
כוזרישע מקורים. ער גיט אָן אַ ריי פּרטים וואָס באַשטעטיקן
דאָס. לויט אים האָט דער כוזרישער מלך זיך דעצידירט אָנ־
צונעמען דעם יידישן גלויבן צוליב אַ חלום, וואָס ער האָט
געזען. דער מלך פּאַרטרויט דאָס זיין הויפּט־מיניסטער און
זיי לאָזן זיך אַוועק אין די וויסטע בערג וואַרסאַן, וואָס זענען
ביים ים. דאָרט האָט זיך געפונען אַ הייל, וווּ יידן פלעגן
פייערן שבת. דאָ האָבן זיי דורכגעמאַכט מילה און באַקערט
זיך צו יידישקייט. אומקערנדיק זיך צוריק אַהיים האָבן זיי
אָנגעהויבן שטילערהייט צו אַגיטירן פאַרן יידישן גלויבן און
ווערבירן אָנהענגער. ווען זיי זענען געווען שוין אין אַ גרוי־
סער צאָל, האָבן זיי אָפן דערקלערט וועגן זייער צוגעהערי־
קייט צום נייעם גלויבן און געצוווּנגען די איבעריקע כוזרים
צו טאָן דאָס זעלבע. ווייטער דערמאָנט יהודה הלוי וועגן
אהל, וואָס מען האָט אויסגעבויט, ווי אין די צייטן פון חומש.
שוין נאָך דעם זיג פון יהדות ביי די כוזרים האָט מען אַרויס־
גערופן יידישע געלערנטע פון אַנדערע לענדער, געבראַכט
יידישע ספרים און אַריינגעפירט דעם יידישן דין. מערקווירדיק,
אַז יהודה הלוי ווייסט נישט וועגן חסדאיס בריוו און שטיצט
זיך אויף כוזרישע מקורים, וועלכע זענען צו אים דערגאַנ־
גען דורך יידישע הענט.

דער בריוו פון אַנאָנימען כוזרישן יידן שטעלט פאַר דעם
זעלבן ענין אַזוי: יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן קיין כוזרים־
לאַנד, האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די איינוווינער פון דעם
לאַנד. זיי האָבן פאַרגעסן זייערע מנהגים און די תורה, אָפּ־
היטנדיק בלויז מילה און שבת. איינער פון אַזעלכע געמיש־

טע יידן־כוזרים האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס קריגער און איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר זיין העלדישקייט אַלס קריגס־פירער פון די כוזרים. אונטערן איינפלוס פון זיין פרוי און איר טאַטן (מסתמא פרומע יידן לויט דער באַנעמונג פון מחבר) נעמט דער כוזריש־יידישער קריגס־פירער אָפּהיטן אַלע יידישע דינים און פירן זיך, ווי אַ ייד. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, שיקן די ביזאַנטינער און אַראַבער שליחים, כדי אים איבערצוצייגן אין זייער גלויבן. עס קומט פאָר אַ רעליגיעזער וויכוח און די יידן זיגן, ווייל זייערע ארגומענטן באַשטעטיקן סיי די קריסטן סיי די מוסולמענער.

פאַרגלייכנדיק ביידע ווערסיעס קאָן געמאַכט ווערן אַ ריי וויכטיקע אויספירן: 1) פון אָנהייב האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן נאָר איין כוזרישער פירשט און מסתמא נישט דער אויבערהערשער (קאַגאַן). דער אַנאָנימער בריוו גיט אָן, אַז נאָכן אָננעמען פון יידישן גלויבן האָבן די כוזרים אויסגעקליבן דעם פירשט אַלס זייער מלך און אחוץ דעם אויסגעקליבן אַ חכם אַלס העכסטן שופט, וועלכער טראָגט דעם טיטל קאַגאַן. דאָס איז בלי שום ספק אַ פרווו אויסצוטייטשן די מלוכה־סטרוקטור פון די כוזרים (דואַליזם פון קאַגאַן און קאַגאַן־בעק) מיט דער הילף פון ביבלישע פאַראַלעלן און שפּיגלען נישט אָפּ קיין היסטאָרישן אמת. 2) אין כוזרים־לאַנד איז אָנגעגאַנגען אַן אַקטיווע רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע פון פאָרשטייער פון אַלע דריי גלויבנס: מאַכמעדאַניש, קריסטלעכן און יידישע פאַרבונדן מיט רעליגיעזע וויכוחים און דיספּוטן. 3) די יודאַיזירונג פון די כוזרים איז געווען אַ לאַנגער פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין בולאַנס צייטן און איז געווען פאַרבונדן מיט דער באַהערשונג פון אַרדעביל דורך די כוזרים אַרום 731 יאָר. אַזוי ווי אין דער צייט האָט דער ביזאַנ־

טינישער מלך חתונה געמאַכט זיין זון פֿאַר אַ כוזרישער פּרינצעסין, איז צו גלויבן, אַז די ייִדישע אמונה איז נישט געווען די הערשנדיקע צווישן די כוזרים אין דער תקופה. אַנדערש וואָלט אַזאַ מין דינאַסטישער בונד נישט געקאָנט צושטאַנד קומען. עס קאָן גרייליך זיין, אַז די מפּלה, וואָס דער כוזרישער קאַגאַן האָט אין 737 יאָר געליטן מצד די אַראַבער, איז געווען דער אָנהייב פֿון פֿאַלן פֿונעם אויטאָריטעט פֿון דער קאַגאַן־דינאַסטיע און די יורשים פֿון בעק־בולאַן נעמען איבער מיט דער צייט די מאַכט אין זייערע הענט, איבערלאָזנדיק דעם קאַגאַן אַלס ריין נאָמינעלן אויבערהערשער. אַן אַנאַלאָגיע קאָן מען דורכפֿירן מיט דער לאַגע אין פֿראַנקן־לאַנד בעת די לעצטע מעראָווינגער, ווען די מאַכט איז פֿאַקטיש געלעגן אין די הענט פֿון די קאַראָלינגישע מאַזשאָרדאָמען (אַ מין וועזירן). צום סוף פֿון VIII — אָנהייב IX יאָרהונדערט דערקלערט ע ו ב ד י ה, איינער פֿון די הערשער פֿון גזע בולאַן, די ייִדישע רעליגיע אַלס די הערשנדיקע און מלוכהשע אין כוזרים־לאַנד. עס ווערן אים צוגעשריבן אַדמיניסטראַטיווע און רעליגיעזע רעפֿאָרמען. ער זאָל האָבן איינגעלאַדן ייִדישע געלערנטע פֿון באַגדאַד, כאָראַסאַן און גריכנלאַנד, וועלכע האָבן אַריינגעפֿירט ביי די כוזרים משנה, תלמוד, תפֿילות און חזנות. נאָך אים האָבן געהערשט 12 מלכים פֿון זעלבן שטאַם, וועלכע טראָגן אַלע ייִדישע (ביבלישע) נעמען: עובדיה, זיין זון חזקיהו און אייניקל מנשה, דערנאָך עובדיהס ברודער חנוכה און זיינע קינדסקינדער: יצחק, זבולון, מנשה (לויט דער געקירצטער רעדאַקציע הייסט ער מנשה II), ניסאי, אהרן I (ער פֿיגורירט נישט אין דער געקירצטער רעדאַקציע), מנחם, בנימין, אהרון II און יוסף. די באַקערונג פֿון די כוזרים צום יהדות

איז געווען באמת זייער אַ וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש, וועגן וועלכער פּראָפעסאָר אַרטאַמאָנאָוו פון לענינגראַד, וועמען די כוזרישע אַרכעאָלאָגיע האָט צומערסטן צו פאַרדאַנקען (זע אונטן)), האָט געשריבן אַזוי: „דאָס אָננעמען דעם יידישן גלויבן דורך די כוזרים איז געווען אַן אַקט פון פּאָליטישער זעלבסטבאַשטימונג, אַ דעמאָנסטראַציע נישט נאָר פון אומאָפּהענגיקייט, נאָר אויך פון גלייכקייט צווישן דעם כוזרישן קאַגאַנאַט מיט דער ביזאַנטינישער אימפּעריע און דעם אַראַבישן כאַליפאַט, אַן ענטפער אויף די פּרווון פון איין צד און פון צווייטן צו מאַכן אונטערטעניק די כוזרים. אין אויסערן־פּאָליטישן זין איז דאָס געווען אין דער העכסטער מדרגה אַן עפעקטיווער אַקט. די כוזרים האָבן אַרויסגערוקט דעם יודאַיזם (יידישן גלויבן) אויפן אָרט פון דער דריטער וועלט־רעליגיע, נאָר זיי זענען נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרפעסטיקן די פאַר אים דערלאַנגטע פּאָזיציע, און נישט דערפאַר, ווייל דער אַלטער יודאַיזם האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ווייניקער צוגעפּאַסט צו דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, ווי די מער ייִנגערע רעליגיעס — קריסטנטום און איסלאַם. די סיבה ליגט אין דעם, וואָס כאַזאַריע גופא איז נאָך געווען צו פּרימיטיוו לויט איר אינעווייניקסטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מהות, און דערפאַר טאַקע האָט זי זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט בכוח אָנצוצינדן די דאָזיקע אַלטע רעליגיע מיט אַ נייעם פייער".

די יידישע ישובים אין כוזרים־לאַנד

מען קאָן נישט לייקענען אז די כוזרים האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן נישט נאָר צוליב רעליגיעזע, נאָר דער עיקר צוליב פּאָליטישע טעמים, כדי צו זיין אומאָפּהענגיק

פון ביזאַנץ און פון די אַראַבער. עס בלייבט אָבער א פאקט, אַז די יידישע קהילות אין דער כוזרישער מלוכה און הויפּט־זעכלעך אויף קאַווקאַז און אין קרים זענען געווען די צענטערס, פון וואַנען מען האָט געפירט א גרויסע פּראָפּאַ־גאַנדיסטישע טעטיקייט לטובת דעם יידישן גלויבן. דערביי דאַרף מען אָננעמען, אַז גאָר גרויסע און איינגעוואָרצלטע גע־מיינדעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו פירן אַ מיסיאָנערישע טעטיקייט אין אַזאַ גרויסן פאַרנעם.

אין בריוו פון חסדאי אבן שפּרוט, אין אַנאָנימען כוזריש־יידישן בריוו און ביי יהודה הלוי ווערט דערמאָנט א הייל, ווו ס׳זענען געווען באַהאַלטן ספרי־תורות. די דאָזיקע לע־גענדע האָט א באַדייט, ווייל זי וואַרפט א געוויסע ליכט אויף די ליטעראַרישע טראַדיציעס פון די כוזרישע יידן, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט די קראים און אומדירעקט אפשר אויך מיט די יידישע סעקטעס פון די ערשטע יאָר־הונדערטער נ. צ., באַקאַנט לעצטנס פון די כתב־ידן געפונען אין קומראַן ביים ים המלח. נאָך וויכטיקער איז די געאָגראַ־פישע לאָקאַליזאַציע פון די כוזריש־קראַישע לעגענדעס, וועלכע ווייזט אָן אויף דאַגעסטאַן, ווי אויף איינעם פון די צענטערס פון יידישן לעבן און פּראָפּאַגאַנדע אין דער כוז־רים־מדינה. לויט חסדאי אבן שפּרוט האָבן די כוזרישע יידן באַהאַלטן ספרי־תורות אין א הייל אויפן באַרג ש ע י ר (דאָס איז א ביבלישער נאָמען), לויטן קעמברידזשער אנאָנים — אין טאָל פון טייך ט י ז ו ל, לויט יהודה הלוי — אין די בערג וו אַ ר ס אַ ן. מען האַלט, אַז חסדאי האָט אָנגעווענדעט דעם ביבלישן נאָמען שעיר אָנשטאָט ס ע־ר י ר — אַן אַלטע באַצייכענונג פון דאַגעסטאַן. דער טאָל

טיזול דערמאָנט דאָס לאַנד ט ד ל ו ביי יוסףן, ווו עס האָט זיך געפונען די שטאָט סעמענדער. דער באַרג ורשן דערמאָנט דעם נאָמען וו אַ ר אָ ט ש אַ ן, די הויפטשטאָט פון די הונען אין דאַגעסטאַן. יידן אין די קאַנטן זענען געווען שוין פריער, ספּעציעל קאָנצענטרירן זיי זיך דאָ, אַנטלויפנדיק פון די פאַרפאָלגונגען אין איראַן מצד די סאַסאַנידישע מלכים און ספּעציעל פון פאַנאַטיקער יעזדעגערד דעם II (438 — 457).

ס ע מ ע נ ד ע ר איז געווען די הויפטשטאָט פון די כוזרים ביז דער העלפט פון VIII י״ה. אל־טאַבאַרי שרייבט, אַז בעת דער אינוואַזיע פון מערוואַן (732 — 743) קיין כוז־רים־לאַנד האָט זיך די הויפטשטאָט פון קאַגאַן געפונען אין סעמענדער. ליידער איז די גענויע לאָקאַליזאַציע פון דעם אָרט נישט באַוווסט. לויט אַל־איצתרחי און אבן־חוקל האָט זי זיך געפונען 7 אָדער 8 טאָג־רייזע פון איטיל און 4 טעג פאָרן פון דערבענט. מאַסודי גיט אָן אַן אנדער וואַריאַנט: 6 טעג רייזע פון דערבענט און 7 פון איטיל. אַזוי ווי דער מהלך פון איטיל ביז סעמענדער האָט באַטראָפן 7 — 8 טעג רייזע (דורכשניטלעך צו 35 — 40 קמ. א טאָג), ד. ה. ביי א 300 קמ. באַדייט דאָס, אַז די שטאָט האָט זיך געפונען צו דרום פון טייך קומאַ אין געביט פון טערעק און סולאַק. שפּעטערדיקע מחברים פון X י״ה גיבן אָן, אַז די איינוווי־נער פון דער שטאָט און אומגעגנט זענען געווען ערד־אַר־בעטער און הויפטזעכלעך זיך פאַרנומען מיט סעדערייַ. מען קאָן מיינען, אַז דאָס האָט אויך באַצויגן זיך צו די יידישע איינוווינער פון דער שטאָט און אויך אין דער פריערדיקער תקופה.

די וויכטיקסטע שטעט און יידישע קיבוצים אין דער כוזרים־תקופה האָבן זיך געפונען אין קרים. דער מלך יוסף רעכנט אויס אין קרים פאָלגנדיקע פונקטן, וואָס געהערן צו די כוזרים: סאַמקערץ (מסתמא פאַנאַגאָריע) קערטש, סודאַק, אַלושטאַ, לאַמבאַט, פּאַרטעניט, אַלופּקאַ, מאַנגופּ, אַלמא און גורזוף. די כוזרים האָבן אויך קאָנטראָלירט כערסאָנעס, ווו די ביזאַנטינער האָבן געהאַט איינפלוסן אַדאַנק עקאָנאָמישע און רעליגיעזע קאָנטאַקטן מיט דער גריכישער באַפעלקע־רונג. אין הינטערלאַנד האָבן זיך אויף ביזאַנץ אָריענטירט די גאָטישע פירשטן און דער קריסטלעכער קלער. צום סוף פון VIII י"ה איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד פון די גאָ־טן קעגן די כוזרים, וועלכער איז גיך אונטערדריקט געוואָרן. מסתמא צו דער צייט באַציט זיך די כוזרישע קאָלאָניזאַציע פון די שכנותדיקע געביטן, ווי ס'האָבן באַוויזן די אויסגראָ־בונגען אין דער היינט אויסגעשטאָרבענער שטאָט טשופוט־קאַלע (אויף טאַטעריש „יידישע פעסטונג"), וועלכע געפינט זיך נישט ווייט פון ב אַ כ ט ש י ס אַ ר אַ י אויף א פעלזיקן באַרג, וועלכער איז אין סאַמע שמאָלסטן טייל איבערגעצאַמט מיט אַן אַלטער פעסטונגס־וואַנט מיט אַ טויער. די וואַנט טיילט אָפּ דעם מערבדיקן טייל פון דער שטאָט פון דעם מזרחדיקן, וועלכע שטאַמט אָפּ פון אַ שפּעטע־רער צייט (XIV—XV י"ה). די פעסטונגס־וואַנט דער־מאָנט לויט איר בוי־טעכניק די ביזאַנטינישע באַפעסטיקונגען פון מאַנגופּ און אַנדערע ערטער אויפן דרום־ברעג פון קרים פון פריען מיטלאַלטער. די אַרכעאָלאָגישע שיכטן פון VI — VII י"ה באַווייזן, אַז דאָ האָט נאָך געהאַלטן זיך די אַל־טע אַלאַניש־גאָטישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך באַקערט צום קריסטנטום. אויף איינעם פון די שטיינער

אין דער וואנט האָט מען געפונען אן אַלאַנישן צייכן אין דער פאָרם פון א קרייז מיט צוויי הערנער אין דעם אויבערשטן טייל. באַצירונגען אין דער פאָרם פון קרייצן, צוויי קאַפּיטעלן פון ביזאַנטישע קאָלומנעס לאָזן נישט איבער קיין אָרט צו צווייפלען, אז די איינוווינער זענען געווען קריסטן. עס איז דעריבער צוממערסטן וואַרשיינלעך, אַז ערשט נישט פריער, ווי אין VII י״ה, אין פּעריאָד פון דער כוזרישער באַהערשונג פון קרים, הייבט זיך אָן א כוזרישע קאָלאָניזאַציע פון די געביטן. ווי באַקאַנט האָט זיך די קאַראַימישע באַפעלקערונג געהאַלטן אין דעם אָרט ביזן פאָריקן י״ה (איצט געפינט זי זיך אין באַכטשיסאַראַי). דאָס זענען געווען יודאַיזירטע כוזרים, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ביי דעם רבנישן נוסח פון יידישקייט, ווייל קיין קראים אייגנטלעך ביז דער אַרויסטרעטונג פון ענן בן דוד אין VIII י״ה האָבן ביי יידן נישט עקזיסטירט. נאָר ס'קאָן זיין, אַז גאָר איינגיכן קומען צו אויך קראים און צווישן די יודאַיזירטע כוזרים ווערט די דאָזיקע שיטה שטאַרק פאַרשפּרייט. וואָס איז שייך די העברעישע אויפשריפטן פון טשופוט־קאַלע, וועלכע אין פאָריקן י״ה ס'האָט אַרויסגעגעבן דער קאַראַימישער געלערנטער אברהם פירקאָוויטש, שטאַמען זיי נישט פון פריען מיטלאַלטער. די דאַטעס וועלכע זיי טראָגן, זענען נישט קיין אויטענטישע. מען האָט באַשולדיקט פירקאָוויטשן, אז ער זאָל האָבן געענדערט א סך דאַטעס, כדי צו דערווייזן, אַז די קאַראַימער האָבן דאָ געלעבט שוין אין די צייטן פון אַלטערטום. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט די באַמיונגען צו באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג מצד דער צאַרישער רעגירונג, וואָס די קאַראַימער האָבן דעמלט געמאַכט.

נאָך א סך יאָרן פאַרביטערטע פּאָלעמיק צווישן פירקאָ־

וויטשן און זיינע אָנהענגער פון איין זייט, און זיינע קעגנער פון דער צווייטער (צווישן זיי א. הרכבי, ד. כוואָלסאָן) איז מען געקומען צום אויספיר אַז די אויפשריפטן פון טשופוט־קאַלע זענען אַלנפאַלס שפעטער ווי פון VIII י״ה. דאָס אַנטשפרעכט אין אַלגעמיין אונדזערע ידיעות וועגן די יידישע אויפשריפטן פון דער אַנטיקער תקופה פון אייראָפּע, קליין־אַזיע און אַפריקע, געשריבן אויף גריכיש (אין טיילווייז לאַ־טיין), אויף וועלכע העברעישע ווערטער, ווי ש ל ו ם, ש ל ו ם ע ל י ש ר א ל טרעפן זיך זייער זעלטן. נאָר אָנהייבנדיק פון IV י״ה טרעפן זיך גאַנצע אויפשריפטן אויף העברעיש, וואָס ווערט אַ כלל ערשט אַרום דעם VII — VIII י״ה.

וואָס איז שייך אַ מינדלעכער קאַראַימער טראַדיציע, לויט וועלכער זייערע אבות זאָלן האָבן געגרינדעט טשופוט־קאַלע נאָך פאַר דער ג. צ. זענען נישטאָ קיינע געגעבענע דאָס צו דערווייזן. עס איז אויך באַקאַנט, אַז אין קרים איז געווען אַ קליינטשיגקע גרופּע פון די א. ג. „ק ר י מ־ט ש אַ ק ע ס״ — יידן פון כוזריש־טאָטערישן אָפּשטאַם אָדער בעסער געזאָגט, אַסימילירט דורך די טאָטערן. זיי האָ־בן זיך געהאַלטן אָן דעם רבנישן נוסח פון יהדות אין קעגנ־זאַץ צו די קאַראַימער, וועלכע אָנערקענען נישט דעם תלמוד. די „קרימטשאַקעס״ האָבן געלעבט הויפּטזעכלעך אין סימ־פעראָפּאָל און קאַראַסובאַזאַר ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין קרים. אינטערע־סאַנט, אַז די „קרימטשאַקעס״ האָבן זיך באַטראַכט פאַר רעשטלעך פון די ערשטע יידישע איינוווינער פון קרים אין די אַלטע צייטן. עס שיינט אָבער, אַז די קאַראַימער און די

„קרימטשאַקעס זענען פון אַ סך שפּעטערדיקן אָפּשטאַם, אַלנפאַלס נישט פריער, ווי פון דער כוזרים־תקופה.

מען קאָן מיט גרויס רעכט באַהויפּטן, אַז דער יידישער צענטער אין פאַנאַגאָריע, וועגן וועלכן מיר האָבן אַ ידיעה ביי אַ ביזאַנטינישן כראָניקער פון VII י״ה, האָט עקזיס־טירט דאָ אָן אויפהער פון דער אַנטיקער תקופה.

די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען האָבן באַוויזן, אַז אין IV י״ה האָט די שטאָט איבערגעלעבט אַ קאַטאַסטראָפע, וועלכע איז געקומען פון דער זייט פון סטעפּ. דער גרעסטער טייל פון דער שטאָט איז צעשטערט געוואָרן. דער דרום־מזרח־דיקער טייל פון דער שטאָט, וועלכער איז געלעגן האַרט ביי דער סטעפּ, האָט זיך שוין מער נישט אָפּגעבויט. אַ דיקן שיכט געבריענטע ערד (ביז 20 צמ.) אין רעזולטאַט פון שרפות האָט מען אַנטדעקט אויך אין צענטראַלן טייל פון דער שטאָט. נאָר דאָס לעבן אין דער שטאָט איז אינגאַנצן נישט אָפּגעשטאָרבן. איבערן שיכט מיט סימנים פון שרפות פון סוף IV י״ה האָט מען געפונען שפּורן פון אַרכיטעק־טור־קאָמפּלעקסן, געביידעס, ברוקירטע גאַסן, ברונעמער.

אַ שפּעטערע יידישע מצבה־אויפשריפט פון פאַנאַגאָריע (IV—V י״ה) איז אין 1892 יאָר אוועקגעשענקט געוואָרן אין קערטשער מוזיי. די אויפשריפט אָפּגעבראָכן פון אונטן איז אויסגעקריצט אויף אַ קאַלך־שטיין 0,25 × 0,32 מ. די גרויס און לייענט זיך אַזוי:

„דאָ ליגט מעמנאָן........״

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין די יאָרן 1866 — 1870 זענען ביי אויסגראָבונגען אין פאַנאַגאָריע געפונען געוואָרן מצבות מיט יידישע סימבאָלן אויף איין זייט (מנורות, שופרות) און אַזוי גערופענע טאַמגעס (פּערזענלע־

כע צייכנס, וואָס האָבן געדינט ואַלס שטעמפּלען) אויף דער אַנדערער. די טאַמגאַ־צייכנס זענען געווען זייער פאַרשפּרייט ביי די טיורקישע פעלקער און אויך ביי די באַרג־שבטים פון קאַווקאַז. אויף די גריכישע אויפשריפטן פון דרום־־רוס־לאַנד באַווייזן זיך אַזעלכע צייכנס אַרום דעם II י״ה נ. צ. מען האַלט, אַז די טאַמגעס אויף די יידישע מצבות פון פאַ־נאַגאָריע געהערן צו כוזרישע יידן, וועלכע האָבן דאָרט גע־לעבט. אַזוי ווי אייניקע אַזעלכע סימנים טרעפן זיך אויך אויף דאַכלקעס, שיינט, אַז די יידן אין פאַנאַגאָריע זענען געווען גאָר טעפּער אָדער אייגנטימער פון אַזעלכע אונטער־נעמונגען. (די צעראַמישע פּראָדוקציע איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט אין די קאַנטן נאָך פון דער אַנטיקער תקופה אָנהייבנדיק) און מסתמא זיך פאַרנומען מיט אַנדערע מלאכות אויך.

אַזוי אַרום זענען מיר געקומען צום ווינכטיקן אויספיר, אַז דער אָנפאַל פון די הונען האָט, ווי עס ווייזט אויס, נישט דערפירט צו א פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון די יידישע ישובים אין דרום־רוס־לאַנד, וועלכע האָבן זיך טיילווייז אויפגעהאַלטן ביזן אָנקום פון די כוזרים. וואָס איז שייך דעם יידישן ישוב אין פאַנטיקאַ־פּאַיאָן — קערטש, קאָן מען מיינען, אַז א היפּשער טייל פון זיין באַפעלקערונג האָט אויסגעוואַנדערט קיין פאַנאַגאָריע און אַזוי אַרום געשאַפן דאָרטן א גרויסן יידישן צענטער אין דער כוזרישער תקופה.

צום סוף פון VII י״ה גיבן די ביזאַנטינישע קוועלן אָן, אַז אין פאַנאַגאָריע איז געווען פיל יידן און אין IX י״ה

שרייבט דער באַרימטער אראבישער געאָגראף אבן־כורדאַ־דבעה, וועלכער איז געווען פּאָסטמיניסטער פון כאליפאט און געהאַט א צוטריט צו די דיפּלאָמאַטישע און געאָגראפישע אַרכיוון, אַז פאַנאַגאָריע איז „א ש ט א ט פ ו ן יי ד ן".

דאָס כוזרים־לאַנד אַדאַנק איר רעליגיעזער און פּאָליטי־שער פרייהייט פאַר יידן ווערט גאָר אין גיכן א מין מקום־מקלט פאַר אַלע גערודפטע און פאַרפאָלגטע יידן. פון פּערסיע און ביזאנץ קומען אָן מאַסן יידן, וועלכע פאַרשטאַרקן די יידי־שע קיבוצים אין דער כוזרישער מדינה סיי אין כמות, סיי אין איכות. דער בריוו פון אַנאָנימען כוזריש־יידישן מחבר גיט אפילו אָן, אז בעת דער ביזאנטינישער מלך ר אָ מ אַ ן ל ע־ק אַ פּ ע ן (919 — 944) האָט פאַרשטאַרקט די רדיפות קעגן יידן, זענען א סך פון זיי אַוועק אין כוזרים־לאַנד און דער כוזרישער מלך יוסף האָט אויף דעם געענטפערט מיט א ריי רעפּרעסיעס קעגן ביזאַנץ. מיט דעם דערקלערט זיך דער גרויסער רושם, וואָס די עקזיסטענץ פון דער כוזריש־יידישער מדינה האָט אָנגעמאַכט צווישן די יידן אין שפאַניע אין X י״ה, אַדאַנק וועלכן עס זענען צו אונדז אויך דערגאַנגען די ידיעות וועגן די כוזרים און יידן אין פריען מיטלאלטער אין מזרח־אייראָפּע.

אויב א געוויסע קאָנטינואיטעט צווישן דער געשיכטע פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע אין דער אַנטיקער און כוזרישער עפּאָכעס אונטערליגט איצט נישט קיין צווייפל, קאָן מען נישט פונדעסטוועגן פאַרשווייגן די גרויסע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער סטרוקטור פון מזרח־אייראָפּישן יידישן קיבוץ אין אָנהייב מיטלאַלטער.

ערשטנס, באַגעגענען מיר אין יידישן לעבן צו יענער צייט אין דרום־רוסלאַנד א נייע קולטור־השפעה. אין

די אויפשריפטן אויף די שטיינער באווייזן זיך העברעישע (ביבלישע) נעמען און ווערטער שוין אַרום דעם IV י״ה (אַלס אויסנאַם טרעפן זיך ביבלישע נעמען ווי סמבטיון, עזריון, שפטיה נאָך פריער). ביסלעכווייז ווערט גריכיש אַרויסגעשטופּט פון קולטור־לעבן און העברעיש ווערט די איינציקע קולטור־שפּראַך ביי די יידן אין דרום־רוסלאַנד. די רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע ווערט געפירט נאָר מיט דער הילף פון לשון־קודש, ווי דאָס איז גוט באַקאַנט נישט נאָר פון דעם באַרימטן בריוו פון כוזרישן מלך יוסף (X י״ה) נאָר אויך פון לינגוויסטישע פאקטן, ווי למשל, ווערטער פון העברעישן שורש (ק ד ו ש, כ ש ר) אין אָסעטיניש. די ווערטער זענען אַריין אין דער שפּראַך פון די אָסעטינער דאַן, ווען זייערע אבות — די אַלאַנען (אַן איראַניש פאָלק, וואָס ווערט דערמאָנט אין דרום־רוסלאַנד שוין אין I י״ה ביי דעם יידישן היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס) האָבן טייל־ווייז אָנגענומען דעם יידישן גלויבן (זע ווייטער ז׳ 101).

דער רענעסאַנס פון דער העברעישער שפּראַך און קול־טור אין לעבן פון די יידישע קיבוצים אין מזרח־אייראָפּע אין אָנהייב מיטלאַלטער איז, מסתמא, געווען פאַרבונדן מיט א צופלוס (עמיגראַציע) פון די מזרח־יידן (בבל, פערסיע), מיט וועמען די יידן אין טראַנסקאַווקאַז האָבן שטענדיק געהאַט לעבעדיקע באַציונגען (יידן אין אַרמעניע ווערן דערמאָנט שוין אין די צייטן פון מלך טיגראַנעס דעם גרויסן אין I י״ה פ. ק. — זע אויבן ז׳ 17) מען קאָן מיינען, אַז די יידן אין טראַנסקאַווקאַז (דערבענט און אַנדערע שטעט) האָבן גע־שפּילט די ראָל פון פאַרבינדלער צווישן דעם בבליש־פּער־סישן און דרום־רוסישן יידישע קיבוצים. די קולטור־איינ־פלוסן פון מזרח־יידנטום אויף די קהילות אין קרים האָט

זיך געקאָנט אָנהייבן נאָך אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, גלייכצייטיק מיטן וווקס פון קולטורלע איינפלוסן פון פערסיע (איראַן) אויף דער איראַניש־רעדנדיקער סציטיש־סאַרמאַטישער באַפעלקערונג אין די סטעפּעס ביים שוואַרצן ים, הגם פּאָליטיש האָט דרום־רוסלאַנד ביזן III י״ה זיך געפונען אין דער איינפלוס־ספערע פון דער רוימישער אימפעריע, מיט וועלכער די פערסישע מלכים האָבן געפירט א פאַרביטערטן קאַמף פאַר וועלט־הערשאַפט.

די כוזריש־יידישע מלוכה

די מלוכה פון די כוזרים האָט אַרומגענומען אין IX י״ה קרים, צפון־קאַווקאַז, די לענדער ביים קאַספּישן ים ביז דער וואָלגע, אין וועמענס דעלטע עס האָט זיך געפונען די כוזרישע הויפּטשטאָט א י ט י ל אָדער אַ ט י ל (ערגעץ ביים היינטיקן אַ ס ט ר אַ כ אַ ן), ווי אויך די פרוכטבאַרע סטעפּעס צווישן דער וואָלגע און דאָן. די מזרחדיקע סלאַוון און א ריי אַנדערע פעלקער האָבן זיי געצאָלט צינז און אָנערקענט זייער אויבער־הערשאַפט. די פּאָליאַנער האָבן געצאָלט צינז די כוזרים ביז דער העלפט פון IX י״ה, די סיעווערי־אַנער און ראַדימיטשי אַלנפאַלס ביז 884 און די וויאַטיטשי אַפילו נאָך אין 964 יאָר. די כוזרישע מלוכה האָט פאַקטיש פאַרגעשטעלט מיט זיך א מין קאָנגלאָמעראַט פון פאַרשיידענע פעלקער, שטאַמען און רעליגיעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף אַ פאַרשידענער מדרגה פון אַנטוויקלונג, אָנהייבנדיק פון די קרימער האַנדלס־שטעט, וועלכע זענען דאָ פאַרבליבן פון די אַנטיקער צייטן און ענדיקנדיק

אויף די פרימיטיווע סטעפּ־נאָמאַדן. צווישן דאָן און דער וואָלגע. דער הערשנדיקער שטאט זענען געווען די כוזרים. לויטן אָפּשטאַם אַ טיורקיש פאָלק. די באַדייטונג פון זייער נאָמען איז נישט אויפגעקלערט (לויט אייניקע געלערנטע זאָל דאָס באַדייטן „צפון־פאָלק”. לויט אַנדערע — „רייטער”־אָדער וואַנדער־פאָלק”). דאָס זענען געווען האַלב־באַזעסענע פי־ציכטלער און קריגער. די באַוואָפנטע קרעפטן זענען באַשטאַנען פון פראָפעסיאָנעלע זעלנער (10—12 טויזנט). איר קערן איז געווען די קיניגלעכע גוואַרדיע, וועלכע האָט געציילט 7 טויזנט רייטער. באַזאָרגט מיט פאַנצערס און העלמען. צו דער רעגולערער אַרמיי אין צייט פון קריג פלעגן זיך אָנשליסן די דרוזשינעס און אָפּטיילן פון די וואַסאַלע פעלקער און הערשער. בראש פון די כוזרים איז געשטאַנען אן אויבער־הערשער, וועלכער האָט געטראָגן דעם טיטל ק אַ ג אַ ן (כ אַ ק אַ ן, פון וואַנען עס שטאַמט דער טיטל כ אַ ן). מען האָט אים אָפּגעגעבן געטלעכע פאַרערונג, געפאַלן פאַר אים אויף די קני, נישט געטאָרט קוקן אים אין פנים אא״וו. ער פלעגט זיך באַווייזן פאַרן פאָלק נישט עפטער, ווי איין מאָל אין פיר מאָנאַטן אין דער באַגלייטונג פון גאַנצן מיליטער. לויטן רעכט האָט ער געמעגט האָבן 25 ווייבער און 60 קעפסווייבער, באַגראָבן האָט ער געמוזט ווערן אין אַ ספּעציעלן קבר אויסגעבויט אונטער אַ וואַסער. זיין הערשאַפט איז געווען באַגרענעצט מיט 40 יאָר (שפּעטער פלעגט מען אים טויטן). די אַלע מנהגים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט פרימיטיווע פאָרשטעלונגען און טראַדיציעס פון דער פאַרהיסטאָרישער תקופה, זענען נישט באַקעמפט געוואָרן דורכן יידישן גלויבן. וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די כוזרים. די קאַגאַנען האָבן געהערט צו דער אַלטער טיורקישער הערשער־דינאַסטיע, וועלכע האָט פון לאַנג פאַר־

לוירן די רעאַלע מאַכט, און געמוזט אויך אָננעמען דאָס יהדות. די גאַנצע מאַכט איז געלעגן אין די הענט פון מלך, ק אַ ג אַ ן־ב ע ק, וועלכער איז געווען אַן אומבאַגרענעצטער הערשער. ער האָט דעצידירט וועגן מלחמה און שלום, אָנגעפירט מיט די מיליטערישע אָפּעראַציעס, אַרויסגעגעבן באַפעלן די באַאַמטע און אָפּהענגיקע פירשטן, געמשפּט, באַשטראָפט, באַלוינט, מיט איין וואָרט, קאָנצענטרירט אין זיינע הענט אַלע מלוכה־פונקציעס. דער מלך יוסף אין זיין בריוו שרייבט גאָרנישט וועגן קאַגאַן, כאָטש די אַראַבישע מקורים פון דער זעלבער צייט דערמאָנען אים. דער מלך (קאַגאַן־בעק) האָט געלעבט אין איטיל אין אַ גרויסן פּאַלאַץ (געמויערט פון ציגל), געווען אַרומגערינגלט פון אַ לייבוואַך, לוקסוס און פּראַכט. ער שרייבט אין זיין בריוו וועגן דעם אַזוי: „איך לעב ביי דעם טייך (ד. ה. איטיל־וואָלגע).... אין מיין מלוכה איז דאָ ביי מיר דריי שטעט (ראַיאָנען?). אין איינעם לעבט די מלכה מיט אירע דינער און עונוכן. זיין לענג און ברייט צוזאַמען מיט די פאָרשטעט און דערפער, וואָס זענען אין דער נאָענטקייט, באַטרעפט 10 אויף 50 פּאַרסאַכן. און עס לעבן דאָרט יידן, אַראַבער און קריסטן, ווי אויך פעלקער פון אַנדערע שטאַמען. די צווייטע שטאָט פאַרנעמט אין דער לענג און דער ברייט 8 אויף 8 פּאַרסאַכן. אין דער דריטער שטאָט לעב איך גופא מיט מיינע פירשטן, שקלאַפן און נאָענטסטע באַדינער. זי איז נישט גרויס און פאַרנעמט אין דער לענג און ברייט 3 אויף 3 פּאַרסאַכן. צווישן די מויערן פליסט דער טייך". עס איז נישט קלאָר, צי רעדט זיך דאָ וועגן שטעט, צי וועגן פּראָווינצן, ווייל 1 פּאַרסאַך באַטרעפט אַן ערך 6—5 קמ. וועגן איטיל האָבן מיר באַשרייבונגען פון אַראַבישע געאָגראַפן. לויט אַל־מאַסודי ליגט איטיל פוןביידע זייטן טייך און אין מיטן אויף אַן

אינדזל געפינט זיך דער פּאַלאַץ פון מלך. דער אינדזל איז פאַראייניקט מיטן ברעג דורך אַ בריק. אַנדערע אַראַבישע שרייבער גיבן אָן, אַז איטיל באַשטייט פון צוויי שטאָט־טיילן: אויפן מערבדיקן ברעג לעבט דער מלך מיט זיינע שררות, אויפן מזרחדיקן געפינט זיך דער האַנדלס־קוואַרטאַל.

די כוזרישע מלוכה האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דעם דעמלטיקן וועלט־האַנדל. אין די הענט פון די כוזרים האָבן זיך געפונען די שליסל־פּאָזיציעס צו די וויכטיקסטע האַנדלס־שליאַכן פון מערב־אייראָפּע קיין מיטל־אַזיע און פון צפון־אייראָפּע קיין קליין־אַזיע און פּערסיע (איראַן). דער צפונדיקער שליאַך האָט געפירט דורך נאָווגאָראָד־וויאַטיטשי־לאַנד־בולגאַר־איטיל. דער צענטראַלער דורך קראָקע־קיעוו־בולגאַר־איטיל. דער דרומדיקער דורך די לענ־דער ביים דונאַי־סטעפּן־לאַנד — סאַרקעל אויפן דאָן — איטיל. פון כאַזאַריע גופא האָט מען עקספּאָרטירט הויפּטזעכלעך פעל (דער הערשנדיקער שטאַם פון די כוזרים זענען געווען האַלב־באַזעסענע פי־ציכטלער, וועמענס הויפּט־אייגנטום איז באַשטאַנען פון טשערעדעס־שאָף, קי, אָקסן און פערד) און פיש. דערפאַר אָבער האָט דער טראַנזיט־האַנדל געהאַט אַ סך גרע־סערע באַדייטונג און אַ סך אַ ברייטערן פאַרנעם. אַזוי, למשל, האָט מען פון די סלאַוויש־רוסישע טעריטאָריעס און פון די בולגאַרן אויף דער וואָלגע און קאַמע (זייער מלוכה האָט דאָ עקזיסטירט ביזן אָנקומען פון די מאָנגאָלן אין XIII י״ה) געפירט טייערע פוטערוואַרג, האָניק און וואַקס, בורשטין און שקלאַפן קיין טראַנסקאַווקאַז, ביזאַנץ, פּערסיע, באַגדאַד און בוכאַרע. פון מזרח האָט מען געפירט אויסאַרבעטונגען פון דער האַנטווערקערײַ (טייערע בגדים, צירונג, וואָפן פון אַ לוקסוס כאַראַקטער) און זילבער־געלט. די רייכע אוצרות פון

אַראַבישן זילבער־געלט געפונענע אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער שטייען אין אַ בפירושן צוזאַמענהאַנג מיטן גרויס־האַנדל אין דער כוזרישער תקופה. מיר וועלן ברענגען איין כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל.

אין דער שטאָט לאָדעינאָיע פּאָליע אין לענינגראַדער קאַנט זענען געפונען געוואָרן אין 1878, 1929 און 1949 דריי גרויסע אוצרות פון זילבער־געלט, צווישן וועלכע די אַראַבישע (די א. ג. קופישע) מטבעות זענען רעפּרע־זענטירט גאַרנישט גלייכמעסיק. אויב אין ערשטן אוצר האָבן מיר איבער 500 קופישע מטבעות, זענען זיי אין צווייטן אוצר אינגאַנצן נישטאָ און אין דריטן איז דאָ נאָר 5 עקזעמפּליאַרן אויף 2866 מערב־אייראָפּעישע מטבעות. דאָס דערקלערט זיך נאָר מיטן כראָנאָלאָגישן מאָמענט. די צפון־סלאַוון פון גרויס־נאָווגאָראָד אויף דער אילמען־אָזיערע האָבן נאָך קענטיק אין אָנהויב פון X י״ה געהאַנדלט מיט די מזרח־לענדער (פון דאַנען נעמען זיך די 5 עקזעמפּליאַרן אין דריטן אוצר), אָבער דער האַנדל איז שוין שטאַרק געפאַלן אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע צייטן (וועגן דעם זאָגן עדות די פינף הונדערט מטבעות פון ערשטן אוצר). אין צווייטן אוצר, וועלכער שטאַמט פון דער צווייטער העלפט פון XI י״ה איז קיין מזרחדיקע מטבעות בכלל נישטאָ (אויף 258 עקזעמפּליאַרן פון פריזלענ־דישע און נידערזאַקסישע געלטער), ווייל צו יענער צייט איז שוין נישט געווען קיין כוזרישער טראַנזיט־האַנדל אין די אַמאָליקע מאַסשטאַבן. ווי באַקאַנט, האָבן די רעשטלעך פון דער מלוכה פון די כוזרים אין XI י״ה פאַרנומען אַ קליינע טעריטאָריע אין די געביטן פון צפון־קאַווקאַז.

ספּעציעל טעטיק אין דעם האַנדל זענען געווען די מערב־אייראָפּעישע גרויסע סוחרים, יידן פון פראַנקנלאַנד און אי־

טאַליע. די אַראַבישע געאָגראַפן קאָנען זיי נאָך אין IX י״ה אונטער דעם נאָמען ר אַ ד אַ נ י ט ן (לויט אייניקע זאָל דער נאָמען שטאַמען פון ראַדאַן־לאַנד אין דרום פראַנקרייך און נישט פון פערסישן „ר אַ ד אַ נ י אַ״ מיטן באַדייט „רייזנדער״) *. מסתמא האָבן די מערב־אייראָפּעישע יידן גע־פירט מסחר מיטן מזרח דורכן כוזרים־לאַנד און די סלאַ־ווישע געביטן און אַדאַנק זיי איז דאָס וואָרט „ז ש י ד״ אַריין אין די סלאַווישע שפּראַכן. די אויסשפּראַך „ז ש י ד״ אָנשטאָט „י ו ד ע ו ס״ אויף לאַטיין שטאַמט פון די ראָמאַנישע לענ־דער פון דער פאַרקאַראָלינגישער תקופה.

לויט די אָנגאַבן פון מלך יוסף האָט די באַפעלקערונג פון איטיל געפונען זיך אין שטאָט נאָר ווינטער. זומער פאָרט מען אַריבער אין די כוטאָרס, וווּ עס האָבן זיך געפונען די פעל־דער און ווייגערטנער. קיין סטאַבילע דערפער האָבן משמעות נישט עקזיסטירט. וועגן דעם שרייבט דער אַראַבישער געאָ־גראַף אל־איצתרכי. די תבואה פלעגט מען אַריבערפירן אין אי־טיל אויף וועגענער אָדער שיפן. די באַפעלקערונג האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פיש־פאַנג. די סאָציאַלע באַציונגען זע־נען געווען פון פעאָדאַליזירנדיקן טיפּ. די איינוואוינער פון איטיל זענען געווען געצוווּנגען צו באַזאָרגן מיט לעבנס־מיטלען אַ געוויסע צאָל רייטער פאַרן מלכס קאַוואַלעריע. מען פלעגט נעמען דערביי אין אַכט די מאַטעריעלע סיטואַציע פון לאַנד־אייגנטימער. אַחוץ דעם האָט אויך עקזיסטירט שקלאַפעריי, סיי האַנדל מיט שקלאַפן פון פרעמדן אָפּשטאַם, סיי אויך פאַרקויף אין שקלאַפעריי פון אייגענע קינדער. אַזוי אַרום זענען די קלאַסן־קעגנזאַצן אין דער כוזרישער מלוכה געווען גאַנץ באַ־דייטנדיקע.

* די האַזיקע דערקלערונג איז אָבער ווינציקער וואַרשיינלעך.

איינע פון די מערקווירדיקסטע שטריכן פון דער כוזרים־מלוכה איז געווען די ר ע ל י ג י ע ז ע ט אָ ל ע ר אַ נ ץ. פון וועלכער עס האָבן גענאָסן אַלע פעלקער. אַחוץ יידן זע־נען געווען פיל מאַכמעדאַנער און קריסטן. אַנהענגער פון מו־סולמענישן גלויבן איז געווען ספעציעל אַ סך אין איטיל צווישן סוחרים. האַנטווערקער און זעלנער פון דער קעניגלע־כער גוואַרדיע (דאָס זענען געווען אויסגעוואַנדערטע פון כאָ־רעזם און אַנדערע לענדער). דאָס קריסטנטום איז געווען פאַר־שפרייט אין די קרימער שטעט, הויפּטזעכלעך. עס האָבן עק־זיסטירט געריכטן פאַר פאַרשטייער פון יעטוועדער אמונה (אַחוץ די מאָנאָטעיסטישע, אויך פון די גענצנדינערישע, שאַ־מאַנישע).

אַ קורץ געפאַסטע כאַראַקטעריסטיק פון דער כוזרישער מדינה, וועלכע שטיצט זיך אויף אינפאָרמאַציעס פון רייזנ־דער און געאָגראַפן, געפינען מיר ביים אַראַבישן שרייבער אבן־יצחק־איבראַהים־אבן — מוהאַמעד־אַל—פאַריסי־אַל־איצ, תרכי, וועלכער האָט אַרום יאָר 930 אָנגעשריבן אַ ווערק „דאָס בוך פון די שליאַכן פון מלוכות". מיר ברענגען דאָ ווייטער די דאָזיקע אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע.

„כאַזאַר — איז דער נאָמען פון לאַנד און זיין הויפּטשטאָט איז איטיל; גלייכצייטיק איז איטיל — דער נאָמען פון טייך. וואָס פליסט צו דער שטאָט פונעם לאַנד פון די רוסן און בול־גאַרן. די שטאָט איטיל טיילט זיך אויף צוויי טיילן: איין טייל אויפן מערבדיקן ברעג טייך מיטן נאָמען „איטיל", דאָס איז דער גרעסערער טייל; און דער צווייטער טייל אויפן מזרחדיקן ברעג. דער מלך לעבט אין דעם מערבדיקן טייל און הייסט „בעק", מען רופט אים אויך „באַק". די גרויס פון דעם טייל (שטאָט) איז אַ פאַרסאַך אין דער לענג. און עס איז אַרומגע־

רינגלט מיט אַ מויער. די געביידעס פון דער שטאָט זענען שטאַרק צעוואָרפן, און אַלע וווינונגס־ערטער דינען געצעלטן פון וואָילאָק (יורטעס — ב. נ.), מיטן אויסנאַם פון געוויסע הייזער אויסגעבויטע פון ליים: ביי זיי זענען דאָ מערק און בעדער; צווישן זיי איז דאָ אַ סך מאַכמעדאַנער; מען דער־ ציילט, אַז צווישן זיי געפינען זיך מער ווי 10 טויזנט מוסול־ מענער, און ביי זיי זענען דאָ אַן ערך 30 מעטשעטן. דעם מלכס פּאַלאַץ איז ווייט פון די ברעגן פון טייך, און אויסגע־ בויט איז ער פון געברענטע ציגל. ביי קיינעם איז נישטאָ קיין געביידע פון געברענטע ציגל, אַחוץ ביים מלך, און ער דער־ לויבט קיינעם נישט צו בויען פון ציגל.

אין דעם דאָזיקן מויער זענען דאָ פיר טויערן; אייניקע זענען געווענדעט צום טייך און די אַנדערע צום סטעפּ, וואָס ציט זיך הינטער דעם שטאָט־מויער.

זייער מלך איז פון יידישן גלויבן. מען דערציילט, אַז זיין סוויטע באַשטייט פון כמעט 4000 מענטשן. די כאַזאַרן זענען מוסולמענער, קריסטן און יידן, און צווישן זיי איז אויך דאָ געצנדינער. דער סאַמע קלענסטער שיכט זענען יידן, דער סאַמע גרעסטער — מוסולמענער און קריסטן, נאָר פונדעס־ טוועגן איז דער מלך און זיינע נאָענטע — יידן. דער גרעסטער טייל פון זייערע מנהגים זענען געצנדינערישע, און זיי בוקן זיך איינער פאַרן אַנדערן ביז צו דער ערד, כדי אָפּצוגעבן כבוד. און זייער פירונג, אַדאַנק וועלכע זיי אונטערשיידן זיך פון אַנ־ דערע פעלקער, שטיצט זיך אויף אוראַלטע מנהגים און איז אין סתירה מיט די אמונות, דער מאַכמעדאַנישער, יידישער און קריסטלעכער.

ביי זייער מלך איז דאָ 12 טויזנט זעלנער; ווען עס

שטאַרבט עמעצער פון זייער צאָל, שטעלט מען באַלד אויף זיין פּלאַץ אַוועק אַן אַנדערן. זיי באַקומען נישט קיין שטענדיקן לוין. אַחוץ וואָס עס פאַלט זיי עפּעס צו נאָך לאַנגע אייבערדרייסן אין פאַל פון אַ מלחמה, אָדער ווען זיי נעמען אַלע אַנטייל אין עפּעס אַן עקספּעדיציע.

דעם קוואַל פון מלכס הכנסות בילדן אָפּצאָלן, וואָס ווערן איינגעמאָנט אויף די ראַגאַטקעס אויף די יבשה־וועגן, ווי אויך אויפן ים און אויף די טייכן. אויף די איינוווינער פון די שטאָטישע קוואַרטאַלן און פון דער אַרומיקער געגנט ליגט דער פליכט צוצושטעלן זיי (דעם מלך און זיינע זעלנער — ב. ג.) דעם נויטיקן פּראָוויאַנט, פון כל המינים געטראַנקען א׳׳דגל.

ביים מלך זענען דאָ 7 ריכטער פון יידן, קריסטן, מאַכמעדאַנער און געצנדינער. אין פאַל פון אַ קאָנפליקט צווישן איינוווינער משפטן די ריכטער; די באַעוולטע קומען נישט צום מלך גופא, נאָר ווענדן זיך צו די ריכטער. אין טאָג פון גע־ריכט טרעט אַרויס אַ ספּעציעלער פאַרמיטלער צווישן די ריכטער און דעם מלך. מיט זיין מיטהילף גייען די ריכטער אַריין אין אַ קאָנטאַקט מיטן מלך וועגן די ענינים, וואָס זענען דאָ צו דערליידיקן, אויף אַזאַ מין אופן, ווערן די ענינים פאַרגעלייגט זיין (דעם מלכס) אויפמערקזאַמקייט, און ער גיט איבער די ריכטער זיין באַפעל, און זיי פילן אים אויס.

ביי דער דאָזיקער שטאָט איז נישטאָ קיין דערפער, און די פעלדער זענען צעשטרויט. זומער־צייט גייען זיי אַרויס אין פעלד אַן ערך אויף 20 פאַרסאַכן אין אומקריין, כדי צו זייען, זאַמלען צונויף די תבואה טיילווייז ביים טייך, טיילווייז ביים סטעפּ און פירן אַריבער זייער שניט אויף וועגענער און מיטן טייך אויף שיפן. זיי דערנערן זיך מערסטנטייל מיט רייז און פיש; דאָס, וואָס מע פירט פון זיי אַרויס פון מעד און פון

וואַקס, ווערט צו זיי אַריינגעפירט פון די לענדער פון די רוסן און בולגאַרן, פונקט אַזוי ווי די ביבער־פעלכלעך, וועלכע מען פירט פאַנאַנדער אין פאַרשידענע לענדער. דערוועגבט מען אויסשליסלעך אין טייכן אין די לענדער פון די רוסן, בולגאַרן און קיעוו און מען געפינט זיי נישט אין קיין שום אַנדער לאַנד, אויף וויפל איך ווייס.

אין דעם מזרחדיקן טייל פון כאַזאַר לעבן הויפּטזעכלעך סוחרים און מוסולמענער און עס געפינען זיך סחורות; דער מערבדיקער טייל זיינער איז אויסשליסלעך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון מלך, זיין מיליטער און די עכטע כאַזאַרן.

די שפּראַך פון די כאַזאַרן איז נישט ענלעך צו דער שפּראַך פון די טיורקן און פּערסן, און בכלל דערמאָנט נישט קיין שפּראַך פון די פעלקער וועלכע זענען אונדז באַקאַנט*.

ביי די כאַזאַרן איז נאָך דאָ אַ שטאָט מיטן נאָמען סע־מענדער; אויפן שטח צווישן אים און באַב־אול־אַדוואַב (דער־בענט — ב. נ.) געפינען זיך פילצאָליקע סעדער, וועלכע גע־הערן צו סעמענדער; מען דערציילט, אַז זיי פאַרמאָגן אין זיך אַן ערך 4 טויזנט ווייַנשטאָקן און דערגייען ביז דער גרענעץ פון סעריר (דאַגעסטאַן — ב. נ.), און דער וויכטיקסטער פון די פּרוכטן אין די סעדער איז ווייַנטרויבן. אין סעמענדער איז דאָ זייער פיל מאַכמעדאַנער, און זיי האָבן מעטשעטן אין דער

---

* דאָס לשון פון די כוזרים איז געווען אַ טיורקישער און איז געשטאַנען אין אַ נאָענטער קרובהשאַפט מסתמא מיט דער שפּראַך פון די טשוואַשן, אַ שפּליטער פון די באָלגאַרן, וועלכע האָבן זיך ביז היינטיקן טאָג אויפגעהאַלטן אויף דער וואָלגע (זע ווייטער ז׳ 99).

דאָזיקער שטאָט; די געביידעס פון די איינוווינער פון סעמענדער זענען הילצערנע, געפלאָכטענע; די דעכער פון די הייזער זענען אויסגעפוקלטע. דער מלך פון סעמענדער איז פון יידישן גלויבן און איז אַ קרוב פון מלך פון די כאַזאַרן".

די קולטור פון די יידישע כוזרים

כדי צו באַקומען אַ גענויע פאָרשטעלונג וועגן דער מאַטעריעלער קולטור פון די כוזרים האָט מען באַדאַרפט דורכפירן אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין די שטאָטישע צענטערס פון זייער מלוכה. אָבער נישט א י ט י ל און נישט ס ע מ ע נ ד ע ר האָבן זוכה געווען ביז איצט צו זיין אַן אָביעקט פון אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען. דער דריטער כוזרישער צענטער ס אַ ר ק ע ל (העברעיש ש ר ק ל) אויפן דאָן איז גראָד געוואָרן אויסגעפאָרשט דורך די לאָפּעטעס פון אַרכעאָלאָגן. געשען איז עס אַזוי.

וועגן דעם, ווו עס געפינט זיך סאַרקעל, זענען פאָרגעקומען שטרייטן ביי די געלערנטע. אייניקע האָבן פאָרגעלייגט צו זוכן די שטאָט אין דעם אָרט, ווו דער דאָן דערנענטערט זיך צוממערסטן צו דער וואָלגע, נעבן דער סטאַניצע ק אַ ־ ט ש אַ ל י נ ס ק אַ י אַ, אַנדערע, ווידער, האָבן לאָקאַליזירט סאַרקעל אויפן אָרט פון דער שטאָט ט ש ע ר ק אַ ס ק, די דריטע האָבן געטענהט, אַז סאַרקעל ליגט גאָרנישט אויפן דאָן, נאָר אויפן ברעג פון אַזאָווער ים אויפן אָרט פון מ אַ ר ־ י ו פּ אָ ל וכדומה. דעם ענטפער אויף די אַלע השערות האָבן געגעבן די אויסגראָבונגען פון פּראָפ. מ. אַרטאַמאַנאָוו אין די יאָרן 1949־1951, ווען אין שייכות מיט דער בויונג פון קאַנאַל וואָלגע־דאָן און דער קינסטלעכער אָזיערע ביי דער

סטאַניצע צימליאַנסקאַיאַ האָט געדראָט, אַז דאָס וואַסער וועט פאַרגיסן דאָס אָרט אײדער דאָרט װעלן געמאַכט װערן אויסגראָבונגען אין די געהעריקע מאַסשטאַבן.

די אויסגראָבונגען האָבן אָנגענומען גאָר אַ גרויסן פאַר־נעם. אין 1949 יאָר איז בלויז אויף דער טעריטאָריע פון דער פעסטונג אויפגעדעקט געװאָרן אַ שטח פון 2.300 קוואַדראַט־מעטער און אַזוי ווי דער א. ג. קולטור־שיכט איז דאָ איבער דריי מעטער די טיף, האָט מען אַרויסגענומען מער ווי 7 טויזנט קובאָמעטער ערד. דאָס איז זייער א סך, אויב מען נעמט אין אַכט, ווי פאָרזיכטיק און פּאַמעלעך מען גראָבט ביי אַרכע־אָלאָגישע פאָרשונגען.

וואָס האָט מען זיך דערוווּסט אין רעזולטאַט פון די אַר־כעאָלאָגישע אויסגראָבונגען?

אויפן לינקן ברעג פון טייך דאָן נישט ווייט פון דער סטאַ־ניצע צימליאַנסקאַיאַ (ביי פּאָפּאָװס כוטאָר) האָט זיך געפונען די פעסטונג סאַרקעל. אין דער צווייטער העלפט פון XIX י״ה האָט מען נאָך געזען דאָ דייטלעכע רעשטן פון די ציגלנע ווענט פון דער כוזרישער פעסטונג. די איינוווינער פון די אַרו־מיקע כוטאָרן האָבן געשלעפּט פון דאַנען ציגל אין די טויזנ־טער און חרוב געמאַכט דאָס ביסל, וואָס איז נאָך איבערגע־בליבן פון די אַמאָליקע צייטן אויף דער ערד־אויבערפלאַך. זיי האָבן אויך אויך אויסגעגראָבן ציגל פון אונטער דער ערד און זיי האָבן דאָס איבערגעלאָזט אַ סך גריבער אויף דער טע־ריטאָריע פון דער פעסטונג, וואָס האָט שפּעטער באַשווערט די אַרבעט פון די אַרכעאָלאָגן. אין 1888 יאָר האָט דער באַ־קאַנטער רוסישער אַרכעאָלאָג װ ע ס ־ אָ ל אָ װ ס ק י אַליין געזען אויף איין סקלאַד אין דער געגנט פון סאַרקעל 25 טוי־זנט ציגל, אַרויסגעפירטע פון דער פעסטונג.

פאַר דער פּעסטונג האָט מען אויסגעקליבן אַ גוט באַפּעס־
טיקט אָרט פון דער נאַטור גופא. דאָרט, ווו דער דאָן האָט גע־
מאַכט אַ פּעטליע, אויף אַ נישט גאָר הויכן קאַפּ, אַרומגערינגלט
פון דריי זייטן דורך וואַסער, האָט זיך געפונען די כוזרישע
פעסטונג, וואָס האָט געהאַט פאַר א ציל צו פאַרטיידיקן די מע־
רב־גרענעץ פון כוזרים־לאַנד און דעם וויכטיקן האַנדלס־וועג
מיט דער יבשה אויף מערב. דער קאַפּ האָט פאַרנומען אַ שטח
פון 18 העקטאַר און איז געווען אָפּגעטיילט פון ברעג דורך
אַ ברייטער און טיפער קינסטלעכער פאָסע און אַ וואַל. דער
ענדע־טייל פון קאַפּ, וואָס איז געווען צוממערסטן אַרויסגע־
רוקט צום טייך, אויף אַ שטח פון 3 העקטאַר, איז געווען אָפּ־
געטיילט דורך א צווייטער פאָסע טיף איבער 4 מעטער (די
אַרכעאָלאָגן האָבן אגב טיפער נישט געגראָבן), הינטער וועל־
כער אויף אַן אָפּשטאַנד פון 12־13 מעטער איז געשטאַנען די
פעסטונג גופא. זי איז געווען אויסגעבויט פון רויטע ציגל אין
דער פאָרם פון אַ גראַד־עק פון 186 × 125 מעטער. די מוי־
ערן זענען געווען 3,75 מעטער די דיק און נישט ווינציקער ווי
6—7 מעטער די הויך. די פעסטונג איז געווען פאַרפעסטיקט
דורך קלענערע טורעמאַרטיקע צובויונגען לענגויס די ווענט
(איין האַלב־טורעם אויף יעדער 32 מעטער וואַנט) און דורך
גרעסערע טורעמס אויף די ראָגן. די מאַסיווע פירעקיקע טו־
רעמס אויף די ראָגן טרעטן אַרויס אויף 4 מעטער ווייטער ווי
די ווענט. דאָס הויפּט־טויער 4,5 מעטער די ברייט האָט זיך
געפונען אין איינעם פון די טורעמס פון דער צפון־מערבדיקער
וואַנט. דער טורעם איז געווען ברייטער און גרעסער פון די
אַנדערע. פון ביידע זייטן טויער אינעווייניק אין דער פעס־
טונג האָבן זיך געפונען געביידעס פאַר דער וואַך. ביים אַריינ־
גאַנג אין טויער האָט זיך געפונען אַ טיפער ברונעם מיט

אַ קרעניצע, פון וואַנען מען פלעגט שעפן וואַסער בעת אַ באַ־לאַגערונג (געוויינלעך פלעגט מען טרינקען וואַסער פון טייך). דער ברונעם איז געווען באַדעקט פון אויבן מיט הילצערנע באַלקעס, כדי נישט צו שטערן דעם פאַרקער. די פעסטונג איז געווען צעטיילט דורך אַ ציגל־וואַנט כמעט אויף צוויי גלייכע טיילן. דאָס האָט געדאַרפט שטאַרקן די פאַרטיידי־קונגס־מעגלעכקייטן פון דער פעסטונג. ביידע טיילן פון דער פעסטונג זענען געווען פאַרבויט דורך לאַנג ציגלנע געביי־דעס. מען האָט אויסגעגראָבן רעשטלעך פון אַזאַ מין בנין (אַ קאַזאַרמע אָדער אַ קאַראַוואַן־סאַריי, ד. ה. א. גאַסט־הויז) אין דער פאָרם פון דעם רוסישן בוכשטאַב „ג", 40 מעטער די לענג מיט ווענט פון 0,9 מעטער די דיק. אין דרומדיקן טייל פון דער פעסטונג האָט זיך געפונען די צ י ט אַ ד ע ל (די ווענט אַרום 55—60 מעטער די לענג) מיט דיקע מויערן פון 3 מעטער די ברייט. אינעווייניק אין דער ציטאַדעל זענען אַנטדעקט געוואָרן צוויי ציגלנע געביידעס מיט קעלערן (אפ־שר, קאַזאַמאַטן). די טויערן פון דער פעסטונג און די איבע־ריקע ציגלנע געביידעס אין סאַרקעל זענען געבויט אָן פונ־דאַמענטן פון פירעקיקע ציגל (25×25 צענטימעטער די גרויס און 5—6 צענטימעטער די דיק (ד. ה. אין צווייען גרעסער פון די, וואָס מען באַנוצט איצטער) צוזאַמענגעפּרעסט מיט וואַפּ־נע. די ציגל האָט מען פּראָדוצירט דאָ אויפן אָרט. רעשטלעך פון אויוונס אויסצוברענען ציגל זענען אָפּגעגראָבן געוואָרן אויפן ברעג פון דאָן, אַ ביסל העכער פון דעם אָרט, וווּ מען האָט געבויט די פעסטונג. געהייצט האָט מען די אויוונס מיט דעמבעס, טאָפּאָלן און אַנדערע ביימער, וואָס זענען געוואַקסן אין די אַרומיקע וועלדער, פון וועלכע עס איז שוין לאַנג נישט געבליבן קיין שפּור. אָבער דער כעמישער אַנאַליז פון די

פאַרקוילטע האָלץ־האָלאָוועשקעס האָט עס אויפגעדעקט. מען האָט אויסגערעכנט, אַז ביי דער בויונג פון סאַרקעל האָט מען באַדאַרפט האָבן נאָר פאַר די באַפעסטיקונגען אַליין, נישט רעכענענדיק די אינעווייניקסטע געביידעס, 6 מיליאָן ציגל, ד. ה. 30 טויזנט קובאָמעטער, וואָס גיט עפּעס אַ פאָרשטע־לונג וועגן די מאַסשטאַבן פון דער בויונג. די ציגל גופא דער־מאָנען לויט זייער גרויס די ציגל פון די וואָלגע־פעלקער (באָלגאַרן, טאָטערן) און נישט פון ביזאַנץ. דער פּרט איז גאַנץ וויכטיק, ווייל געבויט האָט מען די פעסטונג אַרום 834 יאָר אונטער דער אָנפירונג פון ביזאַנטינישע מיליטערישע אַרכי־טעקטן (צו יענער צייט האָט צווישן ביזאַנץ און די כוזרים געהערשט שלום). וועגן דעם איז געבליבן אַ באַריכט אין דעם ווערק פון דעם ביזאַנטינישן קיסר קאָנסטאַנטין פּאָרפיראָ־גענעטאַ „וועגן די פעלקער”. עס ווערט דאָרט אָנגעוויזן, אַז אויף דעם אָרט פון טייך דאָן, ווו מען האָט בדעה געהאַט צו בויען די פעסטונג, זענען נישט געווען קיין שטיינער, דערפאַר האָבן די ביזאַנטינישע אינזשינירן אויסגעבויט אויוונס, אין וועלכע זיי האָבן געברענט ציגל און אויסגעאַרבעט וואַפנע פון טייך־שטיינדלעך.

די אַיינוווינער פון סאַרקעל האָבן זיך פאַרנומען מיט יאגד, פיצוכט און ערד־אַרבעט. ביי די אויסגראָבונגען האָט מען געפונען ביינער פון וואַלד־חיות, צווישן זיי הירשן, פון פאַרהיימישטע קעמלען, קערנער פון גערשטן און פון א. ג. קאַרליק־ווייץ.

די זאַכן, וואָס מען האָט געפונען אין סאַרקעל, כאַראַקטע־ריזירן סיי די אָרטיקע אויסאַרבעטונגען (צעראַמיק, שניצע־ריי), סיי די אימפּאָרטירטע זאַכן פון מזרח. די לעצטע זענען באָקאַנט פון אַן אוצר געפונען אין אַ צעבראָכענעם טאָפּ מיט

פּראָסע בעת די אויסגראָבונגען. דער אוצר באַשטייט פון צוויי גארטלען איינקרוסטירטע מיט באַגילדעטע זילבערנע בלעכלעך, אַ האַלדזבאַנד פון סאַרדאָניקס־קרעלן און זילבער־נע מטבעות, דאָס רוב פון סאַמאַרקאַנד אין מיטל־אַזיע פון די יאָרן 914—947. עס איז גריילעך, אַז דעם אוצר האָט דער אייגנטימער באַהאַלטן בעת דער באַלאַגערונג פון די רוסן אין 965 יאָר. בעת דער שרפה, וואָס איז אויסגעבראָכן ביים פאַרנעמען די פעסטונג, האָט דער טאָפּ מיט פּראָסע געפּלאַצט, די צירונג האָט זיך טיילוויז צעפּטרט, און די פּראָסע איז פאַרברענט געוואָרן. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס דעם אוצר האָבן נישט פאַרכאַפּט די פיינטלעכע זעלנער, וועלכע האָבן איינגענומען די שטאָט און וואָס אויך דער אייגנטימער, אויב ער איז געבליבן לעבן, האָט נישט געהאַט קיין מעג־לעכקייט אים אָפּצוזוכן.

זייער וויכטיק זענען די ספּעציעלע סימנים אויף די ציגל, וואָס מען האָט געפונען אין סאַרקעל. דער אָפּשטאַם פון די סימנים איז נישט גאַנץ קלאָר. מען פלעגט זיי מאַכן נישט אויף אַלע ציגל (אַן ערך איין סימן אויף 150 ציגל), געוויינלעך, ווען זיי זענען נאָך געווען רוי, זעל־טענער ווען זיי זענען שוין געווען אויסגעברענט (דעמלט פלעגט מען די סימנים אויסקריצן מיט עפּעס אַ שאַרף געצייג). היות, ווי די צייכענונגען זענען צום גרעסטן טייל געווען באַדעקט מיט וואַפּנע, מיינט מען, אַז דאָס זענען געווען סימנים פון די מייסטערס. ווינציקער וואַרשיינלעך איז, אַז די צייכנס זאָלן האָבן אפשר געהאַט אויך אַ מאַגישע באַדייטונג. קיין ספּעציעלן אַנאַליז פון די סימנים האָט מען ביז איצט נישט דורכגעפירט. עס איז אָבער גענוג צו פאַרגלייכן די דאָזיקע סימנים מיט די כוזרישע טאַמגעס (באַקאַנט פון פאַנאַגאָריע

אויף טאַמאַן) מיט די „רעטזועלהאַפטע" סימנים פון די סאַר־מאַטן (אַן איראַניש פאָלק, וואָס האָט זיך געפונען אין קרוו־בהשאפט מיט די אַלאַנען, וועלכע האָבן געלעבט אין די קאַנטן צווישן דאָן און דאָניעץ אויך שפעטער אין דער כוזריישער תקופה) און מיט די יידישע עמבלעמען, כדי עס זאָל ווערן קלאָר, וועלכע עטנישע עלעמענטן האָבן אָנטיילגענומען אין דער בויונג פון סאַרקעל. מיר זענען איבערצייגט, אַז די צייכענונגען נומער 22 (לויט דער אויסגאַבע פון אַרטאַמאָנאָוון, לענינגראַד 1935), 43, 46, 47 און 160 שטעלן מיט זיך פאָר די העברעישע אותיות ה, ח, יג (אָדער, יד (אָדער ב) און אַז אויפן נומער 113 איז אָנגעשריבן מיט קורסיווע־שריפט איבג. אחוץ דעם זעט מען דייטלעך, אַז נומ. 139 און 165 שטעלן מיט זיך פאָר מ נ ו ר ו ת.

אַזוי אַרום, אַויב פון די ביזאַנטינישע קוועלן ווייסן מיר נאָר וועגן אָנטייל פון גריכישע אינזשיניערן ביים אויפבויען די כוזרישע פעסטונג סאַרקעל, דערציילן אונדז די סימנים אויף די ציגל, אַז אחוץ גריכן האָבן אין דער בויונג אָנטייל־גענומען כוזרים, אונטערטעניקע זיי אַלאַנען און יידן. אויף 174 צייכנס געהערן צו גריכן צוויי — דריי, צו יידן ביי אַ צען און די איבעריקע צו די אָרטיקע שבטים. דאָס אָנטשפרעכט אין אַלגעמיין די ידיעות פון די אַראַבישע רייזנדער, אַז יידן איז געווען צווישן די כוזרים פאַרהעלטענישמעסיק ווינציק, אָבער זיי האָבן פאַרנומען הויכע מלוכה־אַמטן און פאַראַנט־וואָרטלעכע שטעלעס.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז צייכנס פון דעם מין ווי אין סאַרקעל און פון דער זעלבער תקופה האָט מען געפונען אין פאַנאַגאָריע, יאַלטע, פאַרטעניט און כערסאָנעס. דאָס קאָן נישט זיין קיין צופאַל, ווייל גראָד די אַלע פונקטן זענען גע־

וועֶן אין באַשטאַנד פון דער כוזרישער מלוכה. אין בריוו פון כוזרישן מלך יוסף ווערן דערמאָנט אַזעלכע שטעט, ווי סמקרץ (אין אונטערשייד פון קרץ — קערטש), מסתמא, פאַנאַגאָריע, און פאַרטעניט. א חוץ דעם איז באַקאַנט, אַז אין משך פון אַ לאַנגער צייט איז אויך כ ע ר ס אָ נ ע ס געווען אונטער דער איבערהערשאַפט פון די כוזרים. אין מיטן פון IX י״ה זענען אין כערסאָנעס געווען אַ סך יידן און אַפילו אויך שומ־רונים. די יידישע קהילה האָט געפירט אַ גרויסע מיסיאָנע־רישע טעטיקייט, ווי עס איז צו זען פון דער לעבנס־באַשריי־בונג פון הייליקן צ י ר י ל־קאָנסטאַנטין פילאָזאָף. גע־וויסע צייכנס האָבן זיך געקאָנט אַנטוויקלען אונטערן איינ־פלוס פון די יידישע אותיות, ווי דאָס איז צו זען אויפן ביי־שפיל פון דעם עלטסטן סלאַווישן אלף־בית, די א. ג. גלאַגאָ־ליטישע שריפט, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין יענער צייט (זע ווייטער ז׳ 130).

אחוץ סימנים טרעפן זיך אויך די ציגל אין סאַרקעל סכעמאַטישע צייכענונגען פון מענטשן, חיות און געאָמעטרי־שע פיגורן. צווישן די לעצטע טיילן זיך אויס עטלעכע צײ־כענונגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דריי (זעלטן צוויי) קוואַדראַטן, אַרייַנגעשריבן איינע אין די אַנדערע, און צע־טיילט אויף פיר טיילן. מען קאָן מיינען, אַז דאָס זענען סכע־מאַטישע צייכענונגען פון שטאָט־פּלאַן, כאָטש אין סאַרקעל, מיינט מען, איז די פאָרשטאָט נישט געווען געדיכט באַוויינט, ווייל נאָר האַרט ביים מויער פון דרויסן האָט מען געפונען סימנים פון הייזער. גיכער פון אַלץ פלעגט דאָרט זיין דער לאַגער פאַר קאַראַוואַנען און פון דער דורכמאַרשירנדיקער אַרמיי, וועלכע פלעגט אויך אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט קומען פאַרטיידיקן סאַרקעל. אין סאַרקעל גופא איז געשטאַ־

נען אַ קליינער גאַרניזאָן בסך־הכל פון 300 זעלנער. אַלנפאַלס ווענן איטיל איז גוט באַוווסט, אַז זי איז געווען צעטיילט אין דריי טיילן און נאָר דער פּאַלאַץ פון מלך און פון זיינע הויף־לייט זענען געווען געבויט פון ציגל. אין סאַרקעל זעען מיר בפירוש אַן ענלעכע לאַגע אין דעם זין, וואָס די פּשוטע באַ־פעלקערונג האָט אויך דאָ געלעבט אין יורטעס אָדער ליימע־נע הייזקעס. מען האָט אָפּגעפונען די רעשטלעך פון אַזאַ מין יורטע.

די פעסטשטעלונג, אַז אויף די ציגל פון סאַרקעל געפינען זיך עכטע כוזרישע סימנים, פירט אונדז צו דירעקט צו דעם פּראָבלעם פון דער כוזרישער שריפט. ביז איצט האָט מען גע־האַלטן, אַז די כוזרים האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע שריפט און אַז די ידיעות וועגן כוזרישע ספרים אין דעם בריוו פון מלך יוסף (ערשטע העלפט פון X י״ה) און אין אַנדערע מקו־רים באַציען זיך צו לשון קודש. מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז אין בריוו פון כוזרישן מלך ווערן דערמאָנט ביכער (ו ה ד ב ר ה ז ה ה י ה ש מ ו ר ב ס פ ר נ ו), שלשלת היוחסין מיט היסטאָרישע נאָטיצן פון זיינע אבות און זיינע אייגענע נאָטיצן. אמת, א שפּעטער פּערסישער היסטאָריקער פון XIII י״ה פ אַ כ ר ־ אַ ד ־ ד י ן ברענגט אַ ידיעה, אַז „ביי די כוזרים איז אויך דאָ אַ שריפט, וועלכע שטאַמט אָפּ פון דער רוסישער; אַ צווייג פון פאָלק רום (גריכן), וואָס לעבט נעבן זיי באַנוצט די דאָזיקע שריפט און זיי רופן די דאָזיקע רומעיער אַן רוסן. זיי שרייבן פון לינקס אויף רעכטס, די או־תיות פאַראייניקן זיך נישט צווישן זיך. אותיות איז אינגאַנצן דאָ 22. דער גרעסטער טייל פון די כוזרים, וועלכע באַנוצן די דאָזיקע שריפט זענען יידן״. דאָס האָט געגעבן אַן אָנשפּאַר פאַר געוויסע געלערנטע צו דענקען אַז די כוזרים אַזוי ווי די

רוסן האָבן אָנגענומען דעם אלף־בית פון איין און דעם זעלבן מקור, פון גריכישן. ווייניק ערנסטע געלערנטע האָבן דאָס אויסגענוצט פאַר אַ מער אַלגעמיינערן אויספיר, אַז „זיי האָבן אויסגענוצט די קולטורעלע דערגרייכונגען פון די אונטער־טעניקע פעלקער, נאָר אַליין האָבן זיי נישט געשאַפן קיין שום אָריגינעלע ווערטן" א. א.וו. אָבער צום עצם ענין האָט דאָס קיין גרויסן שייכות נישט, ווייל כמעט גלייכצייטיק מיט אַזעלכע מין דערקלערונגען, איינע פון וועלכע עס איז דאָ אָקאָרשט ציטירט געוואָרן, איז געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער וויסנשאַפטלעכער פרווו פון לייענען די אויפשריפטן אויף די וואַסער־געפעסן („באַקלאַזשקעס" אויף רוסיש, „מאַניערקעס" אין פויליש) פון נ אָ וו אָ ט ש ע ר ק אַ ס ק ע ר מוזיי און אויף די שטיינער פון „מאַיאַצקער גאָראָדישטשע", וואָס געפינט זיך ביים אַריינפלוס פון טייך ט י כ אַ י אַ ס אָ ס נ אַ אין דאָן. זיי דאַטירן זיך מיט דער כוזרישער תקופה לויט אַ גאַנצער ריי סימנים, צו וועלכע מיר וועלן זיך נאָך אומקערן, און שטאַמען פון אַ ראַיאָן, ווו די כוזרישע איינפלוסן זענען געווען זייער שטאַרק.

אַ פּאָר ווערטער וועגן אָפּשטאַם פון די אויפשריפטן.

אין נאָוואָטשערקאַסקער מוזיי איז שוין פון לאַנג געווען אַ וואַסער־געפעס פון לייט אין דער פאָרם פון אַ נידעריקן צילינדער (הויך 8 און אין דיאַמעטער איבער 30 צענטימעטער) מיט אַ רונישע אויפשריפט פון 16 בוכשטאַבן.

אונטער ר ו נ ע ן פאַרשטייט מען געוויינלעך אַ מין פאָנעטישע שריפט (יעדער קלאַנג האָט זיין אות) אין אונטערשייד פון דער סעמיטישער קאָנסאָנאַנטן־שריפט, ווו וואָקאַלן ווערן געוויינלעך נישט באַצייכנט, פון דער זילבן־שריפט ווי למשל, ביי די יאַפּאַנער, אָדער פון היעראָגליפן־שריפט ווי למ־

של בײ די כינעזער, װוּ יעדער סימן באַדײַט אַ װאָרט. די רונען באַשטײען פון פאַרשײדענע קאָמבינאַציעס פון פאַסיקלעך (קרײזאַרטיקע סימנים טרעפן זיך זעלטן) און שטאַמען אָפּ פון לאַטײנישן און גריכישן אלף־בית, מיט װעלכע די גערמאַנישע און טיורקישע פעלקער האָבן זיך באַקענט אין דער תקופה פון דער א. ג. גרױסער פעלקער־װאַנדערונג, אָנהײבנדיק פון III—VI י״ה נ. צ.

אַ צװײט געפעס מיט אַן ענלעכע רונען־אױפשריפט איז געבראַכט געװאָרן אין נאָװאָטשערקאַסקער מוזײ בעת דער צװײטער װעלט־מלחמה (מען האָט אים געפונען בײם גראָבן אַקאָפּעס נעבן דער סטאַניצע ק ר י װ י נ ס ק אַ י אַ). װי באַקאַנט זענען רונען געװען אין באַנוץ אַחוץ בײ די אַלטע גערמאַנער אין אײראָפּע אױך בײ די טיורקישע פעלקער אױף די באַלקאַנען, אין סיביר און צענטראַל־אַזיע. אמת, די אַלט־טיורקישע רונען (אָדער װי מען רופט זײ לױט די ערטער, װוּ מע האָט זײ געפונען אָ ר כ אָ נ י ש ־ י ע נ י ס ע י ש ע) אונטערשײדן זיך סײ פון די גערמאַנישע, סײ פון די דרום־באָלגאַרישע און פּעטשענעגישע, װעלכע שטאַמען מיט זײ צוזאַמען אָפּ, מסתמא, פון אײן שורש. מען דאַרף דאָ דערמאָנען, אַז די ב אָ ל ג אַ ר ן זענען געװען אין זײער אַ נאָענטער קרובהשאַפט צו די כוזרים. אונטער די דרום־באָלגאַרן פאַרשטײט מען װידער דעם טײל פון באָלגאַרישן פאָלק, װעלכער האָט אױסגעװאַנדערט פון די געביטן צװישן דער װאָלגע און קאַמע, װי עס האָט זיך געפונען שפּעטער די מלוכה פון די װאָלגע־באָלגאַרן, װעלכע זענען שפּעטער געװאָרן מאַכמעדאַנער, (זע אױבן) און אַװעק אױפן באַלקאַנער.האַלב־אינדזל. דאָ האָבן זײ אונטערטעניק געמאַכט אַ טײל פון די אָרטיקע סלאַװן און געגרינדעט אין VII י״ה די ב אָ ל ג אַ ר י ש ע

מלוכה, וואָס עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג. זיי האָבן אָבער זייער גיך זיך אַסימילירט צווישן דער סלאַווישער באַפעלקערונג און אָנגענומען זייער שפּראַך. די פּעטשענעגן ווידער, אויך אַ פאָלק פון טיורקישן אָפּשטאַם, האָבן אין IX י״ה פאַרביסן געקעמפט קעגן די כוזרים, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן זייער דראַנג אויף מערב. דערנאָך האָבן זיי זיך דורכגעריסן און זענען אַוועק אין די געביטן צווישן דניעפּר און דונאַי. זיי האָבן לאַנג געקעמפט מיט די קיעווער רוסן. אַ טייל פון זיי איז אַוועק קיין אונגאַרן, ווו זיי זענען אין משך פון עטלעכע הונדערט יאָר אינגאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן, היות זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער מאַדיאַרישער (פון אָפּשטאַם פיניש־אונגאַרישער) באַפעלקערונג.

היות, ווי לויט דער פאָרם דערמאָנען די רונען אויף די וואַסער־געפעסן פון נאָוואָטשערקאַסק דווקא די אַלט־טיורקישע רונען אויף די שטיינער געפונענע אויפן אָרכאָן און יעניסעי און לויט אַלע אַנדערע ידיעות זענען די כוזרים גופא געווען אַ פאָלק פון טיורקישן שורש, האָט דער לעניגראַדער פּראָפ. שטשערבאַק אין 1954 יאָר פאָרגעלייגט צו לייענען די ערשטע אויפשריפט אַזוי: „קו־מיס.. קומיס, אָנגיסנדיק..... אין דער גרויסער עפּענונג, טרינק” (מיט פיל פונקטן זענען באַצייכנט די נישט דעשיפרירטע צייכנס אויף דער אויפשריפט). ער גייט דערביי אַרויס פון פאָלגנדיקע הנחות: 1) די אויפשריפט לייענט זיך פון רעכטס אויף לינקס, 2) אַ טייל אויפשריפט האָט אַנטשפּרעכונגען אין די אָרכאָניש־

יעניסעישע רונען, אַ טייל אין פּעטשענעגישע רונען, געפונען אין אונגאַרן, 3) דער באַדייט פון די אומבאַקאַנטע צייכנס דאַרף באַשטימט ווערן, אַרויסגייענדיק פון דעם אינהאַלט פון דער אויפשריפט און אַזוי, ווי אין אַן אויפשריפט אויף אַ טיורקישן וואַסער־געפעס דאַרף זיין אַ וואָרט פאַר אַ געטראַנק, באַליבט ביי די טיורקישע נאָמאַדן, האַלט ער, אַז דאָס איז געווען קומיס (מילך פון קליאַטשעס). אָבער ער איז מודה, אַז שוין די צווייטע אויפשריפט (אויפן צווייטן געפעס) שטעלט מיט זאָך פאָר שוועריקייטן, ווען מען לייענט עס אַרויסגייענדיק פון זיינע פּרינציפּן. עס באַקומט זיך ביי אים אַזאַ מין טעקסט: „עלטשי און אַטאַ־אַטש און בוקאַ — דריי (זענען זיי)". עלטשי איז אַ טיורקישער טיטל און באַדייט „„הערשער" (פון שבט). גלייכצייטיק האָט שטשערבאַק איבערגעלייענט אויך עטלעכע אויפשריפטן פון „מאַיאַצקאָיע", אין וועלכער ער זעט פאַרצייכענישן פון פּערזענלעכע נעמען.

אײדער מיר גייען צו זיי איבער, ווייל זיי זענען זייער אינטערעסאַנט נישט נאָר פאַר דער געשיכטע פון די כוזרים, נאָר אויך פון די יידן אין כוזרים־לאַנד, דאַרף מען דאָ מאַכן אַ פּאָר אַלגעמיינע באַמערקונגען. די אָנווענדונג פון טיורקישן רונען־שריפט צום לייענען די אויפשריפטן פון דער כוזרישער תקופה איז אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג, וואָס עפנט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט אַ רעאַלע מעגלעכקייט צו לעזן די רעטעניש וועגן דער שריפט און דער שפּראַך פון די כוזרים. ווי אין יעדער אָנפאַנג־סטאַדיע פון אַ דעשיפרירונג פון אַן אומבאַקאַנטער

שריפט און פון אַ פאַרשוווּנדענעם לשון, איז דאָ נאָך אַ סך נישט קלאָר, נישט אַלץ לייענט זיך, אָבער ד ע ר אָ נ־ הייב איז שוין געמאַכט, און דאָס איז זייער וויכטיק.

ווייטער פון דער נאָטיץ פון פאַכר־אַד־דין ווייסן מיר שוין, אַז די כוזרים האָבן געשריבן פון רעכטס אויף לינקס (דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק אין ליכט פון די לעצטע פאָרשונגען) און אַז די שרייבער זענען געווען הויפּט־זעכלעך די כוזרישע יידן. אמת, דאָס באַציט זיך צו אַ סך אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע, אָבער לשם חקירה טויכט אויף אַזאַ קשיה, אפשר איז געווען פריער אויך אַזוי? און אויב עס איז געווען אַזוי, צי קאָן מען נישט לייע־נען די כוזרישע אויפשריפטן אויף העברעיש? עס קאָן זיך אויפן ערשטן בליק אויסדוכטן, אַז דאָס איז עפּעס מאָדנע. אָבער די געשיכטע קאָן אַזעלכע פאַלן. אין דער פּערסישער מלוכה האָט מען געשריבן מיט אַראַמישע (תרגום) אותיות, נאָר נישט אויף אַראַמעיש, נאָר גראָד אויף מיטל־פּערסיש (פּעהלעווי). פרעגט זיך, צי קאָן מען אָנווענדן אַזאַ מין אופן צו לייענען די כוזרישע אויפ־שריפטן?

כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, דאַרפן מיר זיך באַ־קענען מיט די אויפשריפטן פון מ אַ י אַ צ ק אָ י ע. דער דאָזיקער באַפעסטיקטער פונקט אויפן דאָן געפינט זיך אויפן ברעג פון דעם בייטיך טיכאַיאַ סאָסנאַ אויף אַ הויכן פּלאַטאָ 2 קמ. ווייט פון געוו. דיוונאָגאָרסקער מאָנאַסטיר אין וואָראָ־ניעזשער גובערניע (לויט דער צאַרישער אַדמיניסטראַטיווער איינטיילונג). דאָס באַפעסטיקטע אָרט שטעלט מיט זיך פאָר נישט קיין רעגלמעסיקע טראַפּעציע. אַן ערך 113 × 83 ×

94 × 79 × מעטער, גוט באַפּעסטיקט פון דריי זייטן מיט
אַ פּאָסע און אַ וואַל (פון דער פּערטער זייט באַשיצט דאָס
אָרט אַ שטיילער אָפּהאַנג האַרט ביים טייך). אינטערעסאַנט
איז, אַז דאָ האָט מען אויך געפונען שטיינער מיט כוזרישע
אויפשריפטן. מאַיאַצקאָיע איז געווען אין די יאָרן 1907—
1909 אַן אָביעקט פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. דער
אוקראַינישער אַרכעאָלאָג מ אַ ק אַ ר ע נ ק אָ האָט דאָרט
געפונען אויף דער אינעווייניקסטער דרום־מזרחדיקער וואַנט
פון דער פעסטונג, נישט ווייט פון איינגאַנגס־טויער, האַרי־
זאָנטאַלע אויפשריפטן אויף צוויי שטיינער, צווישן וועלכע
עס געפינט זיך איין פוסטער שטיין (אָן אַן אויפשריפט). די
אויפשריפטן געפינען זיך אויף אַ הויך מער אָדער ווייניקער
פון אַ מענטשלעכן וווקס און זענען אויסגעקריצט געוואָרן
שוין דאַן, ווען די וואַנט איז געווען פאַרטיק. דאָס איז אַ באַ־
ווייז, אַז די אויפשריפטן זענען נישט פאַרבונדן מיט דער
בויונג פון דער פעסטונג, נאָר שטאַמען אָפּ פון מענטשן,
וועלכע זענען געקומען אין דער פעסטונג דאַן, ווען זי האָט
שוין עקזיסטירט און געפּרוווט אויף אַזאַ מין אופן פאַראייביקן
זייערע נעמען אָדער עפּעס אַ באַדייטנדיקע געשעעניש. עס
זענען באַקאַנט נאָך עטלעכע אויפשריפטן אויף די שטיינער
פון די חרוב־געוואָרענע ווענט פון מאַיאַצקאָיע. דער דאָזיקער
פּרט, פאַרשטייט זיך, שטייט נישט אין קיין סתירה צו
דעם, וואָס איז אָקאָרשט געזאָגט געוואָרן. עס קאָן נישט זיין
קיין רייד וועגן דעם, אַז מען זאָל האָבן געשריבן אויף די
שטיינער, ווען די ווענט פון דער פעסטונג זענען שוין חרוב
געוואָרן. ערשטנס, האָבן די שטיינער אַ גרויס פון 53×36×
27× אָדער 73 × 40 × 36 צענטימעטער און וועגן פון 3
ביז 8 פּוד (ווען מען האָט זיי איבערגעשיקט קיין פּעטערס־

בורג, האָט מען אָפּגעזעגט נאָר דעם טייל, ווו עס געפינען זיך די אויפשריפטן). עפּעס גלייבט זיך נישט, אַז אין יענע באַדינגונגען זאָלן זיך געפינען בעלנים, וועלכע זאָלן איבערקייקלען לשם גאווה אָדער לשם וויסנגיריקייט אַזעלכע שטיינער. צווייטנס, באַווייזן די שטיינער מיט די אויפשריפטן, וועלכע מען האָט געפונען אין וואַנט, אַז דאָס איז געווען זייער תחילתדיקע לאַגע.

אויף איין שטיין איז דאָ אַ לאַנגע אויפשריפט אין דריי שורות, דוכט זיך, און פון ביידע זייטן זענען אָנגעצייכנט פערד. מען האָט אָבער באַמערקט, אַז די פערד זענען אויסגעקריצט געוואָרן שפּעטער, ווי די אויפשריפטן, היות ווי אויף 5 אויפשריפטן פון מאַיאַצקאָיע קאָן מען אָנציילן נישט ווייניקער, ווי 16 אותיות, פון וועלכע 12 אַנטשפּרעכן פולשטענדיק די בוכשטאַבן אויף די נאָוואָטשערקאַסקער וואַסער־געפעסן, באַווייזט דאָס באַשיינפערלעך, אַז זיי געהערן צו איין און דעם זעלבן מין שריפט. אַ טייל צייכנס אַנטשפּרעכט די אַלט־טיורקישע רונען, אַ טייל האָט נישט קיין אַנטשפּרעכונגען און נאָר איינצלנע זענען אַנאַלאָגיש צו די פּעטשענעגישע צייכנס. דאָס אַלץ באַדייט, אַז דער באַפּעסטיקטער פּונקט מאַיאַצקאָיע איז אַזוי ווי סאַרקעל, אַ דענקמאָל פון דער כוזרישער תקופה פון VIII—X י״ה. כאָטש די באַפעלקערונג זיינע, ווי סע האָט באַוויזן דער ריטואַל פון מקבר זיין מתים, דערמאָנט די א. ג. סאַלטאָווער קולטור.

די דאָזיקע אַרכעאָלאָגישע קולטור רופט זיך אַן אַזוי, ווייל לעבן סאַלטאָוו אויפן טייך דאָניעץ, 50 קמ. פון כאַרקאָוו, האָט מען געפונען אַזאַ מין באַגראָבונגס־אָרט, ווו די מתים ליגן אונטער דער ערד אין ספּעציעלע קאַמערן־קאַטאַקאָמ־

בעס. דעם זעלבן באַגראַבונגס־ריטואַל געפינט מען אויך אויף די אַלאַנישע טעריטאָריעס פון צפון־קאַווקאַז אין VI—IX י״ה. דערפאַר האַלט מען טאַקע, אַז די א. ג. סאַלטאָווער קולטור איז פון אַפּשטאַם אַן אַלאַנישע, כאָטש שפּעטער, ווי מען קאָן דאָס זען לויטן אַרכעאָלאָגישן מאַטעריאַל, פאַלט זי אַרונטער אונטער דער השפעה פון די כוזרים.

דער פּרט, וואָס די צייכענונגען פון די פערד זענען אויף איין שטיין אויסגעקריצט טאַקע אויף די אויפשריפטן גופא, באַשטעטיקט די השערה, אַז די אויפשריפטן זענען פריערדיקע און באַציען זיך צו דער כוזרישער און נישט צו דער שפּעטערדיקער פּענטשענעגישער תקופה, ווי מען קאָן דאָס אויך אַרויסזען פון די צייכענונגען, וועלכע געהערן אַלע צו איין סטיל.

צווישן די שטיינער פון מאַיאַצקאָיע, וועלכע געפינען זיך היינט אין לענינגראַדער ערמיטאַזש (אָפּטיילונג פון מיטל־אַלטערלעכער קונסט) ציט צו צו זיך די אויפמערקזאַמקייט איינער, וועלכער איז געפונען געוואָרן נאָך ביז די אויסגראָ־בונגען פון מאַקאַרענקאָ אין מאַיאַצקאָיע. די דאָזיקע אויפ־שריפט באַשטייט פון 8 סימנים, וועלכע זענען אויסגעקריצט פון רעכטס אויף לינקס, אַזוי אַז דער ערשטער צייכן פון רעכטס איז אַ סך העכער, ווי דער לעצטער אויף דער לינ־קער האַנט. די צייכנס אחוץ דעם לעצטן זענען זייער בולט אויסגעקריצט און לייענען זיך אויף דער פּאַטאָגראַפיע זייער גוט. מיר באַצייכענען זיי דאָ וויטער מיט די נומערן 1—8 (פון רעכטס אויף לינקס), כדי עס זאָל זיין פאַרשטענדלעך.

פאַרגלייכנדיק זיי מיט די אַלט־טיורקישע רונען, געפינען מיר פאַר זעקס צייכנס בפירוש עקוויוואַלענטן מיטן פאָנע־טישן באַדייט: ב, אָ אָדער או, ש, מ, ק, און נ, ט, ש. (כדי

נישט צו פאַרשווערן דעם אויסלייג, באַצייכענען מיר דאָ נישט דעם אונטערשייד צווישן „האַרטע“ און „ווייכע“ קאָנסאָנאַנטן אין טיורקיש). דער דריטער צייכן, ענלעך אויף דער אַראַבישער ציפער אַכט (8) טרעפט זיך אין דער אַלט־טיורקישער שריפט ווי אַן אידעאָגראַמע „באַרג“ מיטן באַדייט „באש“ (קאָפּ, שפּיץ). אויף העברעיש וואָלט מען „באַש“ באַדאַרפט לייענען ווי „ראַש“. אויב דאָס איז אַזוי, באַקומען מיר אַזאַ מין טעקסט (אין העברעישער טראַנסקריפּציע): בא ראש שמ. קנטש. פאַר דעם זעקסטן צייכן האָב איך נישט געפונען קיין אַנטשפּרעכונג אין די טיורקישע רונען. עס אונטערליגט אָבער נישט קיין ספק, אַז אין דעם טעקסט רעדט זיך וועגן אָנקומען פון אַן אָנפיהער (ראש) מיטן נאָמען (שמן) קינטש.

עס איז באַקאַנט אַ נאָמען קאָנטשאַק ביי די פּאָלאָווצעס, אויך אַ פאָלק פון טיורקישן שורש, וועלכע האָבן אין XI—XII י״ה געפירט מלחמות מיט די קיעווער רוסן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די באַקומענע רעזולטאַטן דאַרפן נאָך קאָנטראָלירט ווערן מיט דער הילף פון אַנדערע אויפשריפטן און געגעבענע. מען דאַרף זיך איבערצייגן, צי איז דאָס נישט אַ זאַך פון צופאַל, כאָטש על־פּי־שכל קאָן גראָד זייך, אַז גאָרנישט אַלע כוזרישע אויפשריפטן זענען פון דעם דאָזיקן מין. ווי עס זאָל נישט זייך, איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג, וועלכע קאָן אפשר צוהעלפן צו דער אינטערפּרעטאַציע פון די געפונענע כוזרישע טעקסטן. אַלנפאַלס, אויב דער פאָרגעשלאָגענער מעטאָד פון דעשיפרירן כוזרישע אויפשריפטן וואָלט זיך באַשטעטיקט, וואָלט נאָך געבליבן צו דערקלערן דעם היסטאָרישן זין פון דער אַנאָליזירטער אויפשריפט.

ווי מיר האָבן שוין געשריבן, איז די באַפעסטיקונג אין מאַיאַצקאָיע פאַרבונדן לויטן אָפּשטאַם פון דער באַפעלקערונג (עטנאָגענעטיש) מיט די אַלאַנען, וועלכע האָבן געהאַט זייערע ווינטערטער נישט נאָר אויף צפון־קאַווקאַז, נאָר אויך צווישן דאָניעץ און דאָן אין די צייטן פון IX—VI י״ה. עס איז באַקאַנט, אַז אַ טייל אַלאַנען האָט אָנגענומען צוזאַמען מיט די כוזרים דעם יידישן גלויבן. פון אַרכעאָלאָגישן מאַטעריאַל איז צו זען, אַז די דאָזיקע אַלאַנען זענען אין דער כוזרישער תקופה אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון די כוזרים. ווייטער, די אויפשריפטן אין מאַיאַצקאָיע שטאַמען פון אַ צייט אַ שפּעטערער, איידער די, ווען מען האָט געבויט די פעסטונג. דעריבער קומט אויפן זין אַזאַ מין השערה: **צי רעדט זיך נישט אין די אויפשריפטן פון מאַיאַצקאָיע טאַקע וועגן דעם פאַרנעמען פון דער פעסטונג דורך די כוזרים?** די אויפשריפט אין דער אָנגעוויזענער אינטערפּרעטאַציע וואָלט געקאָנט זיין אַ גוטע באַשטעטיקונג דערפון.

לעצטנס זענען קלאָר געוואָרן אויך געוויסע פרטים וועגן דער שפּראַך פון די כוזרים. דער אונגאַרישער געלערנטער פּראָפ. מאָראַווטשיק האָט צונויפגעזאַמלט די אַלט־טיורקישע, בתוכם אויך כוזרישע ווערטער אין די ביזאַנטינישע קוועלן, דאָ געהערט אַ ריי טערמינען פאַרבונדן מיט דער טיטולאַטור פון די כוזרים (קאַגאַן, בעק), מלוכה־אָרגאַניזאַציע (טעקין, כאַטון, טודון, בולשצי — טיטלען פון הויכע שררות און באַאַמטע) און אַנדערע, ווי פּערזענלעכע נעמען געאָגראַפישע, באַגריסונגען א״א. די ביזאַנטינער האָבן אונטערגעהאַלטן

אַקטיווע דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע באַציונגען מיט די כוזרים און צו זייערע שפּראַכלעכע ידיעות און גלאָסעס (לעזים) קאָן מען האָבן צוטרוי. מיר וועלן זיך באַגרענעצן מיט איין ביישפּיל. דעם נאָמען פון דער כוזרישער פעסטונג סאַרקעל (אין דער יידיש־כוזרישער קאָרעספּאָנדענץ סרקל, שרקל, שרכיל) איבערזעצט דער ביזאַנטישער געלערנטער טעאָפאַנעס קאָנטינואַטאָר אַלס ל ע ו ק אָ ן אָ י ק ע מ אַ, ד. ה. „ווייסע געביידע".

מיר האָבן דאָ טאַקע אַ גענויע ווערטלעכע איבערזעצונג פון דער אָריגינאַל־שפּראַך. מען מיינט, אַז די כוזרישע שפּראַך איז געווען אין אַ נאָענטער קרובהשאַפט מיט באָלגאַריש־טשוואַשיש. געוויסע באַרירונגען קאָן מען פעסטשטעלן אויך מיט די קומאַניש־קיפּטשאַקישע טיורקישע דיאַלעקטן, צו וועלכע עס געהערט די שפּראַך פון די קאַראַימער. די באַצייכענונג פון די טעג אין דער וואָך, דאָס וואָרט אַ ל אַ ן ק אַ ס אַ ר (לעגענדאַרע ריזן), אין וועלכע עס לעבט דער נאָמען פון אַלאַנען־פאָלק, ק י ב ל ע („גאָטס פּנים") און אַנדערע קאַראַימישע ווערטער זאָגן עדות וועגן דעם, אַז די אבות פון די קאַראַימער האָבן זיך געפונען אין דער איינפלוס־ספערע פון דער כוזרישער קולטור און געהאַט באַרירונגען מיט די אַלאַנען, וואָס האָבן געלעבט אונטער דער כוזרישער הערשאַפט. פון דאַנען נעמט זיך, וואָס אין קאַראַימיש געפינען מיר געוויסע אַלאַניש־אָסעטינישע ווערטער, ווי אכשין „מאָגן", וועלכע מען טרעפט נישט אין קיין שום אַנדערע טיורקישע דיאַלעקטן. אַנדערע ווידער קאַראַימיש־אָסעטינישע פּאַראַלעלן טרעפט מען אויך אין באַלקאַריש און קאַראַטשאַיש־טיורקישע שפּראַכן אין צפון־קאַווקאַז. די באַלקאַרן

זענען מסתמא אָפּשטאַמלינגען פון די פרימיטלאַלטערלעכע באַלגאַרן, ווי עס איז צו דרינגען פון דער אידענטישקייט פון די נעמען פוןביידע שבטים (באַלקאַרן—באַלגאַרן).

ירידה און אונטערגאַנג פון דער כוזרים־מלוכה

אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן פון IX י״ה באַווייזן זיך אין די סטעפּעס ביים שוואַרצן ים די מאַדיאַרן און נאָך זיי די פּעטשענעגן. גלייכצייטיק ברעכט אויס אַן אינערלעכער קאַמף צווישן די כוזרים פאַר מאַכט און אַ טייל פון די אָנ־טיילנעמער פון דער מהומה ווערן געצווונגען צו אַנטלויפן צו די מאַדיאַרן און צו פאַרלאָזן צוזאַמען מיט זיי די געביטן ביים שוואַרצן ים. קאָנסטאַנטין פּאָרפירראָגענעטאַ באַצייכנט די מורדים מיטן נאָמען ק אַ ב אַ ר ן. ס׳קאָן זיין, אַז די קאַבאַרן, וועלכע האַלטן זיך שפּעטער אויף אַ געוויסע צייט אין אונגאַרן, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך יידישע רעליגיעזע איינפלוסן. די אינעווייניקסטע מהומות האָבן באַדייטנדיק אָפּ־געשוואַכט די מאַכט פון דער כוזרים־מלוכה און אין דער צווייטער העלפט פון IX י״ה באַפרייען זיך פון דער כוז־רישער אויבערהערשאַפט די סלאַווישע פעלקערשאַפטן.

נאָך דעם, ווי די כוזרים האָבן פאַרלוירן דעם פּאָליטישן קאָנטראָל איבער די סטעפּעס ביים שוואַרצן ים, איז ביזאַנץ שוין נישט געווען אַזוי פאַראינטערעסירט אין פריידלעכע באַציונגען און עס הייבט זיך אָן אַ ריי קאַמפן צווישן ביזאַנץ און די כוזרים. ביזאַנץ שטרעבט צו אַ ווידעראויפשטעלונג פון איר הערשאַפט אין קרים, אָרגאַניזירנדיק אַ ריי קאָאַליציעס קעגן די כוזרים, אין וועלכע עס ווערן שפּעטער אויך אַריינ־

געצויגן די רוסישע פירשטן מיט זייערע דרושינעס. בעת דער הערשאפט פון כוזרישן מלך בנימין האבן די ביזאנטינער אונטערגעהעצט קעגן די כוזרים די נאמאדן פון מזרח (פע־טשענעגן) און מערב (טארקן), ווי אויך אנדערע שטאמען (אסי־אסעטינער). אדאנק דער הילף פון די אלאנען זענען פון דער מלחמה ארויס אלס זיגער די כוזרים. אין די ערשטע יארצענדליקער פון X י"ה פירן די ביזאנטינער אן אקטיווע מיסיאנערישע טעטיקייט אין אלאנען־לאנד, שטיצנדיק זיך אויף זייערע פארבינדעטע אין אבכאזיע. אין רעזולטאט פון פארשטארקונג פון די ביזאנטינישע איינפלוסן טרעט דער אלאנישער מלך ארויס קעגן די כוזרים, נאר ליידט א מפלה. דער כוזרישער מלך אהרן שליסט א פרידנס־אפמאך מיט די אלאנען און פארפעסטיקט אים מיט א דינאסטישן בונד, חתו־נה מאכנדיק זיין זון יוסף מיט אן אלאנישער פרינצעסין. אין רעזולטאט פון די ענדערונגען זאגן זיך די אלאנישע פירשטן ארום 932 יאר אפ פון קריסטנטום און גייען אריבער צום יה־דות. גלייכצייטיק ווערן ארויסגעטריבן פון אלאנען־לאנד דער קריסטלעכער בישאף און די גייסטלעכע צוגעשיקטע פון בי־זאנץ. אין דער זעלבער צייט אקטיוויזירן זיך די צוזאמענ־שטויסן צווישן די כוזרים און די רוסן. אין 913 האט זיך א גרויסע עקספעדיציע פון די רוסן ארויסגעלאזט רויבעווען די לענדער ביים קאספישן ים. די כוזרים האבן דורכגעלאזט די רוסישע שיפן אין דער צאל פון 500 דורכן קערטשער ים־פאס, אזאווער ים און דאן צו דער וואלגע. ביים צוריק־קערונג האט די מאכמעדאנישע גווארדיע פון כוזרישן מלך אטאקירט די רוסן און צעקלאפט זיי. עס זענען געפאלן אויפן שלאכט־פעלד ביי 30 טויזנט רוסישע קריגער. אינטערעסאנט, אז דער כוזרישער מלך האט געגעבן צו וויסן די רוסן, אז עס

גרייט זיך אויף זיי אַן אָנפאַל. דאָס באַווייזט, אַז דער מלך גופא איז נישט געווען פיינטלעך געשטימט קעגן זיי, נאָר האָט זיך געמוזט רעכענען מיט זיין גוואַרדיע, וועלכע איז געווען דערצאָרנט פון די רציחות איבער די מוסולמענישע איינוווינער פון טאַבאַריסטאַן, גילאַן, אַזערביידזשאַן, וועלכע די רוסן האָבן טעראָריזירט אין משך פון עטלעכע מאָנאַטן. אין דער הערשאַפט פון מלך יוסף, ווען ער האָט געענטפערט מיט רעפּרעסיעס אויף די יידן־פאַרפאָלגונגען אין ביזאַנץ, האָבן די ביזאַנטינער געשיקט רייכע מתנות דעם רוסישן פירשט, כדי ער זאָל מלחמה האַלטן מיט די כוזרים. האַלטנדיק מסתמא, אַז עס איז געקומען די צייט זיך נוקם צו זיין פאַר דער הריגה פון 913 יאָר, באַפאַלן די רוסן די כוזרישע שטאָט ס א מ ק ע ר ץ ביים קערטשער ים־פּאַס און צעראַבעווען זי, איידער עס זענען אָנגעקומען די כוזרישע חיילות. די ווידער אַטאַקירן די ביזאַנטישע באַזעס אין קרים און פאַרנעמען כערסאָנעס. דערנאָך ווענדן זיי זיך קעגן די רוסן, וועלכע ענדערן דערווייל זייער פּאָליטיק און הייבן אָן צו קעמפן מיט ביזאַנץ. לויט די יידישע קוועלן זאָל דער פירשט הייסן ה ל ג ו (אָ ל ע ג), לויט די גריכישע און רוסישע א י ג אָ ר, וואָס איז מער זיכער. אַרום 943 יאָר, נאָכדעם ווי איגאָר האָט געליטן אַ מפּלה פון די ביזאַנטינער, לאָזט ער זיך מיטן הסכם פון די כוזרים אין אַן עקספּעדיציע קעגן די אַראַבישע באַזיצן אין טראַנסקאַווקאַז, אָבער זיין פּרווו צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט בערדאַ אויף דעם טייך קוראַ גיט זיך נישט איין. נאָכן טויט פון מלך יוסף טרעט די כוזרישע מלוכה אַריין אין אַ פּעריאָד פון פעאָדאַלער צעשפּליטערונג און פאַלט זיך פונאַנדער. די אייגנטלעכע טעריטאָריע פון די כוזרים נעמט נאָך אַרום צפון־קאַווקאַז

און דעם סטעפּ־געביט צווישן וואָלגע און דאָן, ווי אויך קרים. אַ טויט־קלאַפּ קריגט די כוזרים־מלוכה פון דעם קיִעווער פירשטנטום. די רוסישע כראָניק אַנטהאַלט אַ ידיעה, אַז אין 965 יאָר האָט דער גרויספירשט סוויאַטאָסלאַוו באַזיגט די כוזרים אין אַ שלאַכט (אויפן דאָן?) און פאַרנומען זייער שטאָט ב י ע ל אַ ווי ע ז ש אַ. אינטערעסאַנט, אַז דער אַלט־רוסישער נאָמען „ביעלאַ וויעזשאַ" איז אַ בוכשטעבלעכע איבערזעצונג פון כוזרישן ס אַ ר ק ע ל, וואָס באַדייט „העל הויז" אָדער „העלע פעסטונג" (דאָס וואָרט „קיל" איז פאַרבליבן אין טשוואַשיש ביז היינט). דער אַראַבישער שרייבער אבן־ חוקל, וועלכער האָט געשריבן אין די 70־ער יאָרן פון X י"ה גיט אָן, אַז אין 968 יאָר האָבן די רוסן פאַרנומען און צעראַבעוועט בולגאַר, איטל, סעמענדער — די וויכטיקסטע בולגאַריש־כוזרישע האַנדלס־שטעט אויף דער וואָלגע און צפון־קאַווקאַז. די עצם טעריטאָריע פון די כוזרים איז געוואָרן פאַגראָמירט און פאַרוויסט, נאָר נישט אָקופּירט דורך סוויאַטאָסלאַוון. די סיבה איז נישט באַקאַנט. אַלנפאַלס די כוזרישע מדינה האָט שוין נישט געהאַט קיין כוחות צו אויפשטיין תחית המתים. אמת, רעשטלעך פון די כוזרים עקזיסטירן נאָך אַ געוויסע צייט אויף צפון־קאַווקאַז און קרים.

עס איז נאָך כדאי צוצוגעבן, אַז דאָס פאַלן פון דער כוזרישער גרויסמאַכט און דאָס צעשטערן פון סאַרקעל און די אַנדערע כוזרישע באַפעסטיקטע פונקטן אויפן דאָן האָט געבראַכט מיט זיך נישט די באַפרייונג פון דער באַזעסענער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג אין די קאַנטן פון יאָך פון די נאָמאַדן, ווי אייניקע ווילן דאָס פאָרשטעלן, נאָר גראָד דעם היפוך. צו דער צייט פאַרשווינדט אין סטעפּ נישט נאָר די א. ג. סאַלטאָווער קולטור, וואָס האָט געהערט צו די אַלאַ־

נען, נאָר עס פאַרשווונדן אויך די סלאַווישע זידלונגען אויפן מיטעלען דאָן (מסתמא פון שבט וויאַטיטשי).

דאָס פאַרטרייבן פון דער באַזעסענער באַפעלקערונג פון די דאָנער סטעפעס אויף לאַנגע דורות (דער איזאָלירטער ישוב, וואָס איז אויפגעקומען אין ביעלאַוויעזשאַ אויפן אָרט פון סאַרקעל און עקזיסטירט דאָ ביז 1117 יאָר, ענדערט נישט דעם עצם פאַקט) איז געווען דער דירעקטער רעזולטאַט פון דער הערשאַפט פון די טיורקישע וואַנדערשטאַמען (פאָלאָווצעס-קיפטשאַקן, טאָרקן אאַ"וו), וועלכע האָבן נאָכן פאַלן פון דער גרויס-כוזרישער מדינה באַקומען פרייע הענט און מיט זייערע רויב-אָנפאַלן דערפירט, אַז די לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג האָט פון דאַנען אויסגעוואַנדערט אויף צפון-מערב (סלאַוון) און אויף קאַווקאַז (אַלאַנען).

אין 1016 יאָר פאַרלירן די כוזרים די פּאָליטישע מאַכט אין קרים און אויף טאַמאַן. פאַנאַגאָריע-טאַמאַטאַרכאַ ווערט די רעזידענץ פון רוסישע פירשטן. אין דעם טמוטאַראַקאַנער פירשטנטום, ווי עס האָט געהייסן ביי די רוסן, שפּילט די כוזרישע באַפעלקערונג נאָך אַ באַדייטנדיקע פּאָליטישע ראָל. אויב אין 1079 יאָר איז זי געווען אימשטאַנד אַרויסצוטרייבן דעם רוסישן פירשט אָלעג סוויאַטאָסלאַוואָוויטש קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

מען איז זיך משער, אַז אין סוף פון XI י"ה, ווען די פּאָלאָווצעס-קומאַנען האָבן פאַרנומען טמוטאַראַקאַן, האָט אַ היפּשער טייל פון דער כוזריש-יידישער באַפעלקערונג אויסגעוואַנדערט קיין קיעווער רוסלאַנד.

וועגן כוזרים פון מאַכמעדאַנישן גלויבן שרייבט אבו חאמיד

אל־גארנאטי (פון גראַנאַדע אין שפּאַניע), וועלכער האָט אין 1130 — 1135 יאָרן באַזוכט די שטאָט סאקסין אויף דער וואָל־גע (משמעות האָט אזוי געהייסן איטיל, נאָכן פאַלן פון דער כוזרישער מלוכה).

קורצע אויספירן

די מלוכה פון די כוזרים איז אויפגעקומען אין דרום־רוס־לאַנד אין VII י״ה. די כוזרים, אַ קריגעריש נאָמאַדן־פאָלק פון טיורקישן שורש, האָבן באַזיגט אַ סך שבטים און פעלקער פון קרים און קאַווקאַז ביז דער וואָלגע אויף מזרח און דעם דניעפּר אויף מערב.

די כוזריש־יידישע מלוכה האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן ערב־רב פון פאַרשיידענע פעלקער, שטאַמען און רעליגיעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף אַ פאַרשיידענער מדרגה פון אַנטוויקלונג. די האַלב־פעאָדאַלע מלוכה פון די כוזרים האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסן מיליטערישן און פּאָליטישן כוח, וועלכער האָט פאַרנומען אַ בכבודיקע לאַגע אין דער דעמאל טיקער וועלט־פּאָליטיק.די כוזריש־יידישע מלוכה האָט דער־פאָלגרייך געקעמפט סיי קעגן די אַראַבער און ביזאַנטינער אין דרום, סיי קעגן די אַזיאַטישע סטעפּ־נאָמאַדן, דאָס רוב פון קרובישן טיורקישן אָפּשטאַם, אין מזרח. די כוזרים האָבן אָפּ־געשטעלט די אַראַבישע אינוואַזיעס מצד טראַנסקאַווקאַז גראָד אין די דרייסיקער יאָרן פון אַכטן יאָרהונדערט, ווען גלייכצייַ־טיק פון שפּאַניע האָבן די אַראַבער געפּרוּווט פאַרכאַפּן מערב־אייראָפּע און געליטן אַ מפלה ביי טור אין פראַנקרייך. זיי האָבן אַרויסגעשטופּט די ביזאַנטינער פון קרים, ווו זייער הויפּט־

באַזע איז געווען כערסאָנעס, נישט ווייט פון היינטיקן סעוואַס־טאָפּאָל, און ביזן אָנהייב פון צענטן יאָרהונדערט אויפגעהאַלטן דעם דראַנג פון די וואַנדער־פעלקער, וועלכע האָבן זיך געריסן פון אַזיע אין די פרוטבאַרע מזרח־אייראָפּעישע לענדער.

זייער מיליטערישע השפעה אין מזרח־אייראָפּע האָט אָנ־געהאַלטן ביז דער צווייטער העלפט פון X י״ה, ווען זיי האָבן געליטן אַ מפּלה פון קיִעווער פירשט סוויאַטאָסלאַוו. אַ גענויע פאָרשטעלונג וועגן דער מאַטעריעלער קולטור פון די כוזרים האָבן געגעבן די סאָוויעטישע אויסגראָבונגען אין דער פעסטונג סאַרקעל, וועלכע סוויאַטאָסלאַוו האָט דעראָבערט אין 965 יאָר. דער הערשנדיקער שיכט פון די כוזרים האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן אַרום די יאָרן 730 — 740. אין דער ערשטער העלפט פון IX י״ה איז די יידישע רעליגיע געוואָרן ביי די כוזרים די הערשנדיקע.

מען מוז נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז די געשיכטע פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע אין פריען מיטלאַלטער איז נישט אָפּצוטיילן פון דער געשיכטע פון די כוזרים, וועלכע האָבן זיך באַקערט צום יידישן גלויבן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין פּאָליטישן, רעליגיעזן און עקאָנאָמישן לעבן פון דער כוז־רישע מדינה, באַזיצנדיק נישט נאָר זעלבסטפאַרוואַלטונג און פולע גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר פאַרנעמענדיק אין געוויסע פאַלן אַפילו ספּעציעל פּריווילעגירטע פּאָזיציעס.

אַזוי אַרום פאַרמאָגט צום היינטיקן טאָג די וויסנשאַפט אַ גאַנצע ריי ידיעות וועגן דער פּאָליטישער געשיכטע פון די כוזרים, וועגן זייערע האַנדלס־באַציונגען מיט די אַרומיקע פעלקער און וועגן זייער י ו ד אַ י ז י ר ו נ ג. געוויסע קאַר־גע ידיעות זענען אויך דערגאַנגען וועגן די יידישע קיבוצים

אין דער כוזרישער מדינה און וועגן דער מאַסן־עליה פון די געראָדפטע פערסישע און ביזאַנטינישע יידן קיין כאַזאַריע (כוזרים־לאַנד). ווי קנאַפּ עס זענען נישט אונדזערע ידיעות וועגן דעם כוזרישן יידנטום, זענען זיי אָבער זייער וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעישן יידישן קיבוץ. אַז דער אָפּשטאַם פון דעם עלטסטן שיכט רוסישע יידן, און אין אַ געוויסער מאָס, אויך פון די ערשטע פוילישע יידן איז פאַרבונדן מיט דער מאַסן־עמיגראַציע פון די כוזרישע יידן נאָכן פאַלן פון זייער מלוכה, איז זייער וואַרשיינלעך, נישט ווייניקער פון דער השערה, אַז די קאַראַימער און די א. ג. „קרימטשאַקעס", ד. ה. קרימער יידן פון רבנישן נוסח, וועלכע זענען פולשטענדיק אומגעבראַכט געוואָרן בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, זענען לויטן אָפּשטאַם מסתמא פאַרבונדן מיט די כוזרים און כוזרישע יידן.

וואָס שייך דער מאַטעריעלער קולטור פון די כוזרים, זייער שפּראַך און שריפט, האָט מען זיך דערוווסט נייעס גאָר נישט לאַנג און מיט די־אַ נייע פאַקטן און השערות האָבן מיר באַקענט אונדזערע לייענער אַ ביסל געגויער.

III. די קיעווער תקופה

מזרח־אייראָפּע אין דער קיעווער תקופה

אָנהייבנדיק פון IX י״ה הייבט זיך אָן אַן אינטענסיווע אַנטוויקלונג פון די מזרח־סלאַווישע שטאַמען, וועלכע פאַרנעמען צו יענער צייט דעם גרעסטן טייל פון מזרח־אייראָפּע פון קיעוו ביז גרויס־נאָווגראָד אויף דער אילמען־אָזיערע. עס טיילט זיך אויס די שטאַם־אַריסטאָקראַטיע, עס אַנטוויקלען זיך האַנדלס־באַציונגען מיט די אַרומיקע פעלקער, אַ ספּעציעלע באַדייטונג באַקומט דעם האַנדלס־שליאַך פון צפון־אייראָפּע מיטן דניעפּר צום שוואַרצן ים און ביזאַנץ („דער וועג פון די וואַריאַגן צו די גריכן״). דאָס קיעווער פירשטנטום, וווּ עס געפינען אַ מקום מקלט נאָרמאַנישע דרוזשינעס, וועלכע סלאַוויאַניזירן זיך גאָר גיך, ווערט אויך דער פּאָליטישער צענטער פון די מזרח־סלאַווישע שבטים, און וואַקסט אויס צו אַ גרויסן פּאָליטישן כוח נאָכן פאַלן פון דער כוזרישער גרויסמאַכט. עס הייבט זיך אָן די עקספּאַנסיע און קאָלאָניזאַציע פון די סלאַוון אויף צפון און מזרח, אין די געביטן פון דער וויאַטקע, אָקע, וואָלגע, באַוווינטע דורך פינישע און אַנדערע פעלקער. דער קיעוור גרויספירשט וולאַדימיר (980־1015) נעמט אין 987 יאָר אָן דאָס קריסטנטום און די ביזאַנטינישע קולטור און אידע־

אַלאַגיע באַקומט גרויסע איינפלוסן אין דער קיעווער מדינה. גלייכצייטיק פאַרמירן זיך נייע פעאָדאַלע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. די פויערים („סמערדן") ווערן אָפּהענגיק פון די רייכע ערד־באַזיצער. די שטעט — און הויפּטזעכלעך קיעוו וואַקסן אויס אין גרויסע פעאָדאַלע צענטרען. דער קאָדעקס פון גרויספירשט יאַראָסלאַוו דעם קלוגן (1054־1036) פאַר־פיקסירט די נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. אין XII י״ה הייבט זיך אָן אַ פעריאָד פון פעאָדאַלער צעשפּליטערונג און דעצענטראַליזאַציע אין דער קיעווער מדינה. דאָס נוצן אויס די שכנים, אין דער ערשטער ריי די טיורקישע נאָמאַדן־פעלקער: פּעטשענעגן, פּאָלאָווצעס־קומאַנען, טאַרקן, בערענ־דעיען, וועלכע אָקופּירן די רייכע אין באַפלאַנצונג און וואַ־סער שווארצימיקע סטעפּעס. זיי מישן זיך אָפּט אַרײַן אין די קאַמפן צווישן די קיווער פירשטן און באַומרואיקן די סלאַווי־שע באַפעלקערונג מיט זייערע אָנפאַלן. אין XII י״ה נעמט אַרום די מלוכה פון די פּאָלאָווצעס (דעטש־אי־קיפּטשאַק) די לענדער ביים שווארצן ים פון דניעפּר ביז דער וואָלגע און קרים, ד. ה. פּאַקטיש די זאָנע פון דער כוזרישער גרויסמאַכט אין XI י״ה. אָבער די נאָמאַדן זענען נישט בכוח צו באַ־דראָען דעם עצם עקזיסטענץ פון דער קיעווער מלוכה, וועל־כע שפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין דער דעמלטיקער וועלט־פּאָ־ליטיק, אונטערהאַלטנדיק פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע באַ־ציונגען מיט ביזאַנץ, פּוילן, טשעכיע, דייטשלאַנד, סקאַנדי־נאַוויע און אַפילו פראַנקרייך. אין אָנהייב פון XIII י״ה באַ־וויזט זיך אַ נייע סכנה מצד די נאָמאַדן פון אַזיע. די רוסישע פירשטן און זייערע פאַרבינדעטע, די פּאָלאָווצעס, ליידן אַ מפּלה מצד די טאָטערן (מאָנגאָלן) וועלכע זענען אָנגעקומען אין די דרום־רוסלענדישע סטעפּעס פון אַזיע, אויפן טייך קאַלקע

אין 1223 יאָר. אין 1240 יאָר שטורעמען און פאַרנעמען די מאָנגאָלן קיעוו, דאָס קיעווער רוסלאַנד הערט אויף צו עקזיס־טירן אין מזרח־אייראָפּע און פאַלט אַרונטער אויף 240 יאָר אונטער דער טאָטערישער איבערהערשאַפט.

די יידישע ישובים אין אַלט־רייסן

דאָס פאַלן פון דער כוזרישער גרויסמאַכט אין מיטן X י"ה באַדייט אַ וויכטיקן ווענדע־פּונקט אין דער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום: דעם סוף פון דער כ ו ז ר י ש ע ר תקופה און דעם אָנהייב פון אַ נייער עפּאָכע — פון דער ק י ע וו ע ר. דער אונטערשייד צווישן ביידע תקופות באַשטייט אין דעם, וואָס אויב אין די באַדינגונגען פון דער כוזרי־שער העגעמאָניע איז די יידיש־העברעישער קולטור פּאַקטיש געווען פּאָוואָריזירט און געשפּילט אין אַ געוויסן זין די ראָל פון אַ מלוכה־קולטור (עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז די אָפיציעלע כוזרישע מלוכה־קאָרעספּאָנדענץ אין דער צייט פון מלך־יוסף האָט מען געפירט אין העברעיש), פאַרוואַנדלט זי זיך אין דער אַלט־קיעווער תקופה אין אַ קולטור פון אַ קליי־נעם טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע פאַרלירט אַלץ מער און מער איר גלייכבאַרעכטיקונג אין די נייע באַדינגונגען פון דער רוסישער פעאָדאַלער מלוכה. מען מוז אָבער אונטער־שטרייכן, אַז דאָס איז געשען נישט גלייך און נישט פריער פון XII י"ה. אפילו אין XI י"ה אין אַלטן קיעוו איז די לאַגע נאָך געווען גאָר אַן אַנדערע . ווייטער, ליגט דער אונטערשייד צווישן די ביידע תקופות אין געאָגראַפישן זין.

אין די לעצטע יאָרהונדערטער פון דער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ פון כוזרישן קאַגאַנאַט האָבן זיך די

הויפּט־צענטרען פון יידישן עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן דעמלט געפונען אין קרים (פאַנאַגאָריאַ, קערטש, כערסאָנעס), אַזוי, אַז היסטאָריש און געאָגראַפיש שטעלן מיט זיך פאָר די דאָזיקע צענטרען אַ קאָנטינואַציע פון די יידישע געמיינדעס, וועלכע האָבן דאָ עקזיסטירט אָן אויפהער פון די אַנטיקע צייטן און דערגרייכט אַ נייעם אויפבלי נאָך דער סטאַבילי־זאַציע פון דער כוזרישער אימפּעריע. נאָכן אַנטשטיין פון דער גרויס־קיעווער מלוכה פאַרוואַנדלט זיך דער יידישער ישוב אין די לענדער ביים דניעפּר אין אַ זעלבשטענדיקן קיבוץ און די יידישע קהילות אין קרים פאַרלירן זייער גרויסע פּאָליטי־שע און קולטורעלע ראָל, וועלכע זיי האָבן געשפּילט אין דער כוזרישער תקופה.

ווי באַקאַנט ווערט קיעוו אין X—IX י״ה דער הויפּט־צענטער פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער באַפעלקערונג און איר קולטור. אין דער אַלט־רוסישער כראָניק ווערט דער־ציילט, אַז קיעוו האָט געצאָלט מעשר און אָנערקענט די אויי־בערהערשאַפט פון די כוזרים אין די אַלטע צייטן (זע וויטער ז׳ 128). עס איז באַקאַנט אויך פון אַנדערע מקורים, אַז די כוזרישע אויבערהערשאַפט האָט זיך פאַרשפּרייט אויף מערב ביז קיעוו. אויפן דניעפּר איז געווען אַ באַפעסטיקטער כוזרישער פונקט ס אַ מ ב אַ ט אַ . דער ביזאַנטיגישער מלך קאָנסטאַנטין פּאָרפיראָגענעטאָ גיט אָן אַז אַזוי האָט אויף כוזריש געהייסן קיעוו, וועלכן עס האָבן אין מיטן פון IX י״ה פאַרנומען די נאָרמאַניש־רוסישע פירשטן אַסקאָלד און דיר. סאַם — האָט באַדייט אין די אַלט־טיורקישע שפּראַכן מסתמא „ישוב", ווי דאָס איז צו זען פון פאַרגלייך פון דעם נאָמען פון דער שטאָט סאַמאַרקאַנד מיט איר אַנטיקן נאָמען מאַראַקאַנ־דאַ, וואָס איז באַוווסט פון די גריכן, וועלכע האָבן אָנטיילגענו־

מען אין דער עקספּעדיציע פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן קיין מיטל־אַזיע און אינדיע. עס איז אויך באַוווסט אַ כוזרישע שטאָט ס מ ק ר ץ אין ראַיאָן פון קערטשער ים־דורכגוס. אַלנפּאַלס דערמאָנט דער דאָזיקער נאָמען ס אַ מ ב אַ ט אַ אויך דעם נאָמען פון לעגענדאַרן טייך ס מ ב ט י ו ן און עס קאָן גריילעך זיין, אַז די לעגענדעס וועגן די „רויטע יידע־לעך” און וועגן טייך סמבטיון, וועלכע זענען געווען ביי יידן פאַרשפּרייט נאָך אין אַלטערטום, האָבן געקראָגן אַ נייע פאַנ־טאַסטישע אויפפאַסונג אין שייכות מיט אַ רעאַלן פאַקט פון דער יידיש־כוזרישער געשיכטע.

אַפילו נאָך אין X י״ה האָט מען אין כוזרים־לאַנד גע־האַלטן, אַז קיעוו איז אַ שטאָט, וועלכע געהערט צו די כוזרים, ווי דאָס איז צו זען פון דעם בריוו פון אַנאָנימען כוזרישן יידן (דער אַ. ג. „קעמברידזשער דאָקומענט”). אין דעם דאָזיקן בריוו ווערט דערציילט, אַז דער רוסישער מלך ה ע ל ג ו (ד. ה. אָ ל ע ג) איז אָנגעפאַלן אומגעריכטערהייט אויף דער דער כוזרישער שטאָט ס אַ מ ב אַ ר אַ י און פאַרכאַפּט זי. גלייכצייטיק פון די אַלט־רוסישע מקורים איז באַוווסט, אַז אָלעג האָט אויף אַזאַ מין אופן פאַרכאַפּט קיעוו.* עס דרינגט דערפון אַרויס, אַז ס אַ מ ב אַ ר אַ י און ק י ע ו ו איז איינס און דאָס זעלבע. עס איז אויך באַקאַנט, אַז לויט אַ ידי־

* דער אויטאָר פון דעם א. ג. „קעמברידזשער דאָקומענט” האָט דורך אַ טעות צונויפגעמישט ה ל ג ו מיט א י ג אָ ר ן ביים שילדערן אַנדערע פּרטים פון דער כוזרים־רוסישער ריוואַליזאַציע אין דער ערשטער העלפט פון X י״ה (זע אויבן ז, 102).

עה פון ביזאַנטישן מלך קאָנסטאַנטינו פּאָרפּיראָגענעטאַ האָט קיעוו געהייסן ביי די כוזרים ס אַ מ ב אַ ט אַ. עס קאָן אפשר זיין, אַז דער נאָמען ס אַ מ ב אַ ר אַ י איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון אַ שרייב־פעלער אָנשטאָט סאַמבאַטאַ, ווייל די נעמען זענען צווישן זיך אַזויפיל ענלעך, אַז אַ פּראָסטער צופאַל איז דאָ אויסגעשלאָסן. אַלנפאַלס איז געווי באַוווסט, אַז אין מיטן פון X י״ה האָבן די יידישע כוזרים געהאַט אַין קיעוו אַ ספּעציעלן שטאָט־פערטל „קאָזאַריאַ בעסיעדאַ“. אין X י״ה האָבן מיר צו טאָן אין קיעוו מסתמא נאָר מיט כוזרישע יידן. באַשרייבנדיק די געשעענישן אין 945 יאָר, ווען צו איגאָרן זענען געקומען שליחים פון ביזאַנטישן מלך, כדי צו שליסן אַן אָפּמאַך, און איגאָר מיט זיינע געצנדינערישע קריגס־לייט האָבן געגעבן א שבועה אויפן פּערון־באַרג, בעת די קריסטלעכע מיטגלידער פון זיין דרוזשינע האָבן געשווירן אין דער צערקווע פון הייליקן אליהו, גיט דער כראָניקער צו, אַז זי געפינט זיך „ביים טייכל סוף פון פּאַסינטשין ביעסיעדאַ און קאָזאַרע“. דאָס אַלט־רוסיש וואָרט „ביעסיעדאַ“ איז דאָ אויסגענוצט נישט אין געוויינלעכן זין „שמועס, געשפּרעך“, נאָר אין דעם באַדייט „געביידע, אַלטאַנע, הויף“; כאָטש דער אויסדרוק „סוף פון פּאַסינטשין ביעסיעדאַ“ איז נישט אין גאַנצן קלאָר. אייניקע האָבן אַפילו געהאַלטן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שרייבפעלער פון קאָפּיסט, וועלכער האָט אַריינ־געשטעלט אַ פּראַזע פון אַן אַנדער ווערק וועגן אַ געשפּרעך, דיספּוט (אַלט־רוסיש אויך „ביעסיעדאַ“) צווישן אַ געוויסן פּאַסינטשיק און די כוזרים, אָבער אַזאַ מין השערה איז נישט דערווייזבאַר. אַזוי, אַז מען דאַרף אין „פּאַסינטשין ביעסיעדאַ“ און „קאָזאַרע“ זען צוויי טאָפּאָגראַפישע באַצייכענונגען פאַרבונדן מיט די שטאָט־טיילן פון אַלטן קיעוו. אַז עס האָט עקזיסטירט

אַ כּוזרישער (כּוזריש־יידישער) שטאָט־פּערטל, לייגט עס זיך גראָד גוט אויפן שׂכל, ווייל אין דער דערציילונג וועגן דער באַקערונג פון גרויס־פירשט וולאַדימיר סוויאַטאָסלאַוואָוויטש צום קריסטנטום, וועלכער דער כראָניקער באַמיט זיך בכל אופן צו פאַרבינדן מיט דער באַלאַגערונג פון כערסאָנעס דורך די רוסן אין 988, איז אַריינגעשטעלט אַ פּאָלעמישער עפּיזאָד וועגן אַ רעליגיעזן דיספּוט מיט די כּוזרישע יידן, וועלכער איז געגעבן אין אַ קריסטלעך־פּראַוואָסלאַוונער באַלויכטונג, נאָר אַנטהאַלט געוויסע סימנים פון אַ כּוזרישער ליטעראַרישער טראַדיציע, צו וועלכער מיר וועלן זיך נאָך אומקערן. אין דער כראָניק לייענען מיר: „כּוזרישע יידן זענען געקומען צו וולאַדימירן און געזאָגט צו אים: מיר האָבן געהערט, אַז עס זענען געקומען צו דיר בולגאַרן און דיר דערציילט וועגן זייער אמונה; די קריסטן גלויבן אין דעם, וועמען מיר האָבן געקרייציקט. און מיר גלייבן אין איינציקן גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב. און ס'האָט געזאָגט וולאַדימיר: אין וואָס באַשטייט אייער גלויבן? האָבן זיי געענטפערט: אין מילה, נישט עסן חזיר־פלייש און ווילד־פלייש און אָפּהיטן שבת. האָט ער צו זיי געזאָגט: ווו איז אייער היים? דער ענטפער איז געווען: אין ירושלים. און ער האָט געזאָגט: געפינט איר זיך דאָרטן? האָבן זיי אים געענטפערט: גאָט האָט זיך דערצאָרנט אויף אונדזערע אבות און האָט זיי צעשפּרייט איבער זיבן ימען, צוליב אונדזערע זינד איז אונדזער לאַנד אַריבער אין די הענט פון די קריסטן. האָט ער צו זיי געזאָגט: ווי קומט איר צו לערנען אַנדערע, ווען גאָט האָט אייך אַליין פאַרטריבן און צעזייט. אויב גאָט וואָלט אייך ליב געהאַט, וואָלט ער אייך נישט צעזייט און צעשפּרייט איבער פרעמדע לענדער. צי ווילט איר אויך אונדז אַריינשלעפּן אין דער זעלבער צרה?“

שפּעטער הערן מיר אין דער כראָניק שוין נישט וועגן כוזרישע יידן און זייער שטאָט־קוואַרטאַל, נאָר גלאַט וועגן יידישן שטאָט־ראַיאָן. צי קאָן מען לאָקאַליזירן דעם יידישן קוואַרטאַל אין אַמאָליקן קיעוו געגנט?

שוין דער קיעווער אַרכעאָלאָג אַנטאָנאָוויטש האָט גע־האַלטן, אַז אין דעם ראַיאָן אַרום דער יאָרדאַן־צערקווע האָט זיך געפונען דער אַמאָליקער קיעווער האַנדלס־צענטער, אָבער דאָס איז נישט אינגאַנצן זיכער. די אַלט־רוסישע כראָניקעס גיבן געוויסע ידיעות וועגן יידישן שטאָט־טייל אין קיעוו אין די צייטן פון יאַראָסלאַוו. די הויפּטשטאָט פון דער קיעווער מדינה איז דעמלט געווען אַ גרויסער און רייכער צענטער. די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין 1952 יאָר האָבן באַוויזן, אַז די שטאָטישע באַפעסטיקונגען, וואַלן (20 מ. די ברייט און 12 מ. די הויך). האָבן זיך געצויגן אויף 3,5 קמ. עס ווערט אָנ־געגעבן, אַז עס האָט עקזיסטירט אַ „יידישער טויער" (זשידאָווע) און אַ יידישער שטאָט־פּערטל אין ראַיאָן פון איצטיקן היי־מאַרק (לעמבערגער פּלאַץ). אין 1113 יאָר ווערט דערמאָנט, אַז בעתן אויפשטאַנד פון דער באַפעלקערונג קעגן דעם פירש־טלעכן רב אלוף פּוציאַטאַ („טיסיאַצקי"), וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט סוויאַטאָפּאָלקן, האָט זיך דער המון געווענדעט אויך קעגן יידן און צעראַבעוועט זייערע הייזער. פון דעם איז צו דרינגען, אַז די יידישע הייזער האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון פּוציאַטאַס הויף, אָבער דאָס איז נישט זיכער. די באַוועגונג האָט בעצם נישט געטראָגן קיין אויסשליסלעך אַנטי־יידישן כאַראַקטער, נאָר איז געווען געווענדעט קעגן די פעאָדאַלע שפּיצן אין שייכות מיטן פּאַרטיי־קאַמף צווישן די גרופּירונגען פון סוויאַטאָפּאָלק איזיאַסלאַוואָוויטש און וולאַדימיר מאָנאָמאַך, בעת וועלכן מען האָט אין אייגענע

אינטערעסן אויסגענוצט די אומצופרידנקייט פון די פאָלקס־מאַסן. דאָס, פאַרשטענדלעך, ענדערט אָבער נישט דעם פאַקט, אַז דער אָנפאַל, פון וועלכן ס'האָבן געליטן מסתמא נישט נאָר די רייכע יידן, פאַרבונדענע מיט דער פירשטלעכער אַד־מיניסטראַציע, איז געווען דער ערשטער פּאָגראָם אויף יידן אין דער רוסישער געשיכטע. דאָס וואָס דער בונט איז פאָרגע־קומען אין חודש אַפּריל, האָט מסתמא נישט געשפּילט קיין ספּעציעלע ראָל און קיין סימנים פון רעליגיעזער אַגיטאַציע קעגן יידן אין שייכות מיט פסח געפינען מיר דאָ נישט.
אין 1124 יאָר — גיט אָן די רוסישע כראָניק — איז אויס־געבראָכן אין קיעוו אַ גרויסע שרפה, בעת וועלכער עס זענען פאַרברענט געוואָרן פיל מאָנאַסטירן און דער יידישער שטאָט־טייל. אין 1146 יאָר איז אין ראַיאָן פון „יידישן טויער" פאָר־געקומען אַ שלאַכט צווישן צוויי פּרעטענדענטן אויפן קיע־ווער גרויספירשטלעכן טראָן: איגאָר אָלגאָוויטש און איזיאַס־לאַוו מסטיסלאַוואָוויטש.

וועגן געשמדטע יידן קריגספירער און באַאַמטע פון פירשט אַנדריי באָגאָליובסקי, וועלכער האָט געוועלטיקט אין ראָס־טאָוו־סוזדאַלער קאַנט און אגב אין 1169 יאָר פאַרנומען קיעוו, גיבן געוויסע רמזים די דערציילונג פון היפּאַטיעווער כראָ־ניק, ווו איינעם פון די אָנטיילנעמער פון דער פאַרשווערונג קעגן פירשט אין 1174 יאָר, דעם מאַזשאַרדאָם („קלוטש־ניק") אַמבאַל יאַסין, ד. ה. דעם אָסעטינער, ווערט פאָרגע־וואָרפן, אַז ער איז אַ הערעטיקער און „זשידאָווין". דאָרטן ווערן אויך דערמאָנט צווישן דער באַפעלקערונג באָלגאַרן, יידן און געצנדינער. דעריבער קאָן מען מיינען, אַז אין באַ־צוג צו די אָנטיילנעמער פון דער פאַרשווערונג ווענדעט אָן

דער פאַרשטייער פון די קירכלעכע ספערן אַ רעאַלע באַשול־דיקונג אין צוגעהעריקייט צו דער יידישער אמונה און מיר האָבן דאָ נישט צו טאָן, ווי עס וואָלט זיך געקאָנט אויסדאכטן, מיט אַ ליטעראַריש־רעטאָרישן מאָטיוו.

דער יידישער האַנדל און מלאכה אין אַלט־רייסן

מסתמא הויפטזעכלעך מיט דער האַנדלס־טעטיקייט פון די כוזרישע יידן זענען פאַרבונדן די גרויסע פונדן פון אַראַ־בישע זילבער־געלט אין קיעוו. נאָך אין 1706 יאָר האָט מען ביים בויען די נייע פעטשאָרער פעסטונג געפונען 2380 קו־פישע מטבעות, וועלכע דער אוקראַינישער העטמאַן מאַזעפּאַ האָט איבערגעשיקט קיין פעטערבורג. אין 1851 יאָר האָט מען ביים בויען די נייע פעסטונג ביים דניעפּר נישט ווייט פון אַסקאָלדס קורהאַן געפונען איבער 1000 (לויט אַנדערע ידיעות — אַפילו 2 — 3 טויזנט) מזרחדיקע מטבעות, וועל־כע זענען זיך צעפלאָסן איבער פאַרשידענע קאָלעקציעס (400 איז אַריין אין דער ערמיטאַזש־קאָלעקציע). זיי שטאַמען אַלע פון מיטל־אַזיע פון די יאָרן 776 — 906 און באַווייזן, אַז דער אוצר איז באַהאַלטן געוואָרן נישט פריער, ווי אין ערשטן פערטל פון X י״ה. אין 1863 יאָר אויפן פאַדאָל אויפן בית־עלמין פון דער יאָרדאַן־צערקווע אויף אַ טיפעניש פון 1,5 מ. האָט מען געפונען אַן אוצר פון 192 זילבערנע קופישע מטבעות און אַנדערע זילבערנע צירונגען, וועלכע געפי־נען זיך איצט אין קיעווער היסטאָרישן מוזיי. די מטבעות באַציִען זיך כמעט אַלע צו די יאָרן 895 — 936. אין 1889 יאָר האָט מען ביי ערד־גראָבונגען געפונען אַ נייעם גרויסן אוצר פון קופישע געלטער, וועלכער איז פאַרפאַלן געוואָרן

כּמעט אינגאַנצן פאַר דער וויסנשאַפט. אַ גרויסער פונד איז געמאַכט געוואָרן אין 1913 יאָר אין גאָרטן אויף דער גרויס־פּאָדוואַלער גאַס, הויז נומ. 15. מען האָט דאָ געפונען אין אַ מעשענעם קעסל באַדעקט פון אויבן מיט וואַקס 1930 קו־פישע מטבעות, וועלכע וועגן צוזאַמען 8 קג. און 6 גאָל־דענע בראַסלעטן מיטן געוויכט פון 0,8 קג. די געלטער זע־נען דירהעמען פון די דינאַסטיעס אַבאַסידן (749 — 900) און קליין־אַזיאַטישע סאַמאַנידן. עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַזאַ מין פאַקט: די געפונענע מיטלאַזיאַטישע מטבעות באַ־ציען זיך צו דער ערשטער העלפט פון X י״ה. פריערע פונדן פון דעם מין טרעפט מען נישט אין קיעוו, בשעת אין דעם וואָלגע־אָקע געביט, געביט פון אויבערשטן דניעפּר און ראַ־יאָן פון דער אילמען־אָזיערע טרעפן זיי זיך פריער. מיר האָבן דאָ בשום ספק צו טאָן מיט אַ רעזולטאַט פון ענדע־רונגען אין די האַנדלס־וועגן און האַנדלס־פּאָליטיק נאָכן פאַלן פון דער כוזרישער גרויסמאַכט. אין די צייטן פון כוז־רישן וועלט־האַנדל איז דער צענטראַלער געביט ביים דניעפּר נישט געלעגן אויף דעם האַנדלס־שליאַך צווישן וואָלגע־גע־ביט און צפון־מזרח־אייראָפּע. אין X י״ה אין שייכות מיט דער איבערוואַנדערונג פון כוזרישע יידן קיין קיעוו, ווערט קיעוו אַ וויכטיקער צענטער פון טראַנזיט־האַנדל צווישן מיטל־אַזיע און מערב־אייראָפּע, אין וועלכן עס נעמען אויך אָנטייל מערב־אייראָפּעישע יידן, ווי מיר ווייסן דאָס פון אַ ריי ידיעות, למשל די רעלאַציע פון אבן־יאקוב. דער דאָזי־קער אויספיר קאָן אומדירעקט באַשטעטיקט ווערן אויך דורך דעם פאַקט, וואָס די מזרחדיקע מטבעות, וועלכע מען געפינט אַלס צירונגס־חפצים (מען פלעגט זיי טראָגן אויף שניר־לעך, מאַכן פון זיי אוירינגלעך־קליפּסן א״א) אין די באַגרע־

בענישן פון דער שטאָט קיעוו, באַציען זיך מיט נישטיקע אויסנאַמען צום אָנהייב אָדער מיטן פון X י״ה.

געוויסע קאַרגע ידיעות וועגן דעם עקאָנאָמישן שטאַנד פון יידישן קיבוץ אין אַלט־רייסן לאָזט זיך אַרויסשעפּן אויך פון די יידישע מקורים. שוין אין אַ ווערק פון קלונימוס בר שבתי פון רוים פון XI י״ה ווערט דערמאָנט דער האַנדלס־וועג פון קיעוו קיין רעגענסבורג אין דייטשלאַנד. אָבער נישט דורך קראָקע און פּראַג (דער דאָזיקער וועג איז באַשריבן פון איבראַהים־אבן־יאַקוב אין X י״ה), נאָר דורך קאַרפּאַטן־רוסלאַנד און אונגאַרן, עסטרייך. דער דאָזיקער וועג איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער רוסישער ממשלה נאָך דעם ווי די קיעווער פירשטן האָבן אין דער העלפט פון X י״ה אויס־געשפּרייט זייער פּראָטעקטאָראַט אויף די מערב־רייסישע שטעט ביז פּערעמישל, וועלכע ס'האָט ענדגילטיק אַנעקסירט וולאַדימיר דער גרויסער אין 981 יאָר. וויכטיקע פונקטן אויף דעם שליאַך זענען געווען לוצק, וולאַדימיר־וואָלינסק, טשער־וויען, סוטיערסק, דוויגאָראָד, בשכנות מיט וועלכן אין XIII י״ה אַנטשטייט לעמבערג, האַליטש, פּערעמישל, ר' קלונימוס דערמאָנט אַ געוויסן אברהם בר חיה פון רעגענס־בורג און זיין ברודער יעקב, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון רייסן מיט וועגענער באַלאָדענע מיט סחורות מיט נישט־יידישע און יידישע פורמאַנעס. פון אַ חיבור פון אליעזר בן נתן פון מיינץ אין XII י״ה דערוויסן מיר זיך, אַז שוין פון אַ לענגערע צייט פאָרן יידישע סוחרים קיין רייסן, וווּ זיי האַנד־לען מיט קליידער און אַנדערע סחורות, אַז אין פאַל פון האַלטן שבת אונטערוועגס, פלעגט מען פרייטיק אויפשטעלן פון די וועגענער אַרום לאַגער אַ מין צייטווייליקע באַפעסטיקונג (טאַ־באָר). ס'קאָן זיין אַז די סוחרים און רייזנדער האָבן איבערגע־

נומען דעם אופן פון פאַרטיידיקונג פון די סטעפּ־נאָמאַדן, ווי ס'וויזט דאָס סלאַווישע וואָרט „טאַבאַר", וועלכע איז מסתמא פון טיורקישן אָפּשטאַם, אַ גענויע אינפאָרמאַציע וועגן דעם האַנדלס־וועג האָט אונדז איבערגעלאָזט דער יידישער רייזנדער פון XII י"ה ר' פּתחיה פון רעגענסבורג, וועלכער האָט אַרום 1187 יאָר זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ וואַנדערונג קיין באַגדאַד און פּערסיע. ער האָט פון פּראַג, וווּ עס האָט געלעבט זיין ברודער, דורך פּוילן, קיעוו, לאַנד פון די פּאָלאָווצעס אין די דרום־רוסישע סטעפּעס, כוזרים־לאַנד אויף צפון־קאַווקאַז, טראַנסקאַווקאַז, מדי און פרס (איראַן), דערגרייכט באַגדאַד אין בבל (איראַק). דער דאָזיקער גרויסער האַנדלס־וועג האָט פאַרבונדן מערב־אייראָפּע מיט אַזיע.

אין שייכות מיט די אַקטיווע האַנדלס־באַציונגען צווישן די יידן אין אַלט־רייסן און מערב־אייראָפּע געפינען מיר אין דער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור אין מערב אַ ריי באַווייזן פון אַ גוטער קענטשאַפט פון די סלאַווישע שפּראַכן, וועלכע ווערן אָנגערופן שפת כנען. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פאָלקסטימלעכע איבערזעצונג פון וואָרט „סלאַוון" אויפגעפאַסט לויט דער קלאַנג־ענלעכקייט אַלס „סקלאַוון" (שקלאַפן). אַזוי ווי אין דער יידישער טראַדיציע אונטערשיידט מען אַן עבד עברי פון עבד כנעני, האָט מען די באַצייכענונג סלאַוון־סקלאַוון איבערגעגעבן דורך כ נ ע ן. שוין ביי רש"י פון טרואַ (1040—1105) געפינען מיר אייניקע סלאַווישע ווערטער. אין אָקספאָרד אין דער באָדלעיאַנאַ־ביבליאָטעק געפינט זיך אַ בריוו פון דעם ראש־הקהל פון דעם יידישן קיבוץ אין סאַלאָניקי פון XI י"ה ווו עס ווערט דערמאָנט אַ ייד פון רוסלאַנד, וואָס קען נישט לשון קודש, נישט גריכיש און נישט אַראַביש, און נאָר סלאַוויש. עס ווערט געבעטן ביי די יידישע

קהילות אויף די עגעישע אינדזלען צו זיין אים בייהילפיק, ווייל ער האָט בדעה צו רייזן קיין ארץ־ישראל.

צווישן די צעראַמישע אויסאַרבעטונגען פון די אַלט־קיע־ווער באַלמעלאָכעס זענען באַקאַנט געוואָרן גרויסע ליימענע אַמפאָרעס (אַ מין פעסלעך) צו מאַגאַזינירן תבואה. אַזוינע אַמפאָרעס זענען געפונען געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער, ווו עס זענען אַמאָל געווען פריוואַטע וווינונגען, ווירטשאַפטלעכע געביידעס פון די מאָנאַסטירן, פירשטלעכע באַלעבאַטישקייטן א״א. די אַמפאָרעס טראָגן אויף זיך אַלטרויסישע אויפשריפטן, איינצלנע סלאַווישע אותיות, פירשטלעכע צייכנס, צייכנס פון פריוואַטע אייגנטימער און שטעמפלען פון די טעפערס אויפן דעק. צווישן די דאָזיקע צייכנס וואַרפט זיך אין די אויגן צוויי העברעישע אותיות ש ל, אמת, אויסגעקריצט מיטן קאָפּ אַראָפּ און פון לינקס אויף רעכטס, אויב דער פראַגמענט איז אין דער אויסגאַבע פון פראָפ. קאַרגער ריכטיק פאַרגעשטעלט (נומ. 107). אַזוי ווי דער פראַגמענט איז אָפּגעבראָכן האַרט ביים אות „ל״, קאָן מען מיינען, אַז דאָ איז געווען אָנגעשריבן דער אָנהייב פון אַ נאָמען זכר, למשל: של(מה), של(ום) א״א. צווישן די שטעמפלען (וואַרשטאַט־מאַרקע) דערמאָנט איינער (נומ. 118, ערשטער צייכן אין דער צווייטער ריי פון לינקס) די א. ג. לאַבירינט־צייכענונגען אָדער שטאָט־פּלאַן, וואָס מיר טרעפן אויף אייניקע ציגל פון סאַרקעל (זע אויבן ז׳ 87). צום טיפּ פון אַלאַניש־כוזרישע טאַמגעס דערנעענטערן זיך אויך די צייכנס נומ. 120 (ערשטער צייכן פון לינקס) און 121. עס איז בשום ספק, אַז צווישן די אייגנטימער, ווי אויך טעפערס, וואָס האָבן אויסגעפאַרטיקט די אַמפאָרעס, האָבן זיך געפונען קיעווער יידן, וועלכע האָבן געקענט העברעיש, ווי אויך קיעווער יידן פון

כּוזרישן אָפּשטאַם, וועלכע האָבן דאָ געלעבט אין XI י״ה. אויף דער דאָזיקער תקופה ווייזן אָן די טעכניק און פאָרם פון די אָפּגעפונענע געפעסן.

כאַראַקטעריזירינדיק אין אַלגעמיינע שטריכן די לאַגע פון יידן אין אַלט־רייסן, מוז מען אונטערשטרייכן צוויי וויכטיקע מאָמענטן: (1 מיר געפינען דאָ נישט קיין סימנים פון קירכ־לעכע דעקרעטן געווענדעטע קעגן יידן, (2 מיר טרעפן נישט קיין ספּעציפישע פּריווילעגן פאַר יידן, ווי דאָס איז געווען אָנגע־נומען אין מיטלאַלטער אויפן מערב. דאָס לאָזט זיך דערקלערן נאָר מיט דעם, וואָס ביזן XII י״ה האָט די יידישע באַפעל־קערונג געגאָסן פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג און די רעכט־לעכע לאַגע פון פאַרשיידענע שיכטן פון דער יידישער באַ־פעלקערונג האָט באַשטימט די אַלגעמיינע געזעצגעבונג. אין שייכות מיט דעם קאָן מען באַהויפּטן, אַז די פּאַראַגראַפן פון אַלט־רוסישן רעכט, וועלכע באַשטימען די לאַגע פון סוח־רים אין זין פון פּערזענלעכער זיכערקייט (די הויך פון אויס־קויף־געלט פאַר דער הריגה פון אַ סוחר איז 40 גריוונעס, דאָס זעלבע ווי פאַר אַ רוס, סלאַוו, פירשטלעכן קריגער און באַאַמטן) און אין זין פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר האַנדלס־און פינאַנס־אָפּעראַציעס (עס ווערט, למשל, פאַרווערט אָנצו־ווענדן געוואַלט לגבי סוחרים, וועלכע האָבן אין רעזולטאַט פון אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע אָדער מיליטערישן אָנפאַל אָנגעווירן סחורות, וועלכע מען האָט זיי אָנגעטרויט אין קרעדיט) באַ־ציען זיך אויך צו יידן. דאָס זעלבע איז מסתמא געווען אויך נוגע אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, צווישן וועלכע עס זענען געווען יידן (באַלמעלאָכעס, קריגער). מען קאָן באַ־הויפּטן, אַז צווישן די סטעפּ־נאָמאַדן פון טיורקישן אָפּשטאַם, וועלכע די רוסישע פירשטן האָבן אין XI, XII י״ה באַזעצט

אַלס מיליטערישע קאָלאָניסטן אין באַסיין פון טייך ראָס און בשכנות (יוריעוו, טאָרטשעסק, פּערעיאַסלאַוו) זענען געווען יודאַיזאַנטן. וועגן דעם, אַז צווישן די פּאָלאָווצעס אין XII י״ה זענען געווען אָנהענגער פון יהדות, דערציילט די גבית־עדות פון ר׳ פּתחיה פון רעגענסבורג, וועלכער האָט דורכגערייזט אין די יאָרן אַרום 1187 די דרום־רוסלענדישע סטעפּעס אויפן וועג קיין באַגדאַד.

דאָס קולטורעלע לעבן

די געשיכטע פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער קול־טור אין דער צייט פון ניינטן ביזן צוועלפטן יאָרהונדערט איז כמעט נישט באַקאַנט. געווייינלעך האַלט מען, אַז היות ווי די קוועלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין דער דאָזיקער עפּאָ־כע זענען זייער קאַרגע, זענען ממילא אויך נישטאָ קיין ידיעות וועגן זייער קולטור. פּאַקטיש איז עס נישט אַזוי. גראָד צו דער יידישער קולטור־געשיכטע פון דער דאָזיקער צייט האָבן מיר יאָ קוועלן.

דער יידישער ישוב אין דער קיעווער מדינה איז געווען אַקטיוו אויך אין גייסטיקן זין. דאָס וואָס איז באַקאַנט פון יידישע מקורים באַציט זיך צום XII י״ה. מיר קאָנען אַ ריי געלערנטע, וועלכע האָבן געשטאַמט פון אַלט־רייסן און גע־האַט קאָנטאַקטן מיט די יידישע קהילות אין מזרח און מערב. אַ געוויסער מ ש ה פ ו ן ק י ע ו ו ווערט דערמאָנט אין ווערק פון יעקב תם פון טרואַ (געשטאָרבן אין 1171 יאָר). עס קאָן זיין, אַז מיט אים איז אידענטיש ר׳ משה תקו, אַ מחבר פון אַ פּאָלעמיש ווערק קעגן רמב״ם און זיין „משנה תורה״

(סוף פון XII י״ה). אין אַ פראַגמענט פון דעם ווערק רעדט זיך וועגן דעם, אַז דער ספר איז געקומען פון בבל קיין רייסן און פון דאַנען קיין רעגענסבורג. עס איז אויך באַקאַנט אַ גע־לערנטער ר׳ א י צ ע פ ו ן ט ש ע ר נ י ג אָ ו, וועלכן אין די יאָרן אַרום 1180 זעען מיר אין ענגלאַנד און שפּעטער אין רעגענסבורג. עס קאָן זיין, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַקטיווע קולטורעלע באַציונגען צווישן די יידישע קיבוצים אין אַלט־רייסן און מערב־אייראָפּע, עס קאָן אויך זיין, אַז אין צו־זאַמענהאַנג מיט די אינערלעכע מהומות אין אַלט־רייסן אין די צייטן פון פירשט אַנדריי באָגאָליובסקי האָבן געוויסע יידן עמיגרירט פון רייסן קיין מערב. אַחוץ דעם באַזיצן מיר אַ ריי וויכטיקע ידיעות וועגן די קולטורעלע קאָנטאַקטן צווישן יידן און זייערע שכנים, אָנהייבנדיק פון דער כוזרישער תקופה אָן.

די יידישע־סלאַווישע קולטורעלע קאָנטאַקטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעקניפּט נאָך אין דער כוזרישער תקופה סיי אין קרים (כערסאָנעס), סיי אין די לענדער ביים דניעפּר (קיעוו), נעמען אָן זייער אינטענסיווע פאָרמען אין דער אַלטער קיעווער מלו־כה. אַדאַנק די דאָזיקע קאָנטאַקטן האָבן מיר טאַקע אין אונ־דזער רשות אַ ריי ידיעות וועגן דער דעמלטיקער יידישער קול־טור. דאָס זענען נישט קיין דירעקטע ידיעות, נאָר אַזוי צו זאָגן, אָפּשפּיגלונגען בלויז („נעגאַטיוו־אָפּדרוקן", אויפן פאָטאָגראַ־פישן לשון) פון דער יידישער קולטור אין אַלט־רוסישע ליטע־ראַטור־דענקמעלער. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן איבערזעצונגען, איבערדערציילונגען, ציטאַטן און אַנדערע שפּורן פון יידישע קולטור־איינפלוסן, וועלכע גיבן אונדז אַ מעגלעכקייט צו רע־קאָנסטרואירן געוויסע מאָמענטן פון דעם יידישן קולטור־לעבן אין דער דאָזיקער תקופה.

הגם געוויסע בולטע פאַקטן זענען דאָ פעסטגעשטעלט גע־

וואָרן נאָך אין סוף פון XIX און אין אָנהייב XX י"ה. האָט זיך אָבער די ווייטערדיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף דעם גע־ביט פּאַקטיש אָפּגעשטעלט, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַ ריי פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע און דילעטאַנטישע אַרבעטן אויף די דאָזיקע טעמעס, ווי, למשל, פון ב אַ ר אַ צ ן, נישט האָבנ־דיק דורכגעמאַכט קיין שטרענגע פילאָלאָגישע שול, האָט דער דאָזיקער מחבר דערפירט צו אַן אַבסורד דעם מעטאָד פון אָפּ־הענגיקייט פון ליטעראַרישע מאָטיוון. ער האָט זיך באַמיט צו דערווייזן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אַזעלכע אַלט־רוסישע און העברעישע ליטעראַרישע דערציילונגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר, אין תוך גענומען, מעשיות פון אַ פאָלקלאָרישן אָפּשטאַם, וואָס מען געפינט ביי פאַרשיידענע פעלקער.

ערשט אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך באַוויזן אַ ריי אַר־בעטן, הויפּטזעכלעך פון פראָפ. ב. מ י ע ש ט ש ע ר ס ק י, וועלכע עפענען באמת אַ ניי קאַפּיטל אין דער פאָרשונג פון דער יידישער קולטור־געשיכטע אין XII—IX י"ה אין מזרח־אייראָפּע.

שפורן פון דער יידיש־כוזרישער ליטעראַטור

אויפן פאָן פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַציונגען צווישן די יידישע כוזרים און די מזרח־סלאַוון אַנטשטייען אויך געוויסע קאָנטאַקטן אויפן געביט פון קולטור און אידעאָלאָגיע. די יידישע רעליגיע און רעליגיעזע ליטעראַטור דרינגט אַריין פון כוזרים־לאַנד און פון די קרימער האַנדלס־שטעט קיין קיעוו און די כוזרישע יידן („זשידאָוויע קאָזאַרסטיאַי") ווערן אין קיעוו אַזאַ באַדייטנדיקער כוח, אַז אין 986 יאָר טרעטן זיי אַרויס אין דער רעליגיעזער דיסקוסיע, וועלכע

איז געוואָרן איינגעאָרדנטביים הויף פון גרויספירשט וולאַדי־מיר. אין שייכות מיט דעם דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף דער אַלט־רוסישער ווערסיע וועגן דעם רעליגיעזן דיספוט און דאָס אָננעמען פון קריסטנטום דורך וולאַדימירן. די באַשרייבונג פון דעם דאָזיקן עפּיזאָד, וועלכער פיגורירט נישט אין דעם עלטסטן וואַריאַנט פון דער אַלט־רוסישער כראָניק, איז אָנגעשריבן געוואָרן לויטן מוסטער פון אַן ענלעכער דערציילונג, וועלכע האָט געקרייזט צווישן די כוזרישע יידן און וועלכע האָט געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין דעם בריוו פון דעם כוזרישן מלך יוסף פון X י״ה און אין „ספר הכוזרי״ פון יהודה הלוי פון XII י״ה. אַ גאַנצע ריי פּרטים חזרן זיך איבער סיי אין דער יידיש־כוזרישער לעגענדע וועגן בולאַנען, סיי אין דער דערציילונג פון דער אַלט־רוסישער כראָניק וועגן וולאַדימירן, ווי, למשל, דער אַרגומענט, אַז די קריסטלעכע רעליגיע איז בולאַנען נישט באַקאַנט, ווייל ער האָט זיך אין איר נישט דערציגן (וולאַדימיר זאָגט צו די פאָרשטייער פון קאַטאָליציזם עפּעס ענלעכעס), אָדער די באַמערקונג, אַז מען דאַרף פאַרזעצן די חקירה וועגן די אמונות, וואָס בולאַן מאַכט דעם פאָרשטייער פון דער קריסטלעכער רעליגיע און וולאַדימיר דעם גריכיש־ביזאַנטינישן פילאָזאָף. דאָ וואַרפט זיך אין די אויגן פאָלגנדעס. דער ערשטער אַרגומענט איז בכלל פון דעם מין, מיט וועלכן מען האָט געקאָנט פּטור ווערן פון יעדערע פון די דריי פאַר־געלייגטע רעליגיעס, נאָר בולאַן זאָגט אים אַרויס פונדעסט־וועגן נאָר אין באַצוג צום קריסטנטום (וואָס פאַר אַ סיבות האָבן אים צו דעם געשטויסן, איז דאָ פאַר אונדז נישט זייער וויכטיק) און דער מחבר פון דער רוסישער ווערסיע,

פאָלגנדיק פינקטלעך דעם יידיש־כוזרישן טעקסט, לייגט אַריין די זעלבע רייד אין מויל פון וולאַדימירן אין באַצוג צו דער קריסטלעך־קאַטוילישער (דייטשישער) אמונה. נאָר בולטער טרעט אַרויס די אָפּהענגיקייט פון רוסישן וואַריאַנט פון דעם יידיש־כוזרישן אין דעם צווייטן פּרט. בולאַן מאַכט די באַמערקונג וועגן דער נויטווענדיקייט פאָרצוזעצן דעם דיספּוט טאַקע דעם פאָרשטייער פון קריסטנטום, וועמענס רעליגיע ער וואַרפט אָפּ (דאָס איז לאָגיש!), וולאַדימיר אָבער זאָגט דאָס זעלבע נאָכן אַרויסטריט פון דעם גריכישן געלערנטן, אין וועמענס גלויבן ער קלייבט זיך פּאַקטיש אַריבערצוגיין (!!). נאָר אין רעזולטאַט פון אַ מעכאַנישער איבעראַרבעטונג פון יידיש־כוזרישן טעקסט האָבן געקאָנט אַנטשטיין אין דער רוסישער ווערסיע אַזעלכע אומקאָנסעקווענצן. אַזוי אַרום באַווייזן די דאָזיקע פּרטים בפירוש, אַז צווישן די ביידע דערציילונגען עקזיסטירט אַ ליטעראַריש־היסטאָרישע קאָנטינואיטעט און אַז דער מחבר פון דעם באַהאַנדלטן עפּיזאָד אין דער אַלט־קיעווער כראָניק איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער דעמאָלטיקער יידיש־כוזרישער ליטעראַטור, וועלכע איז ליידער כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

פאַר אַ כוזרישער לעגענדע האַלט מען אויך די דערציילונג פון דער רוסישער כראָניק וועגן דעם אָנהייב פון דער איבערהערשאַפט פון די כוזרים איבער קיעוו. די לעגענדאַרע ברידער קיאי, שטשעק און כאָריוו — דאַרף מען זאָגן — טראָגן נעמען, וועלכע מען קאָן נישט דערקלערן מיט דער הילף פון די סלאַווישע שפּראַכן. דאָס באַווייזט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט נישט־

ס ל אַ װ י ש ע ע ט נ י ש ע ע ל ע מ ע נ ט ן. אינטערע־סאַנט, אַז די כוזרים גופא װערן כאַראַקטעריזירט אַלס דער שטאַם, צו װעלכן עס געהערן די לעגענדאַרע גרינדער פון קיעװ. אין דער כראָניק װערט דערציילט, אַז אויף דער פראַגע פון אַסקאָלד און דיר: װעמענס איז דאָס דאָזיקע שטעטל...... און מיר זיצן דאָ, צאָלנדיק מעשר זייער שטאַם (קרובים), די כוזרים". אין אַלט־רוסישן טעקסט שטייט דאָס װאָרט „ראָד" (שטאַם) אָנשטאָט „ראָדיטשי" (קרובים). װייטער האָט זיך צו דער לעגענדע אָנגעשלאָסן אַ פּאָליאַנישע (אַלט־רוסישע) װערסיע װעגן דער באַפרייונג פון דער כוזרישער הער־שאַפט אין דער פאָרם פון א מעשה װעגן די שװערדן, װאָס די פּאָליאַנער האָבן געגעבן אַלס מעשר פון יעדן הויז, װען די כוזרים זענען צו זיי געקומען נאָכן טויט פון די דריי ברי־דער. די דאָזיקע װערסיע שטאַמט מסתמא אָפּ פון אַ פּאָליאַ־ניש פאָלקס־ליד, װעלכעס איז אַנטשטאַנען שוין נאָך דער באַפרייונג פון דער כוזרים־הערשאַפט. די כוזרישע לעגענדע — גלויבן מיר — איז געקומען קיין קיעװ, אָן שום ספק, צו־זאַמען מיט די כוזרישע יידן, װעלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט און געלעבט. אַדאַנק דער פאַרמיטלונג פון די יידישע קרייזן איז די דאָזיקע לעגענדע געװאָרן באַקאַנט צװישן די מחברים פון די אַלט־רוסישע כראָניקעס, װעלכע האָבן זי אויסגענוצט אין זייערע װערק.

אינטערעסאַנט, אַז די לעגענדע װעגן די דריי ברידער און די גרינדונג פון קיעװ האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג ביים אַר־מענישן היסטאָריקער פון VIII י"ה זענאָב גלאַק, װעלכער דערציילט װעגן דער גרינדונג פון דער שטאָט קואַר (קיעװ) אין לאַנד פון פּאָלוני (פּאָליאַנער) דורך דריי ברידער קואַר, מעלטער און כאַרעאַן. עס שיינט, אַז די לעגענדע צום אַרמע־

נישן געשיכטלער איז געקומען אַדאַנק דער כוזרישער פֿאַר־מיטלונג און שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אָפּשפּיגלונג פֿון אינטע־רעס פֿון די אַרמענער צו דער כוזרישער טעמאַטיק. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אין VIII י״ה האָבן די כוזרים געפֿירט אַקטיווע מלחמות אין טראַנסקאַווקאַז און מען האָט זיך מיט זיי שטאַרק אינטערעסירט אין די געביטן, בשעת דער אינטע־רעס צו די סלאַוון, טראָץ דער מיינונג פֿון געוויסע פֿאָרשער, האָט נישט געקאָנט טראָגן אַזאַ מין פּאָליטישן כאַראַקטער און איז ווייניקער וואַרשיינלעך, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז צו דער זעלבער צייט באַציט זיך אַ לעגענדאַרע דערציי־לונג וועגן מלחמות פֿון די אַרמענער מיט צפֿונדיקע שבֿטים, אין וועלכע מען דאַרף זען אָן שום ספֿק כוזרים.

די עלטסטע יידיש־רוסישע קולטורעלע קאָנטאַקטן

די עלטסטע יידיש־רוסישע קולטורעלע באַגעגענישן דאַ־טירן זיך מיטן IX י״ה און באַציען זיך צו כ ע ר ס אָ נ ע ס אין קרים, וועלכער איז דעמלט געווען אַ באַדייטנדיקער יידי־שער צענטער. אַרום 860 יאָר האָבן כערסאָנעס באַזוכט די דרום־סלאַווישע געלערנטע און מיסיאָנערן צ י ר י ל (קאָנ־סטאַנטין) צוזאַמען מיט זיין ברודער מ ע ט אָ ד י ו ס, וועלכע זענען געפֿאָרן קיין כוזרים־לאַנד דורך קרים און אויפֿן וועג האָבן זיי זיך דאָ אָפּגעשטעלט. אינטערעסאַנט, אַז איינע פֿון די קירכלעכע לעגענדעס וועגן דער טעטיקייט פֿון די דאָ־זיקע סלאַווישע הייליקע אין כערסאָנעס וויס צו דערציילן אַזעלכע פּרטים: אין כערסאָנעס האָבן ציריל און מעטאָדיוס זיך אויסגעלערנט העברעיש און די העברעישע שריפֿט און

צעטיילט די גראַמאַטיק אויף אַכט חלקים. דאָ האָט אויך ציריל געפונען אַ שומרוני און אויסגעלערנט זיך לייענען שומרוני־שע ספרים. די דאָזיקע פרטים, ווי מיר וועלן זען ווייטער געפינען אַ קאָנקרעטע באַשטעטיקונג אין דער געשיכטע פון עלטסטן רוסישן אלף־בית.

עס איז באַקאַנט, אַז די עלטסטע סלאַווישע האַנטשריפטן זענען אָנגעשריבן מיט צוויי פאַרשיידענע אלף־ביתן. איינער הייסט „צ י ר י ל י ש ע ר" (צי לויטן נאָמען פון דעם הייליקן צ י ר י ל — קאָנסטאַנטין פילאָזאָף, איז נישט זיכער), און דער צווייטער טראָגט דעם נאָמען „ג ל אַ ג אָ ל י־ט י ש ע ר" אלף־בית. דער טערמין „גלאַגאָליטישער" באַדייט בכלל „אלף־בית". היות, ווי די סלאַווישע האַנטשריפטן און אויפשריפטן שטאַמען אָפּ, אָנהייבנדיק פון סוף IX י"ה. איז געווי נישט באַקאַנט, וועלכן פון די אויבנדערמאָנטע אלף־ביתן האָט ציריל באמת געשאַפן, ווי עס דערציילט זיין לעבנס־באַשרייבונג, און וועלכער פון די אלף־ביתן איז באמת דער עלטסטער.

לויט אַ גאַנצער ריי סימנים האַלט מען אין דער וויסנ־שאַפט, אַז די „גלאַגאָליטישע" שריפט איז דער עלטסטער סלאַווישער אלף־בית. אַזוי, למשל, האָבן געוויסע „גלאַגאָ־ליטישע" צייכנס זיך דיפערענצירט אין דער „צירילישער" שריפט (פון איין צייכן איז געוואָרן צוויי), די „צירילישע" שריפט האָט געענדערט דעם אויסזען פון די „גלאַגאָליטישע" צייכנס, צוגעבנדיק זיי אַ געאָמעטרישע פאָרם אא"וו. מען האַלט, אַזביידע אלף־ביתן שטאַמען אָפּ פון ג ר י כ י ש ן, ווי עס באַווייזט טאַקע דער ריין פּאַלעאָגראַפישער אַנאַליז פון די אותיות. די פראַגע איז נאָר, צי שטאַמען אָפּ דירעקט פון גריכישן אלף־בית אויך די צייכנס פאַר אַזעלכע קלאַנגען,

וועלכע זענען נישטאָ ביי די גריכן (למשל, צ, ש, טש, שטש). פריער האָט מען געהאַלטן, אַז אַבסאָלוט פאַר אַלע אותיות פון די סלאַווישע אלף־ביתן קאָן מען געפינען פ ר אָ ט אָ־ ט י פ ן אין דער גריכיש־ביזאַנטינישער שריפט פון VIII — IX י"ה. דערביי פאַרגלייכט מען די „צירילליצע" מיט דער קאַליגראַפישער גריכישער אונציאַלער שריפט, און די „גלאַ־ גאָליצע" מיט דער גריכישער ק ו ר ס י ו ו ע (שנעל־ שריפט). שפּעטער האָט מען געפּרוווט אַרויספירן די „גלאַגאָ־ ליטישע" שריפט פון די גערמאַנישע רונען, פון אַרמענישן און גרוזינישן אַלפאַבעט און פון די כוזרישע צייכנס. יעדעס מאָל פלעגט מען אַרויסגיין דערביי פון דעם פאַקט פון פאַרמעלער ענלעכקייט פון די אותיות, נישט שטעלנדיק די פראַגע וועגן די ה י ס ט אָ ר י ש ע ב אַ ד י נ ג ו נ־ ג ע ן, אין וועלכע אַזאַ מין קאָנטאַקט האָט געקאָנט פאַרקו־ מען. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע טעאָריעס זענען אָפּגעוו־ וואָרפן געוואָרן סיי צוליב פּאַלעאָגראַפישע, סיי צוליב היס־ טאָרישע טעמים. וואָס איז שייך דער כוזרישער שריפט האָט זי גאָר אַן אַנדער אָפּשטאַם (זע אויבן ז' 91). דער גרוזי־ נישער אלף־בית גאָך די גרויסע אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען אין דער אַנטיקער גרוזינישער הויפּטשטאָט מ צ כ ע ט אַ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ יורש פון דער אַראַמעישער שריפט. די מיינונג וועגן דעם, אַז געוויסע גלאַגאָליטישע אותיות שטאַמען פון דער ק אָ פּ ט י ש ע ר שריפט, אויף וועלכער עס האָט געשריבן די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון מצרים (לויטן אָפּשטאַם מצרים אין אונטערשייד פון די מאַכמעדאַנער־אַראַבער), האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק.

לעצטנס איז געוואָרן פּאָפּולער אַ טעאָריע, לויט וועלכער די „גלאַגאָליטישע״ שריפט זאָל דירעקט אָפּשטאַמען פון די רעטזעלהאַפטע סימנים פון דער א. ג. סאַרמאַטישער תקופה. אויף שטיינער, חפצים און צירונג פון די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער נ. צ. געפונען אין די געביטן ביים שוואַרצן ים, וווּ עס האָבן דעמלט געלעבט סציטן און סאַרמאַטן — פעלקער פון איראַנישן אָפּשטאַם — האָט מען באַמערקט אייגנאַרטיקע סימנים, וועלכע זענען אין אַ געוויסער מאָס ענלעך צו די אותיות פון דער „גלאַגאָליצע״. דאָס איז געווען באַוווּסט אויך פריער, אין סוף פון XIX י״ה, אָבער מען האָט געמיינט, אַז די ביידע מינים צייכנס (די געפונענע ביים שוואַרצן ים און די גלאַגאָליטישע) שטאַמען אָפּ פון די גערמאַנישע רונען, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. איצט פּרוּווט מען דעקלאַרירן דעם אָפּשטאַם פון די גלאַגאָליטישע אותיות פון די א. ג. סאַרמאַטישע צייכנס, נישט שטעלנדיק

אַפילו די פראַגע, פון וואַנען האָבן זיך די דאָזיקע צייכנס גענומען. מען דאַרף באַמערקן, אַז די דאָזיקע סימנים זענען פון אַ פאַרשיידענעם אָפּשטאַם, סיי כראָנאָלאָגיש און סיי עטניש. אַ טייל פון זיי שטאַמט אָפּ פון גריכישע ליגאַטורן (קאָמבינאַציעס פון צוויי אָדער דריי אותיות), אַ טייל ווידער פון אַרטיקע רונען אָדער בילדער־שריפט. אַלנפאַלס איז וויכטיק צו אונטערשטרייכן, אַז דער פאָנעטישער באַדייט פון די דאָזיקע צייכנס איז אַבסאָלוט נישט באַוווּסט און מעטאָדיש איז אַ דערקלערונג פון איין אומבאַקאַנטן (דער אָפּשטאַם פון דער „גלאַגאָליצע״) מיט דער הילף פון אַ צווייטן (די רעטזעלהאַפטע סאַרמאַטישע צייכנס) נישט זייער איבערצייגנדיק. פאַר אונדז איז ספּעציעל וויכטיק דער מאָמענט, וואָס די רעטזעלהאַפטע צייכנס פון די שטעט ביים שוואַרצן ים גיבן נישט קיין

איבערצייגנדיקע אַנאַלאָגיעס (אַחוץ פאַר Ш) פאַר די אותיות אין סלאַווישן אלף־בית, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אונטערן דירעקטן איינפלוס פון דער העברעישער גראַפיק. דעריבער בלייבט נאָך אַלץ אין קראַפט די ה ע ב ר ע י ש־ש ו מ־ר ו נ י ש ע ה י פ אָ ט ע ז ע װ ע ג ן אָ פּ ש ט אַ ם פ ו ן ד י נ י ש ט־ג ר י כ י ש ע צ יי כ נ ס פ ו ן דער „ג ל אַ ג אָ ל י צ ע" און „צ י ר י ל י צ ע".

וואָס מיינט מען דאָ קאָנקרעטער, איז צו זען פון דעם פאַרגלייך פון די סלאַווישע אותיות און זייערע העברעיש־שומרונישע פּראָטאָטיפּן. אַזוי, למשל, איז פאַר דעם „גלאַגאָליטישן" אות צ אָנגעווענדעט געוואָרן אַן „ענדע־צדיק", פאַרן אות Ш אַ „שין", פאַרן אות טШ — אַן אָנהייב־צדיק", פאַרן אות ק — אַ „קוף". פאַרן אות ע — אַ „ה". מען קאָן מיינען אַז די אָרדענונג פון די אותיות אין סלאַווישן אלף־בית גופא, ווו דער צ שטייט פאַרן Ш, איז גענומען פון העברעיש. עס איז אויך מעגלעך, אַז די ענלעכקייט צווישן די גלאַגאָליטישע אותיות ע. און ס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דאָ זעען מיר אַ קאָמבינאַציע פון צוויי אותיות, ווו איינמאָל האָבן מיר דעם „עין" אין דער הויך און דעם „סמך" פון אונטן און דעם צווייטן מאָל פאַרקערט, אויבן דעם „סמך" אין דער פאָרם פון אַ קרייז און דעם „עין" אַלס דרייעק פון אונטן.

אַ גאַנצע ריי סלאַווישע און רוסישע געלערנטע, אָנהייבנדיק פון ש א פ א ר י ק ן אין XIX י"ה און ענדיקנדיק מיטן באַקאַנטן מאָסקווער סלאַוויסט פּראָפ. ס י ע ל י ש ט ש ע װ, זענען געווען הייסע אָנהענגער פון דער דאָזיקער טעאָריע. אירע הויפּט־אַרגומענטן באַשטייען אין פאָלגנדיקס:
1) די פאָרם פון די סלאַווישע צייכנס צ, Ш א"א באַקומט אַ מאָטיווירטע דערקלערונג, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט אַנט־

שפּרעכנדיקע העברעישע און שומרונישע אותיות, 2) די קול־טור־היסטאָרישע באַדינגונגען פון דרום־רוסלאַנד אין IX י״ה ווייזן אַן אויף קרים אַלס איינע פון די וויגעלעך פון דער סלאַווישער שריפט און קולטור. דאָ, אין כערסאָנעס און קערטש, זענען געווען קאָנצענטרירט גריכן, יידן און סלאַוון, וועלכע האָבן צווישן זיך אין משך פון יאָרהונדערטער געהאַט לעבהאַפטע עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַציונגען, אָנהייבנדיק נאָך פון דער שפּעטאַנטיקער תקופה אָן. דעריבער דאַרף מען די האַלב־היסטאָרישע פאַקטן וועגן דער טעטיקייט פון צירילן אין כערסאָנעס נישט פאַרשטיין אין דעם זין, אַז ציריל האָט אויסגעטראַכט ביידע אַלף־ביתן אָדער לכל הפחות איינעם פון זיי (לאָמיר זאָגן, די „צירילּיצע״), עס איז גיכער פון אַלץ, אַז ציריל האָט זיך באַקאַנט אין כערסאָנעס מיט אַן אָרטיקן סלאַווישן אַלף־בית (אין זיין לעבנס־באַשרייבונג ווערן דערמאָנט רוסישע אותיות, מיט וועלכע עס זענען געוואָרן געשריבן אַפילו ביכער אין כערסאָנעס), וועלכער איז אַנטשטאַנען אויף דער באַזע פון דער גריכישער גראַפיק מיט דעם צוגאָב פון געוויסע צייכנס גענומענע פון העברעישן אַלף־בית און האָט פּאָפּולאַריזירט די דאָזיקע שריפט, אפשר אויסגעבעסערט אויך אַזוי אַז זי האָט גיך געקראָגן אַ פאַרשפּרייטונג צווישן דער סלאַווישער באַפעלקערונג נישט נאָר פון מזרח־נאָר אויך פון צענטראַל־און דרום־אייראָפּע אין די היסטאָרישע באַדינגונגען פון איבערגאַנג צו דער קריסטלעכער אמונה און פאָרמירונג פון דער פעאָדאַלער מלוכהשאַפט. דאָס איז געווען די „גלאַגאָליצע״ אין דער פאָרם, אין וועלכער זי איז באַקאַנט פון די האַנטשריפטן, שפּעטער, אונטערן דרוק פון ביזאַנץ, איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער אַלף־בית פאַר די סלאַוון, די א. ג. „צי־

רילּיצע״, וועלכע מיט איר ענלעכקייט צו דער גריכישער שריפט, האָט געדאַרפט דעמאָנסטרירן די פּאָליטישע שטרעמונגען פון ביזאַנץ אַוועקצושטעלן אונטער איר קאָנטראָל די קולטור פון די סלאַווישע פעלקער. אַלנפאַלס, ווי דאָס זאָל נישט זיין, זענען אויך אין דער „צירילישער״ שריפט פאַרבליבן די העברעישע אותיות „צדיק״ און „שין״ פאַר צ און Ш.

. . . .

די באַהאַנדלטע פאַקטן באַווייזן קלאָר, אַז דער קולטורעלער קאָנטאַקט צווישן יידן און מזרח־סלאַוון אין כערסאָנעס איז נישט געווען קיין צופעליקע דערשיינונג, אַז גאָר פאַרקערט, דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ רעגלמעסיקן היסטאָרישן פּראָצעס, וועלכער האָט באַקומען אַ ברייטן פאַרנעם אין דער קיעווער תקופה.

אַזוי אַרום קומען מיר צו אַ וויכטיקן אויספיר, אַז צווישן די יידן און זייערע סלאַווישע שכנים האָט עקזיסטירט אַ רעגולערער קולטור־אויסטויש אָנהייבנדיק פון דער כוזרישער תקופה אָן. אַז דווקא אין דעם אויסטויש דאַרף מען זוכן די וואָרצלען פון דעם קולטורעלן מיקראָקלימאַט, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַנטשטייונגס־סביבה פון די אַלט־רוסישע איבערזעצונגען פון דער העברעישער ליטעראַטור.

די אַלט־רוסישע כראָניק און דער „ספר יוסיפון"

די אַלט־קיעווער ליטעראַטור, ווי מיר האָבן זיך איבער־צייגט, פאַרמאָגט אַ רייכן היסטאָרישן זשאַנר פון די אַזוי־גע־רופענע „ליעטאָפּיסן". דאָס זענען כראָניקעס און נישט קיין אַ נ אַ ל ן, כאָטש די נאָטיצן פון יאָר צו יאָר בילדן די הויפּט־קאַנווע, אויף וועלכער עס האָבן זיך אָנגעפּלאָסטעוועט פאַרשיידענע לעגענדעס, מעשיות און דערציילונגען, בילדנדיק איין גאַנצעס. די עלטסטע דערגאַנגענע ווערסיעס פון דער אַלט־רוסישער כראָניק זענען די ל אַ וו ר ע נ ט י ש ע (1377 יאָר) און די ה י פּ אַ ט י ע וו ע ר (20־ער יאָרן פון XV י"ה), צו וועלכע מיר וועלן זיך נאָך אומקערן. די מחברים פון די כראָניקעס זענען געווען פאַרבונדן מיט די קרייזן פון קיעווער פירשטלעכן הויף, כאָטש לויט זייער סאָציאַלער לאַגע זענען דאָס געווען גייסטלעכע, מאָנאַכן. אַזוי ווי אין זייערע הענט האָט זיך געפונען די דעמאָלטיקע וויסנ־שאַפט (שולן און ביבליאָטעקן ביי די מאָנאַסטירן), האָבן זיי אין זייערע שריפטן אויסגענוצט פאַרשיידענע ווערק פון אַ רע־ליגיעזן (קריסטלעכע ספרים, ווערק פון די קירך־פּאַטערס, לעבנס־באַשרייבונגען פון הייליקע) און וועלטלעכן כאַראַקטער (היסטאָרישע כראָניקעס, לעגענדאַרע ראָמאַנען און דערציי־לונגען, פאָלקס־עפּאָס א"א). צווישן די דאָזיקע ווערק, וועל־כע זענען אויסגענוצט געוואָרן דורך די מחברים פון די אַלט־רוסישע כראָניקעס געפינט זיך אַ ריי א י ב ע ר ז ע צ ו נ־ג ע ן פון פרעמדע שפּראַכן. ביז איצט האָט מען די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג

פון די ווערק, וועלכע זײַנען איבערגעזעצט אויף רוסיש פון גריכיש און שטאַמען פון ביזאַנץ (די כראָניקעס פון יאָהאַן מאַ־לאַלאַ פון VI י״ה און געאָרג האַמאַרטאָלאָס פון IX י״ה, די ראָמאַנען וועגן אַלכסנדר מוקדון, וועגן טראָיע, וועגן די גע־ניסן א״א), נישט שטעלנדיק כמעט די פראַגע וועגן איבער־זעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן (הויפּטזעכלעך פון די מזרחדי־קע). אמת, אַז די קרייזן, צו וועלכע עס האָבן געהערט די מחב־רים פון דער אַלט־רוסישער כראָניק, זײַנען געווען באַקאַנט מיט דער ייִדישער היסטאָרישער ליטע־ראַטור, זאָגט עדות אַ פראַגמענט פון „ספר יוסיפון“, וועלכן פּראָפ. מיעשטשערסקי האָט אויפסנײַ אַנטדעקט אין דער אַלט־רוסישער כראָניק, אין דער היפּאַטיעווער ווערסיע פון דער כראָניק אונטערן יאָר 1110 (6618 פון דער וועלט באַ־שאַפונג לויטן קירכלעך־רוסישן נוסח) ווערט דערציילט וועגן דעם חלום פון אַלכסנדר מוקדון, איידער ער האָט פאַרנומען ירושלים, בעת וועלכן עס איז צו אים געקומען אַ מלאך פון הימל און אים פאַרויס געזאָגט דעם זיג איבער די פּערסער. דער דאָזיקער עפּיזאָד שטימט אין אַ גאַנצער רײַ פּרטים מיט אַן ענלעכן פראַגמענט פון דער ייִדישער ווערסיע פון אַלכ־סנדר־ראָמאַן, וועלכע איז דערגאַנגען צו אונדז אין „ספר יוסי־פון“. דאָס איז אַ ווערק, וועלכעס איז אַנטשטאַנען אין איטאַל־יע אַרום X י״ה און שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין לעגענדאַרע וועלט־געשיכטע ביזן חורבן בית שני, אָנגעשריבן אויפן סמך פון דער לאַטײַנישער איבערזעצונג פון יוסף פלאַוויוסעס באַ־קאַנט ווערק „די ייִדישע מלחמה“, איבערזעצט דורך דעם מח־בר גופא אויף גריכיש נאָך אין I י״ה פון דער נ. צ. אמת, שוין פריער האָט מען אָנגעוויזן אויף דעם פּאַראַלעליזם צווישן דער דערציילונג אין דער היפּאַטיעווער כראָניק און אין „ספר יו־

סיפון", אָבער קיינער ביז פּראָפ. מיעשטשערסקי האָט נישט באַ־
וויזן מיט אַ פילאָלאָגישער אַרגומענטאַציע, אַז דער עפּיזאָד
איז אַ בפירושע איבערזעצונג פון העברעישן
טעקסט. אַז דאָס איז אַזוי, זעט מען פון צוויי מאָמענטן: 1) די
שפּראַך פון דער רוסישער איבערזעצונג באַווייזט געוויסע
„קאַלקעס" פון העברעישע אויסדרוקן און קאָנסטרוקציעס
(אונטערן טערמין „קאַלקע" פאַרשטייט מען אין דער שפּראַך־
וויסנשאַפט אַ ווערטלעכע איבערזעצונג), 2) אין רו־
סישן טעקסט געפינט מען שפּורן פון שרייב־פעלערן, וועלכע
קאָנען דערקלערט ווערן נאָר מיט דער הילף פון העברעישן אָרי־
גינאַל. אַזוי, למשל, געפינען מיר אין רוסישן טעקסט אַ פּראַ־
זעאָלאָגישן אויסדרוק „וראַטיליצע" (אין מער־
צאָל אין זין פון „וואָזנאַמיערלסיאַ" (ער האָט
בדעה געהאַט), וועלכער האָט איבערגעגעבן דעם העברעישן
טעקסט „ושם פניו. דער איבערזעצער האָט אָבער זיך
טועה געווען און איבערגעלייענט דעם ענדע־מם ווי אַ בית,
האָט זיך ביי אים באַקומען אַנשטאָט שם פניו גאָר שב
פניו און דערפאַר טאַקע האָט ער איבערגעזעצט „אומדריי־
ען דאָס פנים", אַנשטאָט „אָוועקלייגן" (שב־שם).

דער אַנאַליזירטער עפּיזאָד פון „ספר יוסיפון" איז אגב
נישט קיין איזאָלירטער פראַגמענט, נאָר אַ ברוכשטיק פון אַ
גאַנצער איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן בוך.
געוויסע טיילן פון אים זענען אַריינגעלידערט געוואָרן אין
פאַרשיידענע אַלט־רוסישע ווערק. אַזוי, למשל, געפינט זיך אַן
איבערזעצונג פון זעקסטן בוך „יוסיפון" אין דער צווייטער
רעדאַקציע פון דעם „גריכישן און רוימישן
כראָניקער" (אַ רוסישע וועלט־געשיכטע פון XIII
י"ה, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך אַן איבעראַרבעטונג פון אַ

ביזאַנטיניִשן אָריגינאַל) און טראָגט דעם טיטל „וועגן דער דריטער דעראָבערונג פון ירושלים דורך טיטוסן". אַ טייל פון דריטן בוך „יוסיפון" איז אַריינגעגלידערט אין אַ ווערק, באַ־קאַנט אונטערן טיטל „דאָס געפאַנגענע ירושלים". די קאָמ־פילאַציע איז דערגאַנגען צו אונדז אין דעם אַזוי גערופענעם אַ ק אַ ד ע מ י ש ן כ ר אָ נ אָ ג ר אַ ף (אַ שפּעטערדיק היסטאָריש ווערק פון דעם טיפּ פון אַ וועלט־כראָניק). אויך די אַלט־רוסישע טעקסטן וועגן „אליעזר און זייִנע זיבן ברידער" און „דער אויפשטאַנד פון מתתיהו הכהן", וועלכע עס האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן דער אַקאַדעמיקער א י ס ט ר י ן אַ באַקאַנטער פאָרשער אויפן געביט פון דער אַלט־רוסישער ליטעראַטור — זענען נישט קיין קריסטלעכע באַאַרבעטונגען פון די טעקסטן, ווי איסטרין האָט געמיינט, נאָר פּשוט בוכ־שטעבלעכע איבערזעצונגען פון העברעיִשן „יוסיפון". אין רוסישן טעקסט פון די דערציילונגען טרעפט מען אַפילו העב־רעיִשע ווערטער.

מען מיינט, אַז די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אין קיִעוו פון דעם העברעיִשן אָריגינאַל, וועלכן די אָרטיקע יידן האָבן געהאַט געקראָגן דירעקט פון מערב אָדער גיכער פון אַלץ דורך דער פאַרמיטלונג פון די כוזרישע יידן. דער אַזוי גערופענער „קעמברידזשער דאָקומענט" (זע אויבן ז' 6) ציטירט אַ סך מאָל דעם „ספר יוסיפון" און דאָס באַווייזט, אַז די כוזרישע יידן זענען געווען גוט מיט אים באַקאַנט און גע־האַט קולטור־פאַרבינדונגען מיט די יידן אין אַנדערע לענדער.

וועגן דעם, אַז די העברעיִשע ספרים אין קיִעוו זענען גע־קומען ביי דער מיטהילף פון די כוזרישע יידן, זאָגט עדות אַזאַ מין אינטערעסאַנטער לינגוויסטישער פּרט, אין רוסישן ספר „אסתר" טרעפט זיך דאָס וואָרט „ב אָ ב ר אָ" (יידיש „בי־

בער"), כדי צו איבערזעצן דאָס העבּרעישע וואָרט ח ו ר (גריכיש „ב י ס ס אָ ן") מיט דער באַדייטונג אָ„ ווייס זיידנס געוועב". אין רוסישן טעקסט פון יוסף פלאַ־וויוסעס „יידישן קריג" האָט דאָס אייגנשאַפטס־וואָרט „באַ־בריאַן" די באַדייטונג „זיידענער" (אויף גרי־כיש „סעריקאָס"). אזאַ מין דערשיינונג איז נישט פאַרשטענ־דלעך סיי פון שטאַנדפונקט פון די סלאַווישע שפּראַכן און סיי פון העברעיש און גריכיש, וועלכע קומען דאָ אין באַטראַכט, ווי די אָריגינאַל־שפּראַכן, פון וועלכע עס זענען געמאַכט גע־וואָרן די אַלט־רוסישע איבערזעצונגען. צי קאָן מען בכלל דערקלערן די דאָזיקע רעטזעלהאַפטע שפּראַך־דערשיינונג? ווייזט זיך אַרויס, אַז יאָ. די אַראַבישע געאָגראַפן, וועלכע האָבן געשריבן וועגן די כוזרים, האָבן איבערגעלאָזט אַ וויכטיקע ידי־עה, אַז ביי די כוזרים האָט דאָס וואָרט כ אַ ז באַדייט גלייכ־צייטיק סיי ביבער־פוטער, סיי זיידנס (רויי־שטאָף). אַזוי אַרום זעט מען בפירוש, אַז דאָס אַלט־רוסיש וואָרט „ביבער" האָט געקראָגן דעם באַדייט „זיידנס" אונטערן איינפלוס פון דער כוזרישער שפּראַך און גיכער פון אַלץ פון דער שפּראַך פון די כוזרישע יידן.

די ווישנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פון אַלט־רוסישן טעקסט פון „יוסיפון" זאָגט אונדז צו צו באַרייכערן מיט אַ גאַנצער ריי נייע פּרטים וועגן די יידיש־רוסישע קולטור־באַציונגען.

אַנדערע אַלט־רוסישע איבערזעצונגען פון העברעיש

אין דער אַלט־רוסישער ליטעראַטור זענען פאַראַן אַחוץ די אָפיציעל אָנערקענטע דורך דער קריסטלעכער קירך ביבלישע ספרים (חומש, תנ״ך) אַ גאַנצע ריי נישט קאַנאָניזירטע טעקסטן, די אַזוי גערופענע „אַ פּ אָ ק ר י פ ן״ (אויף גריכיש „געהיימע״) אָדער ספרים חיצונים, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אונדז אין זאַמל־ביכער, וואָס ווערן גערופן „פּ אַ ל ע י אַ״ (פון גריכישן פּ אַ ל אַ י אָ ס — „אַלטער, אַמאָליקער״). אין די דאָזיקע זאַמל־ביכער אין כתב ידן פון XV י״ה איז באַקאַנט דער אַפּאָקריף וועגן „שלמה המלך און דעם קיטאָווראַס״. דער שפּראַכלעכער אַנאַליז באַווייזט, אַז די דערציילונג איז אויפגעקומען אין אַלט־רוסלאַנד נאָך אין XI י״ה און שטעלט מיט זיך פאָר אַן איבערגעאַרבעטע איבערזעצונג פון אַ העברעיש־תלמודישן פּראָטאָטיפּ וועגן שלמהן און דעם אַשמדאַי. קיטאָווראַס, דאָס איז אַ לעגענדאַרע דעמאָנישע געשטאַלט. דער נאָמען שטאַמט פון גריכישן וואָרט ק ע נ ט אַ ו ר אָ ס (לויט דער מיטאָלאָגיע אַ „מענטשן־פערד״) וועלכער איז ביי די אַלטע הינדוסן איבערגענומען געוואָרן אין דער פאָרם פון „גאַנדאַרוואַ״. מיט זיין הילף קריגט שלמה דעם שטיין ש אַ מ י ר (אויף העברעיש באַדייט ש מ י ר „דיאַמ אַ נ ט״), וואָס איז אים נייטיק, כדי צו האַקן שטיינער פאַר דערבויונג פון דעם בית־המקדש, נישט באַנוצנדיק דערביי קיין מכשירים פון אייזן. וועגן די וואונדערלעכע מעשים פון קיטאָווראַס ווערט דערציילט פאָלגנדיקס:

שלמה האָט זיך דערוווסט, אַז דער קיטאָוורעאָס לעבט אין אַ ווייטן מדבר. האָט ער געהייסן אויסשמידן אַן אייזערנע קייט מיט אַן אייזערנעם האַלדזבאַנד און אָנשרייבן אויף אים דעם שם־המפורש. מיט דער־אָ קייט האָט ער אַוועקגעשיקט זיין בעסטן הויפמאַן („באָיאַרין" אויפן רוסישן שטייגער) מיט אַ סוויטע, וועלכע האָבן געפירט מיט זיך ווייַן, מעד (אַ טיפּי־שער סלאַווישער געטראַנק!) און פעלן פון שאָף. לויט שלמה׳ס אָנווייזונג האָבן זיינע דינער אָנגעפילט די דריי ברונעמער, פון וועלכע דער קיטאָווראַס פלעגט טרינקען, מיט וויין און מעד און באַדעקט זיי פון אויבן מיט פעלן. אַליין האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין דער זייט. דער קיטאָווראַס איז געקומען, אויס־געטרונקען די דריי ברונעמער, שיכור געוואָרן און אַריינגע־פאַלן אין אַ טיפן שלאָף. דאַן טאַקע האָט שלמה׳ס הויפמאַן אָנגעטאָן אויפן קיטאָווראַס דעם האַלדזבאַנד מיטן שם המפורש. ווען דער קיטאָווראַס האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך גע־וואָלט באַפרייען, נאָר דערזעענדיק דעם שם המפורש, איז ער געוואָרן פול מיט הכנעה צו שלמהס מענטשן. וועלכע האָבן אים אַוועקגעפירט קיין ירושלים. אַזוי ווי דער קיטאָווראַס איז געגאַנגען נאָר לויט אַ גראַדער ליניע, נישט אָראָפּגייענדיק פון וועג, האָבן שלמהס דינער דורכגע־לייגט פאַר אים אַ ספּעציעלן וועג, פאַרניכטנדיק די הייזער, וואָס האָבן געשטערט דעם דורכגאַנג. מען האָט געדאַרפט אויך צעשטערן די הייזקע פון אַן אָרעמער אַלמנה. האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געבעטן דעם קיטאָווראַס אויף איר רחמנות צו האָבן. דער קיטאָווראַס האָט געוואָלט פאַרבייגיין דאָס הייזל נישט אַראָפּגייענדיק פון גלייכן וועג, האָט ער זיך טאַקע צעבראָכן אַ ריפּ. דאַן האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן: „אַ ווייך וואָרט צעברעכט אַ ביין און אַ שלעכט וואָרט רופט

אַרויס צאָרן". גייענדיק ווייטער דורכן מאַרק האָט דער קיטאָ־וורואַס דערהערט, ווי אַ מאַן פרעגט, צי פאַרקויפט מען ניט קיין שיך, וועלכע מען זאָל קאָנען טראָגן 7 יאָר, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. נאָך ווייטער האָט ער דערזען אַ מכשף, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט כישוף, האָט ער זיך נאָכאַמאָל פאַנאַנדערגעלאַכט, אָבער דערזעענדיק אַ פריילעכע חתונה, האָט ער זיך גאָר פאַנאַנדערגעוויינט. נאָך דעם, ווי שלמה המלך האָט זיך פון קיטאָווראַס דערוווסט, ווי מען קאָן באַקומען דעם שטיין „שאַמיר", האָט ער אים גענומען אויספרעגן, פאַרוואָס האָט ער צוויי מאָל געלאַכט אויפן מאַרק און איינמאָל געוויינט. דער קיטאָווראַס האָט געענטפערט, אַז ער האָט געלאַכט פון מאַן, וועלכער האָט געזוכט שיך אויף זיבן יאָר, ווייל עס איז אים געבליבן צו לעבן נאָר 7 טעג. פון כישוף־מאַכער האָט ער ווידער געלאַכט דערפאַר, ווייל אַנטדעקנדיק מענטשן פאַרשיי־דענע סודות, האָט ער אַליין ניט געוווסט, אַז אונטער אים געפינט זיך אַ קעלער מיט גאָלד. געוויינט האָט ער דערפאַר, ווייל ער האָט רחמנות געקראָגן אויפן יונגן מאַן, וועלכער האָט אָקאָרשט חתונה געהאַט, און וועמען עס איז באַשערט געווען צו בלייבן לעבן נאָר 30 טעג. שלמה האָט באַפוילן צו קאָנ־טראָלירן די רייד פון קיטאָווראַס, און אַלץ, פאַרשטייט זיך, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת וישר.

פון דער דערציילונג איז צו זען, ווי באַליבט און פאָלקס־טימלעך שלמה המלך איז געווען אין די רוסישע אַפּאָקריפן־זאַמלונגען שוין אין די אַלט־קיעווער צייטן. כאַראַקטעריסטיש, אַז דער דאָזיקער אַפּאָקריף האָט ניט קיין גריכישן וואַריאַנט און במילא קאָן מען אים ניט אַרויספירן פון דער ביזאַנטי־ניש־קירכלעכער טראַדיציע. דער תלמודישער אַפּאָקריף וועגן שלמה און דעם אַשמדאַי, האָט געוויסע מאָטיוון, וואָס פאַר־

בונדן אים מיט דעם איראַנישן און אינדישן וואַריאַנט פון דער דאָזיקער לעגענדע און האָט אַ אָנשפּאַר אין ספר מלכים ג׳, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז ווען מען האָט געבויט דעם בית־המקדש, האָט מען גענוצט געשליפענע שטיינער און מען האָט נישט געהערט קיין קלאַנג פון קיין האַמער און פון קיין דלאָט און פון קיין שום אַנדערן אייזערנעם מכשיר.

אַחוץ דעם אַפּאָקריף וועגן שלמה און דעם קיטאָווראַס געפינט זיך אין דער „פּאַלעיאַ״ אויך אַ ווערק „שלמה׳ס מש־פּטים״, ווו עס ווערט דערציילט וועגן שלמה המלכ׳ס חכמות. דאָס איז אויך אַ באַאַרבעטונג פון אַ העברעישער ווערסיע. ענלעכן אויספירן ווערן איצט געמאַכט לגבי דעם „ספר אס־תר״ אין דער אַלט־רוסישער ווערסיע, וועלכע מען האָט פריי־ער געהאַלטן פאַר אַן איבערזעצונג פון XV י״ה, לגבי די אַפּאָקריפן וועגן משה רבינו, לגבי דעם משל „וועגן קרומען און בלינדן״, וואָס איז דערגאַנגען אין דעם „וואָרט״ פון ציריל פון טוראָוו (XII י״ה) א״א.

אַ סך אידענטישע מאָמענטן אין דער שפּראַך און אין סטיל פון די אָקאָרשט דערמאָנטע רוסישע איבערזעצונגען באַווייזן, אַז צווישן זיי עקזיסטירט אַ געוויסע נאָענטקייט און פאַרבינדנ־קייט, וועלכע דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס זיי שטאַמען אַלע פון איין און דער זעלבער שול פון XI י״ה, וועלכע האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף איבערזעצונגען פון העברעיש. אַזוי ווי מיר האָבן דאָ הויפּטזעכלעך צו טאָן מיט ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זענען נישט באַקאַנט פון תנ״ך, איז דאָס זייער אַ וויכטיקער מאָמענט. אויב די באַקאַנטשאַפט מיטן תנ״ך איז געלעגן אין די נאָרמען פון דער אָפיציעלער קריסטלעכער דאָג־מע, איז די באַקאַנטשאַפט מיט תלמוד, מדרש און היסטאָרישע

ווערק, ווי „יוסיפון" געווען דער דירעקטער רע־זולטאַט פון איינפלוסן און קאָנ־טאַקטן צווישן דער רוסישער און יידישער קולטור פון יענער צייט.

אַ ווייטערדיקער נישט ווינציק וויכטיקער אויספיר, וועל־כער לאָזט זיך מאַכן ביים היסטאָרישן אַנאַליז פון דעם אַלט־רוסישן ליטעראַרישן מאַטעריאַל, באַשטייט אין פאָלגנדיקס: די קיעווער יידן האָבן געהאַט אַחוץ דער אַלגעמיין־פאַרשפריי־טער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור (תנ"ך, תל־מוד, מדרש,תפילות) אויך אַ וועלטלעכע ליטעראַטור, היסטאָרישע דערציילונגען און לעגענדעס, וועלכע זענען טייל־ווייז געקומען פון מערב און ביזאַנץ, ווי דער „ספר יוסיפון" און מסתמא טיילווייז געשאַפן געוואָרן אויף אַן אָרט, אָנהייבנדיק פון די כוזרישע צייטן, ווי דאָס איז צו זען אויפןביישפיל פון דער לעגענדע וועגן אָננעמען דעם יידישן גלויבן דורך די כוז־רים.

די קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג פון די דאָזיקע פאַקטן איז נישט צו איבערשאַצן. זיי באַווייזן בפירוש, אַז נאָך אין מיטן פון XI י"ה זענען אין קיעוו געווען זייער לעבהאַפטע די קולטורעלע טראַדיציעס, פאַרבונדענע מיט דער כוזרישער תקופה און מיט די כוזרי־שע יידן.

פּאָלעמיק קעגן יידן און כוזרים

דאָס זעט מען באַשייַנפּערלעך אין ליכט פון דעם אַנאַליז פון די אַלט-רוסישע ליטעראַטור-דענקמעלער. אין דעם זין איז זייער אינטערעסאַנט „דאָס וואָרט" פון קיעווער מעטראָפּאָליט הילאַריאָן. די דאָזיקע דרשה איז געוואָרן אָנגעשריבן אין די יאָרן צווישן 1037 און 1050. דאָס איז געווען זייער אַ פּאָפּולער ווערק און זיין אויטאָר טרעט אַרויס אַלס הייסער פּאַרטייידיקער פון דער קריסטלעכער אמונה, וועלכע ער באַטראַכט אַלס די העכערע און אמתע תורה אין פאַרגלייך מיטן יידישן גלויבן. אָבער דער דאָזיקער טראַפאַרעטער מאָטיוו איז אָנגעפילט ביי הילאַריאָנען מיט אַ קאָנקרעטן היסטאָרישן אינהאַלט. כאָטש עס איז דורכגעגאַנגען כמעט אַכציק יאָר זינט די מזרח-סלאַווען האָבן אַראָפּגעוואָרפן די אויבערהערשאַפט פון די כוזרים, זענען די קולטורעל-פּאָליטישע טראַדיציעס פון די כוזרישע יידן געווען נאָך אויף אַזויפיל שטאַרק, אַז מען האָט באַדאַרפט אין קיעוו פירן מיט זיי אַ פּאָלעמיק, און אָט די דאָזיקע פּאָלעמישע אָנגעצילטקייט איז צוממערסטן כאַראַקטעריסטיש פאַר הילאַריאָנס „וואָרט". אַרויסטרעטנדיק קעגן דעם יידישן גלויבן בכלל אַטאַקירט הילאַריאָן פּאַקטיש די רעליגיע פון די כוזרים און די כוזרישע יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין קיעוו און געפירט אַ ברייטע קולטורעלע און אַפילו אויך אַקטיווע מיסיאָנערישע טעטיקייט. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז הילאַריאָן, כדי צו לויבן וולאַדימירן, באַנוצט דעם טיטל „ק אַ ג אַ ן" וואָס זאָגט עדות וועגן געוויסע פּאָליטישע טראַדיציעס פאַרבונדענע מיט דער כוזרים-תקופה,

הילאַריאָן שרייבט בוכשטעבלעך וועגן „אונדזער לערער און מדריך, דעם גרויסן ק אַ ג אַ ן פון אונדזער לאַנד, וולאַדי־מיר, דעם אייניקל פון אַלטן איגאָר, און דעם זון פון רומפולן סוויאַטאָסלאַוו". אין דער קיעווער קאַטעדראַל־קירך (סאָבאָר) פון דער הייליקער סאָפיע האָט מען געפונען אַן אויפשריפט פון XI י"ה: „ג אָ ט, ז יי מ צי ל א ו נ ד ז ע ר ק אַ־ג א ן"... ווייטער גייט אַ נישט לעזבאַר וואָרט, וואָס הייבט זיך אָן אויפן סמך. מען מיינט, אַז דאָ איז געווען אָנגעשריבן דער נאָמען פון גרויספירשט „סוויאַטאָסלאַוו". מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די עלטסטע ידיעה וועגן באַנוצן דורך די רוסישע פירשטן דעם טיטל „ק אַ ג אַ ן" באַציט זיך צום IX י"ה. אין די אַנאַלן פון בערטינער קלויסטער ווערט דערציילט, אַז אין 839 יאָר זענען צום הויף פון לודוויק דעם פרומען געקומען שליחים פון רוסישן מלך כ אַ ק אַ ן.

אַזוי אַרום קאָן מען מיט פולן רעכט באַהויפּטן, אַז אין מזרח־אייראָפּע אין פעריאָד פון IX און X יאָרהונדערט טרעטן די העברעישע ליטעראַטור און קולטור אַרויס אַלס באַדייטנ־דיקער קולטור־פאַקטאָר. מיט וועלכן די פּאָרמירנדיקע זיך אַלט־קיעווער רוסישע קולטור האָט זיך שטאַרק גערעכנט.

קורצע אויספירן

די אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן און די פאַרוויסטונג פון קיעוו האָט געמאַכט אַן ענדע צו דער עקזיסטענץ פון אַ זעלב־שטענדיקן יידישן קיבוץ אין די לענדער ביים דניעפּר. די יידי־שע באַפעלקערונג ווערט טיילווייז פאַרניכטעט, אַסימילירט, טיילווייז וואַנדערט זי מסתמא אויס קיין מערב און מישט זיך צונויף מיט די פוילישע יידן. די שפּעטערדיקע געשיכטע פון יידן אין די קאַנטן איז שוין פאַרבונדן מיט די היסטאָרישע גורלות פון פוילישן יידנטום און זיין פאַרשפּרייטונג אויף אוק־ראַינע. אַזוי אַרום האָבן מיר געפּרווט באַווייזן מיט פאַקטן, אַז די יידישע געשיכטע אין דרום־רוסלאַנד איז ענג פאַרבונדן, פון איין זייט, מיט דער געשיכטע פון העלעניסטישן יידנטום און, פון דער אַנדערער זייט, מיט דער געשיכטע פון די כוז־רים אין פריען מיטלאַלטער. דאָס גיט אַ מעגלעכקייט צו בוי־ען אַ בריק צווישן פאַרשיידענע עפּאָכעס פון יידישער געשיכ־טע אין מזרח־איראָפּע, צו ליקווידירן טיילווייז די ווייסע פלעקן צווישן אַנטיקער און מיטלאַלטערלעכער געשיכטע פון יידן און צום אַוועקשטעלן קלאָר די פראַגע וועגן צוויי טויזנט יאָר כסדרדיקער יידישער געשיכטע אין איראָפּעישן מזרח, נישט געקוקט אויף רעליגיעזע רדיפות און נאַציאָנאַלע פאַר־פאָלגונגען, עמיגראַציע־און אימיגראַציע־כוואַליעס, פּאָליטישע איבערקערענישן. אויפטרייסלונגען און סאָציאַלע

צוויי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע אין מזרח־אייראָפּע, דאָס איז נישט נאָר די געשיכטע פון אַ קליינער און אָפּגעזונדערטער עטנישער גרופּע, נאָר אויך פון אַ וויכטיקן פאַקטאָר פון קולטורעלער אַנטוויקלונג אין די לענדער. די קולטור־געשיכטע פון דרום־רוסלאַנד אין אַלטערטום און אין אָנהייב מיטלאַלטער איז נישט צו באַגרייפן, אויב מען נעמט נישט אין אַכט די אַנטוויקלונג און איינפלוסן פון די יידישע קיבוצים אויפן צפון־ברעג פון שוואַרצן ים און ביים דניעפּר.

די וויכטיקסטע דאַטעס

יאָרן פאַר נייער ערע:	
350	דער פערסישער מלך אַרטאַקסערקסעס אָכוס פאַרטרייבט אַ טייל יידן פון ארץ=ישראל קיין הירקאַניע ביים קאַספּישן ים (פּראָווינץ אין צפון=מזרחדיקן איראַן).
± 200	דער סירישער מלך אַנטיאָכוס דער גרויסער באַזעצט צוויי טויזנט יידישע משפחות פון בבל אַלס מיליטערישע קאָלאָניסטן אין פריגיע און לידיע (קליין=אַזיע).
115 — 128	אין דער הערשאַפט פון אַרמענישן מלך אַרשאַקעס נעמען אָן דעם יידישן גלויבן פאָרשטייער פון דער פירשטלעכער פאַמיליע באַגראַטוני.
63 — 121	דער פאָנטיש=באָספאָראַנישער מלך מיטרידאַטעס דער גרויסער באַזעצט אין קרים און אָלביע קאָלאָניסטן פון קליין=אַזיע, צווישן וועלכע ס’זענען משמעות אויך געווען יידן.
84	דער אַרמענישער מלך טיגראַנעס דער גרויסער באַזעצט אין אַרמעניע, אין די שטעט אַרמאַוויר, אַרטאַשאַטאַ א’’א יידן און סיריער אַלס צוואַנגס=קאָלאָניסטן.

נייע ער״ע	
16 — 22	די עלטסטע אויפשריפט באַשטעטיקט די עקזיסטענץ פון אַ יידישן בית־תפילה אין פּאַנאַגאָריע אויפן טאַמאַנער האַלב־אינדזל.
40	אויפשריפט פון אַ יידישער פּראָסעוכע (בית־תפילה) אין אַנאַפּע.
57	ערשטע אויפשריפט פון דעם בית־התפילה אין פּאַנטיקאַפּאַיאָן — קערטש.
80	אויפשריפט פון דער יידישער קהילה אין פּאַנטיקאַפּאַיאָן.
155	עלטסטע אויפשריפט פון יודאַיזאַנטן אין טאַנאַיס.
230	שפּעטסטע אויפשריפט פון יודאַיזאַנטן אין טאַנאַיס.
284 — 305	רעליגיעזע מהומות אין כערסאָנעס מיטן אָנטייל פון יידן (?)
305	דער גובערנאַטאָר פון טעאָדאָסיע בויט אויס אַ בית־תפילה פון יידישן גאָט.
IV י״ה	יידישע מצבות באַשטעטיקן די עקזיסטענץ פון אַ יידישן קיבוץ אין פּאַנטיקאַפּאַיאָן.
IV — V י״ה	אַ יידישע מצבה זאָגט עדות וועגן יידן אין פּאַנאַגאָריע.
695 ±	אין פּאַנאַגאָריע געפינט זיך אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן דעם דעטראָניזירטן מלך יוסטיניאַנוס II, וועלכער געפינט זיך דאָ צייטווייליק אַלס עמיגראַנט.

731	דער ביזאַנטינישער מלך לעאָן דער איסאַוריער מאַכט חתונה זיין זון קאָנסטאַנטין מיט אַ כוזרישער פּרינצעסין.
740 — 730	כוזרישער פירשט בולאַן (סבריאל) נעמט אָן דעם יידישן גלויבן.
± 809 — 786	אין דער הערשאַפט פון כוזרישן מלך עובדיה ווערט די יידישע אמונה די הערשנדיקע אין כוזרים־לאַנד.
834	די כוזרים בויען אויס די פעסטונג סאַרקעל אויפן דאָן, כדי אויפצוהאַלטן די אָנפאַלן פון די פּעטשענעגן.
± 860	די נאָרמאַנישע פירשטן אַסקאָלד און דיר באַצווינגען קיעוו, וועלכער הערט אויף צו צאָלן צינזן די כוזרים.
± 861	די דרום־סלאַווישע געלערנטע אין ביזאַנטינישער דינסט קאָנסטאַנטין (ציריל) און מעטאָדיוס באַזוכן כערסאָנעס און דאָס כוזרים־לאַנד.
913	אָנפאַל פון די רוסן אויף די לענדער ביים קאַספּישן ים און קאַמף מיט די כוזרים־מוסולמענער.
± 930	דער מלך אַהרן שליסט אַ פרידנס־אָפּמאַך מיט די אַלאַנען.
940 — 930	אָנפאַל פון די רוסן אויף סמקרץ. די כוזרים פאַרנעמען כערסאָנעס.
945	אין קיעוו עקזיסטירט אַ כוזרישער שטאָט־פערטל („קאָזאַרע“).

965 דער רוסישער גרויספירשט סוויאַטאָסלאַוו באַזיגט די כוזרים און פאַרנעמט סאַרקעל — ביעלאַ וויעזשאַ.

986 כוזרישע יידן נעמען אָנטייל אין רעליגיעזן דיספוט ביים הויף פון גרויספירשט וולאַדימיר.

1113 אומרועז אין קיעוו קעגן די פעאָדאַלן פאַרבונדענע מיטן פירשט סוויאַטאָפּאָלק איזיאַסלאַוואָוויטש און יידן.

1124 גרויסע שרפה אין קיעוו, פון וועלכער עס ליידן פיל יידן.

± 1174 קריגספירער פון יידישן אָפּשטאַם נעמען אָנטייל אין דער פאַרשווערונג קעגן פירשט אַנדריי באָגאָליובסקי.

± 1180 — 1170 ידיעות וועגן אויסגעוואַנדערטע תלמודיסטן פון אַלט־רייסן: ר׳ משה פון קיעוו און ר׳ איטשע פון טשערניגאָוו.

אויסגעוויילטע ביבליאָגראַפיע

א. הרכבי. היהודים ושפת הסלוואים, ווילנע 1867.

ב. מאַרק. די געשיכטע פון יידן אין פוילן. פאַרלאַג „יידיש בוך". וואַרשע 1957 (אַריינפיר־טייל, קאַפיטלען 6 און 7).

ב. נאַדעל. אַ וויכטיקער מקור צו דער געשיכטע פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע אין אָנהייב פון IV י"ה. „בלעטער פאַר געשיכטע", ב. IX, וואַרשע 1958.

ב. נאַדעל. די עלטסטע געשיכטע פון יידן אין מזרח־אייראָפּע. „פאָלקס־שטימע", נומ. 27, 29, 31 און 33, וואַרשע 1958.

ב. נאַדעל. יידן און כוזרים אין ליכט פון נייע פאָרשונגען. „פאָלקס־שטימע", נומ.: 36, 40, 44, 48, 52 און 55. וואַרשע 1958.

ב. נאַדעל. די ערשטיקע יידיש־רוסישע קולטורעלע קאָנטאַקטן. „יידישע שריפטן", נומ. 8 און 9, וואַרשע 1958.

ב. נאַדעל. קאַראַימער און כוזרים אין פריען מיטלאַלטער. „פאָלקס־שטימע", נומ.: 136, 137, 139, 140, 141 און 143, וואַרשע 1959.

M. I. ARTAMONOW: Jewropiejskaja czast' SSSR w pieriod chazarskogo kaganata. „Istorija SSSR", cz. III—IV (makiet). Izdat. Akad. Nauk. Moskwa—Leningrad 1939.

Nadpisi na bakłażkach Nowoczerkaskogo Muzieja. „Sowiestkaja Archeołogija", t. XIX. Moskwa 1954.

Sarkel-Biełaja Wieża. „Trudy Wołgo-Donskoj archeołogiczeskoj ekspedicyj", t. I. Moskwa—Leningrad 1958.

Sriedniewiekowyje posiedlienija na Donu. „Izwiestija Gosud. Akad. Istorii Matierialnoj Kultury". Leningrad 1935.

D. A. CHWOLSON: Sbornik jewriejskich nadpisiej. Petersburk 1884.

L. W. CZERIEPNIN: Russkaja paleografija. Gosud. Izdat. Polit. Literatury. Moskwa 1956.

M. D. DUNLOP: The History of the Jewish Khazars. Princeton 1954.

R. EHRLICH: Olwijskaja nadpis IOSPE, I, 2 ed., 176. Doklady Akad. Nauk SSSR. Seria B. Leningrad 1928 (ASPASMOS. I. I. Tołstomu uczeniki i druzija. Leningrad 1928).

J. B. FREY: Corpus inscriptionum Judaicarum, t. I. Roma 1936.

A. J. GARKAWI: Skazanija musulmanskich pisatieliej o Sławianach i Russkich. Petersburg 1870.
J. GESSEN: Istorija jewriejskogo naroda w Rossii, t. I. Leningrad 1925.
E. R. GOODENOUGH: The Bosporus Inscriptions to the Most High God. „Jewish Quarterly Review", t. XLVII, nr. 3. Philadelphia 1957.
N. K. GUDZYJ: Istorija driewnierusskoj literatury. 6 izd. Gosud. Uczebno-pedag. Izdat. Moskwa 1956.
L. P. JAKUBINSKIJ: Istoria driewnierusskogo jazyka. Gosud. Uczebno-pedagog. Izdat. Moskwa 1953.
M. K. KARGER: Drewnij Kijew, t. I. Izdat. Akad. Nauk. Moskwa—Leningrad 1958.
P. K. KOKOWCOW: Jewriejsko-chazarskaja pierepiska w X wiekie. Leningrad 1932.
F. KUPFER — T. LEWICKI: Źródła hebrajskie do dziejów Słowian w XI—XII w. Wrocław 1956.
A. I. LIASZCZENKO: Kijew i Sambatas u Konstantina Bagrianorodnogo. Doklady Akad. Nauk SSSR. Seria B. Leningrad 1930.
T. LEWICKI: Ze studiów nad tzw. „Korespondencją chazarską". „Biuletyn Żyd. Instytutu Historycznego", nr 11—12. Warszawa 1954.
Źródła arabskie do dziejów Słowiańszczyzny, t. I. Wrocław—Kraków 1956.
M. A. MIESZCZERSKIJ: „Istorija judiejskoj wojny" Josifa Flawija w driewnierusskom pieriewodie. Izdat. Akad. Nauk. Moskwa—Leningrad 1958.
G. MORAVSCIK: Byzantinoturcica. Sprachreste der Turkvölker in den Byzantinschen Quellen. Berlin 1958.
B. I. NADEL: Ob akonomiczeskom smyslie ogoworki khoris eis ten proseukhen thopeias ktl. „Wiest-

nik Driewniej Istorii". nr. I, Moskwa 1948.
Powiest' wriemiennych liet. Izdat. Akad. Nauk. Moskwa—Leningrad 1958.
Regesty i nadpisi. Swod matierialow dla istorii Jewriejew w Rossii, t. I. Petersburg 1899.
E. SCHÜRER: Die Juden im bosporanischen Reiche. „Sitzungsberichte der königl. Preuss. Akad. der Wissenschaften". Phil.-hist. Klasse. Berlin 1897.
A. M. SIELISZCZEW: Starosłowianskij jazyk, cz. I. Gosud. Uczebno-pedagog. Izdat. Moskwa 1951.
A. M. SZECZERBAK: Nieskolko słow o prijomach cztienija runiczeskich nadpisiej najdiennych na Donu. „Sowietskaja Archeologija", t. XIX. 1954.
A. ZAJĄCZKOWSKI: Ze studiów nad zagadnieniem chazarskim. Kraków 1947.
B. J. NADEL: Filologiczeskije i diplomaticzeskije zamietki k bosporskim manumisijam, „Wiestnik Drewniej Istorii" nr 1, Moskwa 1958.
Żydowskie dokumenty prawne ze starożytnego Nadczarnomorza (studium epigraficzne). „Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego, nr 27, Warszawa 1958.

אינהאַלט

זייט

פעריאָדיזאַציע און מקורים 3

I. אַנטיקע תקופה 7

II. כוזרים־תקופה 51

די וויכטיקסטע דאַטעס 150